STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05948

DER ARBEYTER RING ZAMEL BUKH

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער ארבייטער רינג

זאַמעל בוך

סאָוועניער

דער צעהנטער יעהרליכער קאנווענשאן געווידמעט

1910

אַרויסגעגעבען פון צעהנטען יעהרליכען קאנווענשאן קאנפערענץ
ניו יארק

With Compliments of Convention Arrangements

Committee of Twenty-five.

65272



פעראייניגונג.

א. ליעסין.

דער אַרבייטער רינג, זיין וואקס און זיינע אויפגאַבען.

(צו דער קאָנווענשאָן).

אין 1904־טען יאהר, בעגריסענדיג די פיערטע קאָנ־
ווענשאָן פון ארבייטער רינג, האָט דער שרייבער
פון דיעזע צייל͏ען געשריעבען פאָלגענדעס:

די דעלעגאַטען פון דער פיערטער קאָנווענשאָן רעפּרעזענטירען איצט העכער אלס 3 טויזענד מיטגליעדער, וועלכע זיינען גרעסטענטהיילס פאַמיליען־פאָטערס. לאָמיר האָפען, אז דיעזע טויזענדער זיינען נור די וועג־אויסליינער, די פונדאַמענט־בויער, די פּיאָנערען פון דעם גרויסען אַרבייטער רינג פון דער צוקונפט, וואָס וועט שוין רעפּרעזענטירען ניט טויזענדער, נור הונדערטער טויזענדער אידישע אַרבייטער־פאַמיליען, וואָס וועט דורכדרינגען אין יעדע אידישע פּראָלעטאַריער־הויז צוזאַמען מיט דעם פרייען געדאַנק, דעם געפיהל פון סאָלידאַריטעט און די גרויסע און הערליכע בשורה פון סאָציאַליזמוס.

6 יאָהר זיינען פאָראיבער, און די יום־טוב׳דיגע ווערטער, וואָס זיינען געשריעבען געוואָרען אין א יום־טוב׳דיגער שטימונג, הויבען אָן

צו ווערען פאַקטען פון דער ווירקליכקייט. די עטליכע טויזענד מיטגליעדער פון 1904טען יאָהר קענען זיך שוין איצט ווירקליך רעכענען אלס די וועג־אויסלייקער און די פונדאַמענט־בויער. אין פערלויף פון דיעזע 6 יאָהר זיינען צו דיעזע עטליכע טויזענד צוגעקומען נאָך עטליכע און דרייסיג טויזענד. און דער אָרדען האַלט אַלץ אין איין וואַקסען, און עס ווערען פערווירקליכט די מעהר ערוואַרטעטע האָפנונגען. אין 1904־טען יאָהר זיינען צוגעקומען ביי א דריטהאַלבען טויזענד נייע מיטגליעדער, און אין 1909־טען יאָהר זיינען צוגעקומען ביי א 15 טויזענד נייע מיטגליעדער. אין 1904־טען יאָהר זיינען געווען 84 בּרענטשעס, און אין 1910־טען יאָהר זיינען שוין פאַראַן 425 בּרענטשעס.

425 בּרענטשעס פאַנאַנדערגעצווייגט איבער'ן גאַנצען לאַנד — אין מזרח און אין מערב, אין צפון און אין דרום! דאָס זיינען 425 שולען, וואו דער אידישער אַרבייטער לערנט דעם וויכטיגען לעסאָן פון אַרבייטער־סאָלידאַריטעט. דאָס זיינען 425 קולטור־צענטרען, דורך וועלכע עס קען אריינגעבּראַכט ווערען אויף פערשיעדענע וועגען און אויף אַן אָרגאַניזירטען אופן ליכט און אויפקלעהרונג אין די אידישע פּראָלעטאַריער־הייזער. דאָס איז ווירקליך אַן אַרבּייטער רינג, א גרויסער און א פעסטער, וואָס נעהמט שוין איצט אַרום אין א ברידערליכען בּונד צעהנדליגע טויזענדער אידישע אַרבייטער־פאַמיליען, און ער האָט אַלע אויסזיכטען אַרומצונעהמען אין נאָהענטער צוקונפט די גאַנצע אידישע אַרבייטער־בּעפעלקערונג פון אַמעריקא.

* * *

און איצט, ווען דער אַרבייטער רינג פּייערט אזוי מונטער זיין צעהנטע קאָנווענשאָן, זייט ער איז געוואָרען אַן אָרדען, איז אַם פּלאַץ צו זאָגען, א פּאָר ווערטער וועגען די ערשטע גרינדער פון אַרבייטער־רינג, צו וואַרפען א בליק צוריק אין דער פערגאַנגענהייט און אפּשטעלען זיך א ביסעל אויף דעם ערשטען פעראיין, פון וועלכען דער אָרדען האָט אַרויסגעשפּראָצט.

דאָס איז געווען מיט א יאָהר 18 צוריק, ווען עס איז אָרגאַניזירט געוואָרען דער ערשטער פעראיין „אַרבייטער רינג“. אין סאָציאַליסטישע קרייזען האָט מען דעם פעראיין א גאַנץ קאַלטען קבלת פּנים געגעבען.

אין די סאָציאַליסטישע קרייזען האָט מען זיך דאַן געקליעבען צו נעהמען מיט שטורעם דעם גאַנצען אידישען קוואַרטאַל, מען האָט ערוואַרטעט היינט־מאָרגען די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן, און מען האָט ניט געקענט בעגרייפען, ווי ערנסטע מענשען קענען זיך אין אַזאַ צייט אָפּגעבען מיט אַ מין בענעפיט־סאָסייעטי.

די גרינדער פון אַרבייטער־רינג זיינען געקומען מיט אַלערליי שעהנע און איידעלע אויפגאַבען; זיי האָבען זאָגאָר געפּלאַנעוועט און געגרינדעט קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעהמונגען. אין דער בעוועגונג האָבען זיי אָבער געהאַט אַ פּנים פון חוזק. מיט אַלע זייערע אויפגאַבען האָבען זיי ניט געקענט פאַרגלעטען דעם פּונקט וועגען געגענזייטיגער אונטערשטיצונג. דיעזער אומגליקליכער פּונקט האָט ביי זיי פון אָנפאַנג אָן יעדע קרעדיט אוועקגענומען. אומזיסט האָבען זיי אָנגעוויעזען, אַז אויך הינטער דיעזען פּונקט שטעהט אַן אידעאַל — אָפּצורייסען דעם אידישען אַרבייטער פון די קאָנסערוואַטיווע לאָדזשען. זיי האָבען מיט זייערע אַרגומענטען קיין סימפּאַטהיע ניט געוואונען; זיי האָבען אפילו קיין אויפמערקזאַמקייט ניט געוואונען.

אין די סאָציאַליסטישע קרייזען האָט מען דאַן ערוואַרטעט, אַז אַט־אָט און די קאָנסערוואַטיווע לאָדזשען וועלען ממילא דורכגעדרונגען ווערען מיט'ן סאָציאַליזמוס. און מען האָט מיט די לאָדזשען ניט געוואָלט איינרייסען. אָפּאָזיציאָנס־יוניאָנס האָט מען זיך ערלויבט, אָבער ניט אָפּאָזיציאָנס־לאָדזשעז.

די סאָציאַליסטען האָבען געקוקט אויפ'ן אַרבייטער רינג, ווי אויף אַ לאָדזש. ווי אויף אַ אונגעווינשטע און אונזיכערע לאָדזש; און די קאָנסערוואַטיווע אידען האָבען אויף איהם געקוקט, ווי אויף אַ סאָציאַליסטישען פעראיין. ריכטיגער געזאָגט, מען האָט אויף איהם גאָר ניט געקוקט — ניט אין די סאָציאַליסטישע און ניט אין די קאָנסערוואַטיווע קרייזען; די גרויסע מאַסען האָבען פון איהם פּשוט ניט געוואוסט.

דער אַרבייטער רינג האָט אויסגעוויעזען אַזוי קליין, אַזוי אונבעדייטענד־קליין, דאָס מען האָט ניט געפונען פאַר נויטיג צו פערפאָלגען איהם אפילו, עפּענטליך צו קריטיקירען איהם אפילו. מען האָט וועגען איהם ניט גערעדט, מען האָט איהם פעראַכטעט און פערשוויגען — און

דאָס איז געווען פאַר איהם דאָס ערגסטע, דאָס געפעהרליכסטע.

זייט דאַן האָט זיך אָבער פיעלעס אומגעביטען אין קעסעל־גרוב פון דער צייט.

אַנשטאָט דער גרויסער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן, האָט מען זיך בלויז דערוואַרט אויף פערשיעדענע קליינע פּאַרטיי־איבערקעהרענישען, פּאַרטיי־רעוואָלוציאָנען. און דער שטורעם, מיט וועלכען מען האָט זיך געקליעבען צו נעהמען דעם קוואַרטאַל, איז שוין לאַנג אוועק, און דעם קוואַרטאַל האָט מען ניט גענומען. און ווען די גאַנצע אידישע בעוועגונג איז געלעגען אזוי ווי נאָך אַ שלאַכט, איבערפילט מיט פערוויסטע אָר־גאַניזאַציאָנען און טויטע נשמות, איז דער ארבייטער רינג געבליעבען די איינציגע אָרגאַניזאַציאָן, וואָס איז פון חורבן ניט בעריהרט געוואָרען — די איינציגע אָרגאַניזאַציאָן, וואו אַלעס איז פול געווען מיט לעבענס־קראַפט. די קליינע פערשוויגענע, פעראַכטעטע בענעפיט־סאָסייעטי איז אויסגעוואַקסען אין אַ גאַנצען אָרדען, אין אַ גרויסען אָרדען פון פאַרט־געשריטענע אידישע ארבייטער, וואָס האָט אומגעקעהרט לעבען אין שטרעבען צו הונדערטער און טויזענדער.

מען האָט אַ לאַנגע צייט דעבאַטירט, צו מיר דאַרפען זיין צופריע־דען דערמיט, צו ניט, צו דאָס איז נאָרמאַל, צו ניט. פון אַלע דעבאַטען איז אָבער געבליעבען דער פאַקט, דער אונבעשטרייטבאַרער פאַקט: דאָס איינציגע אין דער בעוועגונג, וואָס לעבט אויף אַן אמת'ען און וואַקסט אויף אַן אמת'ען, איז דער אָרדען פון ארבייטער רינג.

* * *

מיר ווייסען ניט, אויב די גענאָסען, וועלכע האָבען אין 1892־טען יאָהר געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר'ן ארבייטער רינג, האָבען ווירקליך פאָראויסגעזעהען די גרויסקייט פון דעם בנין, וואָס וועט אויף דיעזען פונדאַמענט אוועקגעשטעלט ווערען. מיר אַלע קענען אָבער איצט זעהען, אז דער פונדאַמענט איז געווען אַ פעסטער, אז דער באָדען, אין וועלכען דיעזער פונדאַמענט איז געלייגט געוואָרען, איז געווען דער פּאַ־סענדסטער.

אין קיין ציוויליזירטען לאַנד אין דער וועלט איז די מלחמה פאַר'ן לעבען אזוי ניט דורכגענומען מיט אַלערליי אונערוואַרטעטע און שרעק־

ליכע געפאהרען, ווי אין די פעראייניגטע שטאאטען, און אין קיין לאַנד איז אזוי ניט ענטוויקעלט דאָס געפיהל פון אונזיכערהייט, פון עלענד, פון מורא פאר'ן מאָרגענדיגען טאָג. אין די גרויסע שטעדט־מוראוויי־קעס, אין וועלכע דער קאפיטאליזמוס האָט אונז צונויפגעטריבען און צונויפגעשטיקט, לויערען אויף אונז פון אלע זייטען אומגליקען, קראַנקהייטען, טויט. און מענשען מוזען זיך דאָ טוליען איינע צו די אנדערע, זיי מוזען זיך דאָ געגענזייטיג בעוואָרענען, אום צו פיהלען זיך אויפ'ן מלחמה־פעלד כאָטש עטוואָס רוהיגער, כאָטש עטוואָס זיכע־רער. דערום זיינען עס די פעראייניגטע שטאאטען דאָס קלאַסישע לאַנד פון אלערליי פערזיכערונגס־געזעלשאפטען ; דערום לעהרנען זיך דאָ אוים אפילו אונזערע אידישע אימיגראנטען אזוי געשווינד און אזוי פעסט צו ארגאניזירען זיך אין אלערליי לאדזשען און אָרדענס.

און דאָס איז געווען א קלוגע אידעע צו פעראייניגען די אידישע ארבייטער אין א גרויסע פערזיכערונגס־געזעלשאפט, וואָס זאָל זיין דורכגעדרונגען אויך מיט'ן גייסט פון סאָציאליזמוס. דאָס איז געווען א גליקליכע אידעע צונויפצוגיסען אלע אונזערע ראדיקאלע עלעמענטען אין צעמענט פון אן אָרדען וואָס זאָל זיך אויסשפרייטען ווייט און ברייט איבער אלע געהעטאָס פון דער נייער וועלט.

מען האָט אמאָל געהערט, און מען הערט נאָך אויך איצט אפט מאָל קלאגען, אז דער ארבייטער רינג שוואכט אָב די אלגעמיינע בעוועגונג, אז ער ציהט אָפּ קרעפטען פון די יוניאָנס, אז ער ציהט אָפּ קרעפטען פון דער פארטיי. זיינען אָבערווירקליך דיעזע קרעפטען פערלאָרען פאר דער בעוועגונג, ווען זיי בלייבען אין ארבייטער רינג ?

ווי עס איז שוין געזאגט געוואָרען, איז דער אָרדען פון ארבייטער רינג א גרויסע פראַקטישע שולע, וואו דער ארבייטער לעהרנט זיך אויס צו שעצען די וויכטיגקייט פון סאלידאריטעט און די וויכטיגקייט פון אויפקלעהרונג, וואו ער לערנט זיך אוים צו קענען און צו אכטען די יוניאָן פון די ארבייטער, אזוי ווי די פארטיי פון די ארבייטער. און אויב די סאָלידאריטעט פאנגט זיך אָן און ענדיגט זיך נור אין די גרע־נעצען פון ארבייטער רינג־אנגעלעגענהייטען, און אויב די אלגעמיינע בעוועגונג קען אפילו ניט ליפערען די נויטיגע סומע אויפקלעהרונג, וואָס

דער ארבייטער רינג פאַדערט, און אויב די פּארטיי־דיסטריקטען זיינען שוואך און די יוניאָנס זיינען ניט ווי געוואונשען — דאַן דארפען מיר זוכען די שולד ערגעץ אנדערש־וואו, אבער בשום אופן ניט אין ארביי־טער רינג.

און עס איז אויך בשום אופן ניט די שולד פון ארבייטער רינג, ווען מאנכע פּערזאָנען געפינען פאר מעהר אינטערעסאנט צו ארבייטען אין די ברענטשעס פון ארבייטער רינג איידער אין די פּארטיי־דיסטריקטען אָדער אין די יוניאָנס. וואָלט דען בעסער געווען, ווען דיעזע פּערזאָנען וואָלטען אינגאנצען אוועק פון דער בעוועגונג, ניט האָבענדיג אפילו אן ארבייטער רינג וואהין אוועקצוגעהן?

עס קומט אויס צו ווידערהאָלען, וואָס דער שרייבער פון דיעזע צייל̈ען האָט שוין א פּאָר מאָל געשריבען: אויב די יוניאָנס זיינען ניט ווי געוואונשען, אויב די פּארטיי־דיסטריקטען זיינען שוואך, ווען מיר האָבען אן ארבייטער רינג, דאן וואָלטען זיי געווען פיעל־פיעל שוואכער, ווען מיר וואָלטען אן ארבייטער רינג ניט געהאט.

עס איז א רעכט ביסעל משונה, וואס אנדערע פּרובען נאָך עד־היום אויסצוטהיילען דעם ארבייטער רינג פון דער אלגעמיינער בעוועגונג. אויב מען האָט עס ניט געקענט טהאָן אין אמאָהליגע יאהרען, דאן קען מען עס זיכער ניט טהאָן איצט; אויב מען האָט עס ניט געקענט טהאָן, ווען דער ארבייטער רינג איז נאָך קליין און אונבעדייטענד געווען, דאן קען מען עס זיכער ניט טהאָן, ווען דער ארבייטער רינג איז שוין לאנג געוואָרען דער שטארקסטער טהייל פון אונזער בעוועגונג.

לאָמיר וויסען און געדענקען, אז בעת מיר ארבייטען דירעקט פאר'ן ארבייטער רינג, ארבייטען מיר אויך אונדירעקט פאר די יוניאָנס, ארבייטען מיר אויך אונדירעקט פאר דער פּארטיי, ארבייטען מיר אויך ממילא פאר דער גאנצער בעוועגונג.

* * *

דער ארבייטער רינג — דאָס איז איינע פון די געלונגענסטע פאָר־מען, אין וועלכער א טהייל פון אונזער בעוועגונג אין אמעריקא האָט זיך אויסגעגאָסען. און דאָס ווענדט זיך נאָר אן אונז — צו געבען דיעזער פאָרמע דעם רייכסטען און שעהנסטען אינהאלט.

דער פאָרטשריט, דער סאָציאַליזמוס איז ביי דעם אַרבייטער רינג ניט קיין נעבען זאַך, נור אַ גרונד־זאַך, פון וועלכער ער קען זיך ענטזאָגען נור צוזאַמען מיט זיין עקזיסטענץ. און וואָס מעהר פאָרטגעשריטענע מענשען, וואָס מעהר איבערגעבענע סאָציאַליסטען וועלען אין איהם טהעטיג זיין, אַלץ פאָרטגעשריטענער, אַלץ סאָציאַליסטישער וועט דער אָרדען זיין.

און אַ פעלד ליעגט פאַר דעם אַרבייטער־אָרדען זעהר אַ ברייטע, און די אויפגאַבען זיינען נאָך קיין מאָל ניט געווען אַזוי גרויס, און די אויסזיכטען זיינען נאָך קיין מאָל ניט געווען אַזוי גוט.

אין נויאָרק אַליין זיינען שוין איצט פאַראַן ביי אַ מיליאָן אידען. ירושלים אין איהרע בעסטע צייטען האָט אַזוי פיעל אידישע איינוואָהנער ניט געהאַט. די גרויסע אידישע מיטעל־פונקטען פון גלות האָבען קיין מאָל ניט געהאַט אפילו אַ דריטעל פון דיעזער צאָהל. וואונדער־שנעל און וואונדער־גרויס וואַקסען אויך די איבריגע גהעטאָס אין אמעריקא — אין איסט און אין וועסט. מיט יעדען יאָהר, מיט יעדען מאָנאַט וואַקסט אַלץ די אידישע בעפעלקערונג כמעט אין אַלע וויכטיגע שטעדט אין אַמעריקא. יעדער אומגליק, יעדער צרה אויף אידען אין דער אַלטער וועלט שלאָגט אַב איבער'ן אָקעאַן מיט אַ נייער כוואַליע פון אידישע אימיגראַנטען. די אידישע צרות און אומגליקען ווערען אַלץ גרעסער, און אַלץ גרעסער שלאָגען די כוואַליעס פון דער אידישער אימיגראַציאָן.

און דער גרעסטער טהייל פון די אידישע אימיגראַנטען ווערען דאָ אַרבייטער. אין נויאָרק און אין די דערבייאיגע פלעצער, שאַצט מען, זיינען פאַראַן ביי אַ האַלבען מיליאָן אידישע אַרבייטער. דאָס זיינען מערקווירדיגע ציפערן, וועלכע ריידען זעהר פיעל צום קאָפּ און צום הארצען פון יעדען פריינד פון די אידישע פאָלקס־מאַסען.

מאַנכע ציוניסטען האָבען די געוואָהנהייט צו ספעקולירען אויף דער אידישער צוקונפט. זיי שטעלען די פראַגע, וואָס פאַר אַ פאָלק וואָלטען די אידען געווען, ווען זיי וואָלטען געקענט לעבען אַ פרייען נאַציאָנאַלען לעבען? און מאַנכע זיינען איבערצייגט, אַז די אידען וואָלטען איינגעפיהרט ביי זיך זעהר אַ גערעכטע געזעלשאַפטליכע

אָרדנונג, אַז אין אַלץ, וואָס איז נוגע די ענינים פון כּלל, וואָלטען אידען געווען פיעלייכט א מוסטער פאַר אַנדערע פעלקער. זיי בעווייזען דאָס מיט ראיות פון דער אידישער געזעצגעבונג און פון דער אידישער געשיכטע. די אידעע פון סאָציאַלער גערעכטיגקייט, זאָגען זיי, איז אַן עכט אידישע אידעע, און אין פרייע געמיינדען מיט א מאַיאָריטעט פול־בערעכטיגטע אידישע בירגער, וואָלט דיעזע אידעע לייכטער פערווירקליכט געוואָרען. די אידען וואָלטען געלערנט די פעלקער צו לעבען סאָציאַליסטיש, אַזוי ווי זיי האָבען געלערנט די פעלקער צו דענקען סאָציאַליסטיש.

אַזוי האָבען געטראַכט מאַנכע פון די פאָרטגעשריטענסטע צווישען די ציוניסטען, און נור דערפאַר זיינען זיי בעגייסטערט געווען פאַר'ן ציוניזמוס. פאַר בערנאַרד לאַזאַר, צום ביישפּיעל, איז דער אידישער נאַציאָנאַליזמוס געווען דער טרעגער פון די גרויסע אידעאַלען פון די אַלטע אידישע נביאים. אַנדערש האָט ער איהם ניט פערשטאַנען און ניט געוואָלט פערשטעהן. פאַר אַזעלכע ציוניסטען, פערשטעהט זיך, איז ליעב און טהייער דער געדאַנק פון א בעפרייעטען אידען; פאַר זיי איז אָבער ליעבער און טהייערער דער געדאַנק, וואָס פאַר ערהאַבענעס דער בעפרייטער איד וועט אויפטהאָן. זיי טרוימען ניט פון אידישע קריעגסשיפען און אידישע אַרמעען. אַזעלכע זאָבען זיינען פרעמד זייער נאַציאָנאַלער אמביציאָן. א אידישע סאָציאַליסטיש־איינגעאָרדענטע געזעלשאַפט — דאָס איז דער שעהנסטער פון זייערע טרוימען.

און דאָס, וואָס איז ניט מעהר ווי א שעהנער חלום אין שייכות צו פּאַלעסטינאַ אָדער צו אירגענד־וועלכער אַנדער פאַנטאַסטישער אידישער טעריטאָריע, הויבט אָן צו ווערען פון א געוויסען שטאַנדפּונקט כּמעט א לעבעדיגע ווירקליכקייט אין שייכות צו אַמעריקאַ.

דער כּוח פון די עקאָנאָמישע אומשטענדען איז פיעל מעכטיגער פון יעדער ציוניסטישער פּאָעזיע. די אידען קומען אין אַמעריקאַ, ווייל זיי זוכען ברויט, און געהען ניט אין קיין אַנדער טעריטאָריע. די איינגעוואַנדערטע אידען אָבער ווי באַלד נור זיי ווערען בירגער, האָבען דאָ צו זאָגען די זעלבע דעה ווי יעדער אַלט־געזעסענער יענקי. צום ערשטען מאָל אין דער אידישער גלות־געשיכטע בעזיצען אידען אַזאַ גרויסע און פעסטע פּאָליטישע מאַכט, וועלכע ווערט אַלץ גרעסער און פעסטער. די

אידען זיינען אימער און איבעראל געווען אונבעדייטענד אָדער צוליעב זייער קליינער מינאָריטעט, אָדער צוליעב זייער וויסטער רעכטלאָזיגקייט. די וויכטיגסטע אמעריקאנישע שטעדט ווערען אבער איצט אָנגעפילט מיט גרויסע צאָהלען פרייע, פולבערעכטיגטע אידען. און די אידען קענען דאָ בעווייזען, וואָס זיי וואָלטען אימער און איבעראל געווען אונטער אָנדערע, אונטער בעסערע אומשטענדען.

די אידען האָבען שוין אין אמעריקא בעוויזען, אז זיי קענען זיין א פאָלק פון ארבייטער, און זיי דארפען איצט בעווייזען, אז זיי קענען אויך זיין א פאָלק פון פאָרטגעשריטענע ארבייטער, אז זייערע אלטע נאַציאָנאַלע אידעאלען, די ערהאבענע אידעאלען פון סאָציאלער גערעכטיגקייט ווערען אונטער גינסטיגע אומשטענדען צוריק אויפגעלעבט אין זיי — צוריק אויפגעלעבט אין די היינט־וועלטיגע אידעאלען פון דעם סאָציאליזמוס.

מיר ווייסען, אז די אויפגאבען, וועלכע מיר שילדערען דאָ, זיינען געוואלטיגע. מען דארף אָבער נור ארבייטען און ארבייטען און מען וועט זיי דורכפיהרען. די סאָציאליסטישע בעוועגונג איז א בעוועגונג פון דער גאנצער וועלט, אזוי ווי דער איד איז א תושב פון דער גאנצער וועלט, און קיין פאָלק אין דער וועלט דרינגט זיך ניט הורך אזוי לייכט מיט'ן סאָציאליזמוס, ווי דאָס אידישע פאָלק, און אין קיין לאנד אין דער וועלט האָט ניט דער סאָציאליזמוס אזא גינסטיגען באָדען צווישען די אידען, ווי דאָ אין אמעריקא. די סאָציאליסטישע בעוועגונג איז א בעוועגונג פו ארבייטער, און ערגעץ ניט, אין קיין פלאַץ אויף דער וועלט זיינען ניטאָ אזוי פיעל אידען־ארבייטער, ווי אין די אמעריקאנישע געטאָ'ס. אין דייטשלאנד זיינען כמעט ניטאָ קיין אידישע פראָלעטאריער, און דאָך זיינען דאָרט פאראן פיעלע אידישע סאָציאליסטען. אין רוסלאנד האָבען געמוזט די אידישע פראָלעטאריער אוועקגעבען זייער הויפט־ענערגיע דעם קאמפף געגען צאריזמוס, און דאָך האָט דאָרט געמאכט דער סאָציאליזמוס צווישען די אידען ריעזען־שריטע. אין אמעריקא זיינען די מעהרסטע אידען פראָלעטאריער ; אין אמעריקא ווידער, זיינען די אידען פריי און פול־בערעכטיגט. און די אמעריקאנישע אידישע פראָלעטאריער דארפען אויסנוצען זייער פרייהייט און

זייערע בירגער־רעכטע אם שעהנסטען און אם ערעלסטען; זיי דארפען עס אויסנוצען פאר'ן סאציאליזמוס.

און די וויכטיגסטע ארגאניזאציאן אונטער די אומשטענדען, וואס קען מעכטיג ווירקען צו מאכען די אמעריקאנישע גהעטא'ס פאר פעס־טונגען פון סאציאליזמוס, איז דער ארדען פון ארבייטער רינג.

* * *

אין 1909־טען יאהר האט דער ארדען ארייגענומען ביי א 15 טוי־זענד נייע מיטגליעדער. אורטהיילענדיג נאכ'ן שטענדיגען וואוקס פון ארבייטער רינג, קען מען ערוואַרטען, אז דיעזען יאהר וועט דער ארדען ארייננעהמען נאך א גרעסערע צאהל נייע מיטגליעדער. און אזוי וועט עס אנגעהן אלץ ווייטער, און די צייט איז ניט ווייט, ווען דער ארדען וועט ווירקליך רעפרעזענטירען ניט צעהנדליגע טויזענדער, נור הונדער־טער טויזענדער אידישע ארבייטער־פאמיליע.

דאס איז בשום אופן ניט קיין פאנטאזיע; דאס רעדט צו אונז די זיכערע שפראך פון ציפערען. און עס איז גאר ניט משער צו זיין די בעדייטונג, וואס דאס קען האבען פאר'ן סאציאליזמוס און פאר'ן פארטשריט צווישען די אידישע ארבייטער. קיין ארגאניזאציאן, צום ביישפיעל, קען אזוי ניט ווירקען צו מאכען איהרע מיטגליעדער פאר סיטיזענס, ווי די ברענטשעס פון ארבייטער רינג, אויב זיי זאלען נור ערנסט נעהמען זיך דערפאר. וויעדער, דאס רעכט פון ארבייטער רינג צו טעקסען זיינע מיטגליעדער קען איהם געבען אין האנד אזעלכע רייכע פראפאגאנדע מיטלען, וואס קיין אנדער ארגאניזאציאן וואלט ניט גע־קענט בעוויזען. מיר וועלען נעהמען, צום ביישפיעל, אזא פונקט, ווי לעקטשורס. עס איז זיכער, אז דיעזער וויכטיגער פונקט איז ביז איצט זעהר אונארגאניזירט און פערנאכלעסיגט געווען. די לעקטשורס קאסטען אב געוועהנליך צופיעל געלד, די טהעמאס זיינען אפט די ווילדסטע, די לעקטשורערס — די אונקאמפעטענטסטע. דאס איז אבער ניט שווער צו פעררירכטען. צו ארגאניזירען עס אויף דעם נוצ־ליכסטען און בעסטען אופן. א גרויסער ארדען וואלט לייכט געקענט אנהאלטען א צעהנדליג לעקטשורערס פון די געבילדעסטע און די פע־היגסטע, וואס וואלטען קיין אנדער בעשעפטיגונג ניט גערארפט האבען.

זיי וואלטען נור געדארפט ארומפאָהרען און פאַרבערייטען זיך און לעקטשורען. פאר'ן ארבייטער רינג וואלט זיך דאָס פיעל בעסער בע־צאָהלט, און יעדער ברענטש, אפילו אין דעם פערוואָרפענסטען ווינקעל, וואָלט געהאט די מעגליכקייט צו צושטעלען די מיטגליעדער א מין פאָלקס־אוניווערזיטעט.

דער ארבייטער רינג קען דיענען אלס מעכטיגסטער מיטעל צו פערשפרייטען דעם סאָציאליזמוס צווישען די אידישע ארבייטער. ער קען זיין די וויכטיגסטע און ליכטיגסטע קולטור־מאכט צווישען די אי־דישע ארבייטער. ער קען זיין ניט בלויז א אידישער ארבייטער־אָרדען, נור בוכשטעבליך דער אָרדען פון די אידישע ארבייטער אין אמעריקא. ער מוז אָבער פריהער פון אלץ אויסמיידען דעם געפעהרליכען וועג, אויף וועלכען עס האָט זיך שוין אזוי אומגליקליך געשטרויכעלט די אידישע סאָציאליסטישע בעוועגונג.

די מיטגליעדער פון אַרבייטער רינג טארען זיך ניט האַלטען אזוי ווי אויסלענדער אין די אידישע קוואַרטאַלען.

ליידער ערלויבט ניט דער פּלאַץ אפצושטעלען זיך איצט לייננער אויף דיעזען העכסט־וויכטיגען עניין. און דער שרייבער פון דיעזע ציילען וועט נאָך ביי א געלעגענהייט ריידען און פיעל ריידען וועגען דעם. אין פיעלע ברענטשעס איבער'ן לאנד און אויך אפילו אין ניו יאָרק הויבט מען דאָס ניט אָן צו פערשטעהן. דאָרט איז מען נאָך אלץ גרויסע בריות צו מאכען זיך פערפרעמדט און זאָגאר פעראכטעט ביי די מעהרסטע פּראָלעטאריער פון דער געמיינדע. דאָרט געהט נאָך אלץ אָן אין פולער מאכט און פראכט די בשר־קוויטל־פּראָפּאגאנדע, און עס בושעוועט נאָך די פירכטערליכסטע מלחמה געגען דעם רבונו־של־עולם, ווי אמאָל צווישען די חלב'נע ליכטלאָך־אפיקורסים פון מלך־סאבעצקי'ס יאָהרען; מען איז נאָך גאָר ניט ווייט אוועק פון דער גאַנץ פערציי־טיגער יום־כפור־בעלער־עפּאָכע.

דעם שרייבער פון דיעזע ציילען איז ניט לאנג אויסגעקומען אי־בערצוקוקען בעריכטען פון פערשיעדענע ברענטשעס וועגען זייער טהע־טיגקייט און אויך וועגען די אָפּגעהאַלטענע לעקטשורס. און עס איז איינפאך געווען צו שטוינען, ווי גלייכגילטיג מען איז אין די ברענטשעס

צי די בלוטיגסטע פראגען פון דעם ארומיגען אידישען לעבען. מען האט דארט געקענט טרעפען א גאנצע רייהע לעקטשורס וועגען א געוויסע פאסירונג הינטער די הרי־חושך, א גאנצע רייהע לעקטשורס וועגען דער לעצטער פאריזער מאדע אין ליטעראטור. אומזיסט אבער וואלט איהר דארט געזוכט כאטש איין לעקטשור וועגען אזעלכע ענינים, ווי די סוועטינג־סיסטעם־פראגע, אדער די אימיגראציאנס־פראגע.

* * *

דאס זיינען אבער פעהלערען, וועלכע וועלען מיט דער צייט בע־זייטיגט ווערען. דער ערפאלג פון דעם ארבייטער ארדען האט אלע בעס־טע האפנונגען פון זיינע פריינדע איבערטראפען. און וואס גרעסער ער וועט וואקסען, אלץ טיעפער וועט ער בעגרייפען זיין הערליכע אויפ־גאבע, אלץ בעגייסטערטער וועט ער זיך דורכדרינגען מיט זיין גרויסען בערוף — צו געווינען פאר זיך און פאר'ן סאציאליזמוס די גאנצע אידישע ארבייטער־בעפעלקערונג פון אמעריקא.

מיט אמת'ע פרייד אין הארצען קוקט יעדער פריינד פון די אידישע ארבייטער אויף דעם וואונדערליכען ערפאלג פון זייער פארטגעשריטע־נעם ארדען. אונזער הערצליכסטע, אונזער ווארימסטע בעגריסונג דער צעהנטער קאנווענשאן פון ארבייטער רינג!

אַ פּאָר ווערטער פון אב. קאַהאַן.

צו דעם רעדאקציאָנס־קאָמיטעט פון דעם צעהנטען יאָהרעס־פעסט סאָוועניער פון ארבייטער רינג.

ווערטהע גענאָסען!

איך האָב ערווארטעט צו האָבען דעם פערגניגען עפּעס ביי צוטראָגען צו דעם סאָוועניער, וועלכען איהר זייט בעאויפטראגט ארויסצוגעבען, אָבער צו מיין בעדויערען קען איך דיעזע טעג בשום אופן ניט געפינען קיין צייט מיין פערלאנג צו ערפילען. דער יובילעאום־נומער פון „פאָרווערטס“ פון איין זייט, און די קראנקהייט פון א וויכטיגען מיטגליעד פון דער „פאָרווערטס“־רעדאקציאָן פון דער אנדער זייט, נעהמט ביי מיר אוועק די מעגליכקייט צו טהאָן עפּעס „אָן א זייט“.

דער עיקר פון דעם וואס איך וואָלט געשריבען קען אָבער יעדענפאלס אויסגעדריקט ווערען אין ווענינ ווערטער:

אזוי ווי אלע סאָציאליסטען בין איך שטאָלץ מיט דעם ארבייטער רינג און מיט זיין ריעזיגע מאכט, און ווינש איהם ווייטער צו בליהען און וואקסען און ווייטער צו טהאָן די גוטע ארבייט, דורך וועלכע ער איז אונז אלעמען אזוי טהייער געווארען.

מיט דעם הערצליכסטען גרוס צו אלע דעלעגאטען פון דער צעהנטער קאָנווענשאָן און צו אלע מעמבערס בכלל,

אב. קאהאן.

ב. וולאדעק.

דער ארבייטער רינג אין קאונטרי.

(נאטיצען מיט'ן בלייפעדער).

איך קוק דורך מיין קאררעספאנדענץ פאר דער צייט, וואס איך בין אין אמעריקא און אויף דעם גרעסטען טהייל בריעף בעגעגען איך א שטעמפעל פון ארבייטער רינג. דאס זיינען מייסטענס איינלאדונגען אויף לעקטשורס, און זיי קומען פון כמעט אלע טהיילען פון לאנד — פון האדסאן ביז מיסיסיפי, פון באסטאן ביז שיקאגא און פון וואשינגטאן ביז מאנטרעאל.

איך דערקען די פערענדיגטע עטוואס פערצוקטע אותיות פון דעם היימישען אינטעליגענט און בעל־הבית'ישען בחור; עס מאטערט זיך דאס אויג אויף דעם נים „אויסגעשריבענעם“ כתב פון דעם ארבייטער, וואס איז מעהר געוואהנט צו א געצייג, איידער א פעדער; עס שטעהען אין רייהע, ווי סאלדאטען אויף א פאראד, די דינע דראבנע ווערטער פון א סעקרעטערין פון א ליידיס ברענטש...

און ווי די האנדשריפט — איז פערשיעדען אויך דער טאן און דער אינהאלט. אמאל שרייבט מען קורץ און שארף: ווען קענט איהר צו אונז קומען, און „וויפיעל נעהמט איהר?“; אמאל לאזט מען זיך ארײן אין איינצעלהייטען וועגען דעם פלאץ און דער צייט, און מען גיט קאפוליער אנצוהערניש אז דער ברענטש איז נאך יונג און ארעם;

אַמאָל שרייבט מען: וועט איהר קומען פיעלייכט אויך צו אונז פער־שפּרייטען ליכט און וויסענשאַפט? אונזער „מאַסע" איז זעהר פינסטער, דער פאַנאַטיזם איז גרויס, מיר וואָלטען וועלען איהר זאָלט אונז אויפ־קלעהרען די מחות... מיר האָפען מיט אייך מאַכען א סוקסעס — נור איהר זאָלט קומען. מיר וועלען דעקען אַלע עקספּענסעס...

און ס'דערמאָהנט זיך א גאַנצע רייהע שטעדט און שטעדטלאַך מיט אידישע גאַסען און בשר־כשר און מקוה־כשרה־סיינס, אידישע האָלס און אידישע געזיכטער, — געשפּרעכען, טרעפּעןנישען, טיפּען!...

אין די אַלע שטעדט און שטעדטלאַך זיינען דא ברענטשעס פון ארבייטער רינג, וואו אויף די וואַנד פון ארבייטער־וואָהנונגען הענגען קאַלענדארס מיט'ן ערד־קוגעל אין מיטען, און ערגעץ אויף א טישעל אין פראָנט רום ליעגט דער לעצטער ביולעטין.

מען דאַרף וויסען די גאַנצע גרויסקייט און האָפנונגסלאָזע לאַנג־וויילינקייט פון דעם לעבען אין קאָונטרי, אום צו פערשטעהן ריכטיג די ראָל און טהעטיגקייט פון אָט דעם ראַדיקאַלען אָרדען. דאָס איז ניט נור קיין פעראיין פאַר געגענזייטיגע שטיצע אדער פערזיכערונגס־געזעלשאַפט — פאַר זעהר א גרויסען טהייל פון זיינע מיטגליעדער איז דער ארבייטער רינג א גייסטיגע היימאַטה און א סימבאָל פון געזעל־שאַפטליכקייט.

— איך בין אַן אַלטער מעמבער,

— איך האָב אויפגעבויט דעם ברענטש,

— איך בין געוועזן אויף דער קאָנווענשאָן —

אָט די פראַזען קלינגען מיט פייערליכען שטאָלץ און זיי זאָגען: איך בין א געזעלשאַפטליכער מענש, איך קען זיך אָפּפערען פאַר'ן כלל, איך האָב אינטערעסען העכערע פון דער אַלטעגליכקייט מיט איהרע קליינינקייטען.

דער ארבייטער רינג איז זעהר אָפט די שוהל פון דעם ניט־שוהל־מעמבער־אידען און די לעצטע האָפנונג פון דעם ענטוישטען ראַדיקאַל.

מען קומט אין איהם פון צוויי זייטען — פון רעכטס און פון לינקס. דער עלטערער ארבייטער און קליינער ביזנעס־מאַן, וואָס זוכט אַ מעהר ווארימע און מעהר פרייע אַטמאָספערע, איידער די פון שוהל

און קאָנסערוואַטיווער לאַדזש, און דער אינגערער בעוואוסטזיניגער ראַ־דיקאַל, וואָס האָט זיך ניט זעלטען ענטוישט אין דער אידישער יוניאָניס־טישער און סאָציאַליסטער בעוועגונג. אי די אידישע שוהל, אי די מעהר היציגע סאָציאַליסטען קוקען דערום אויפ'ן ארבייטער רינג זעהר קרום און זאגאר פיינדליך. פאר דער ערשטער איז ער צו ראַדיקאַל, פאר די צווייטע — צו „ביזנעסמעסיג" און קליינליך. און דער קאַמפף צווישען ארבייטער רינג און זיינע געגנער, איבערהויפט פון רעכטס, ווערט אָפט מאָל זעהר שארף און דערמאָהנט א ביסעל אן דער מלחמה צווישען עלטערען און אינגערען דור אין רוסלאַנד אין די זיעבעציגער און ענדע פון די נײַנציגער יאָהרען פון לעצטען יאָהר־הונדערט.

אין דענבורי, קאָננעקטיקוט, סטראַשעט, למשל, חברה קדישא, אז זי וועט ניט מקבר זיין קיין מעמבערס פון ארבייטער רינג, דערפאר פערבאָטען די מעמבערס פון ארבייטער רינג א קאָנסערוואַטיווע לאַדזש אין ניופאָרט, קענטאָקי, און שאַפען דאָרט אָב אלע צערעמאָניעס, אויף צופוקעניש דעם פרעזידענט מיט'ן הילצערנעם באָק... אין שטעדטלאך מיט א יונגען אידישען ישוב פערכאַפט אָפט דער ארבייטער רינג דעם גאַנצען פלאַץ און ווערט די מעהרהייט. עס זיינען דאָ אייניגע פלעצער אין די ניו־ענגלאַנד סטייטס, וואו דער ארבייטער רינג כאַפט ארום פון א דריטעל ביז א העלפט פון דער אידישער בעפעלקערונג...

אלע מיינע בעאָבאַכטונגען בעשטעטיגען, אז דער ארבייטער רינג איז די מאָדערנסטע און שטאַרקסטע קערפערשאַפט פון דעם יונגען אידען אין אמעריקא, און וואס פאר א נייע קראַפט עס זאל דא ניט בע־שאַפען ווערען, וועט זי זיך מוזען אָנשטויסען אן דעם שטאַרקען קערפער פון ארבייטער רינג.

אין פיעלע שטעדט פון דער קאָונטרי איז שווין צו מערקען א קאַלט־קייט און אָפט מאָל אויך א פערבאָרגענע פיינדשאַפט צווישען די ברענטשעס פון דער סאָצ. פאַרטיי און דעם ארבייטער רינג. וואָס מעהר די ברענטשעס פון ארבייטער רינג וועלען וואַקסען, איז אלץ מעהר מעגליך, אז די בעציהונגען זאָלען זיך פערשאַרפען, אויב ביידע צדדים וועלען זיך זעלבסט ניט בעשטימען וואָס זיי זיינען און וואָס פאר א פעלד פון טהעטיגקייט זיי געהערט.

איך גלויב, אז ווען די ארבייטער רינג ברענטשעס זאָלען זיך אָפּגעבען מעהר מיט אלגעמיין־קולטורעלער ארבייט און די ברענטשעס פון דער סאָציאליסטישער פארטיי מיט פּאָליטישע און ארגאניזאציאָנע טהעטיגקייט, וואלטען זיי געקענט איינע די אנדערע זעהר פיעל אויסהעלפען אנשטאָט איינע די אנדערע שטערען ווי דאָס קומט אָפּט פאָר איצט.

דערווייל פיהרט זיך די קולטורעלע ארבייט פון ארבייטער רינג זעהר ניט פּלאַנמעסיג און זעהר כאָאָטיש. מיר דוכט, עס וועט ניט זיין קיין גוזמא צו זאגען, אז דורכ'ן לעקטשור־סיזאָן ווערען דורכגעפיהרט ביי אלע ברענטשעס פון ארבייטער רינג ניט ווייניגער ווי טויזענד אידישע לעקטשורס, אָבער זיי קומען פאָר ביי אזעלכע בעדינגונגען, אז זיי ברייגען די קלענסטע נוצען ביי דער גרעסטער אנשטרענגונג. ערשטענס, איז נאָך ביי די ברענטשעס ניטאָ דער בעוואוסטזיין, אז לעקטשורס דארפען עפּעס לערנען און דארפען העלפען די מעמבערס אויסצואַרבייטען א בעשטימטע בעציהונג צום לעבען און דער מענשהייט. זעהר אָפּט לאַדעט דער ברענטש איין לעקטשורערס, וואָס זיינען ווייט איינע פון די אנדערע ווי מזרח פון מערב, און צו אלעם דעם לאָזט ער לעקטשורען ווי יעדער וויל און וועגען וואָס ער האָט... אין א צעטעל לעקטשורס, דורכגעפיהרט דורכ'ן ווינטער וועט איהר געפינען אידישע ליטעראטור און פרייע ליעבע, סאָציאליזם און עלעקטריציטעט, רעליגיאָן און וואָלף־צייהנדלאָך...

א פּראָגרעסיווער ברענטש פון א שטעדטיל אין פּענסילוויניא האָט זאָגאר איינגעלאַדען עפּעס א פילאַדעלפיער רב, צו לעזען וועגען תלמוד...

חוץ דעם הערשט ביי די ברענטשעס די געוועהנליכע גדול־טראַדיציע. מען וועט שטענדיג פּטר'ן קרעפּטען אויף אויסשרייבען א נויארקער גדול, וואס האָט שוין 5 מאָל געלעקטשורט אויף דער זעלבער טהעמא, און מען וועט ניט זוכען א לעקטשורער, וואָס איז כאָטש ניט זעהר בעוואוסט, דאָך קען ער האלטען אן ערנסטע לעקטשור מיט אן ערנסטען אינהאלט.

איך זעלבסט האָב פיעלע מאָל גערעקאמענדירט איינינע לעקטשו־

רערס, וואס זיינען סאליד אין וויסענשאפט, און ערנסט אין בעהאנדלען א טהעמא, נור ווייל זיי זיינען נאך ניט בעוואוסט אין נויארק, האט זיי דאך קיינער ניט ארגאנזשירט.

דערצו איז דער לעקטשור־ראדיקאליזם זעהר אפט א פארמאלער. דער ברענטש קלייבט אויס א לעקטשור־אדער א עדיוקיישאן־קאמיטע, און איז מיט דעם פטור. עס טרעפט זעהר אפט, אז די מעמבערס פון ברענטש בעזוכען ניט די לעקטשורס, וואס זיי אליין האבען ארגאנ־זשירט.

די לעקטשור־טהעטיגקייט פון די קאונטרי־ברענטשעס ווערט אבער נאך מעהר בעגרעניצט דורך דער גלייכגילטיגקייט פון דער עקזעקוטיווע צו די גייסטיגע פאדערונגען פון די ברענטשעס. דער הויפט־אפיס האט געקענט פערשפארעןזיינע ברענטשעס גוטע הונדערטער דאלאר א יאהר און איבעריגע עקספענסעס און האנאראר, ווען ער וואלט געהאלפען ארגאנזשירען פלאנמעסיגע טורס מיט פערשיעדענע לעקטשורערס — ער האט אויך געקענט מאכען אינהאלטסרייכער און פרוכטבארער די לעקטשורס זעלבסט דורך קאנטראל און צענטראליזאציאן.

פיעלע מאל האב איך זיך זעהר שלעכט געפיהלט, ווען א ברענטש האט מיר געדארפט אומקעהרען צעהנדליגע דאלאר עקספענסעס נור דערפאר, וואס ער האט ניט די נויטיגע פערבינדונגען אום צו קענען מאכען מיט'ן לעקטשורער א טור.

די טהעטיגקייט פון די ברענטשעס בעגרעניצט זיך אבער ניט מיט לעקטשורס אליין. אין פיעלע פלעצער שאפען די ברענטשעס לייברעריס, און פאר גאר די לעצטע צייט אייניגע הייס'ען, אין דער פארמע פון לייבאר־לייסעאומ'ס א. ז. וו. דאס איז זעהר א וויכטיגע ארבייט און עס איז אויך א שאד, וואס זי ווערט געטהאן אהן דעם קאנטראל און ראטה פון דער עקזעקוטיווע.

בכלל, איז די קולטורעלע טהעטיגקייט פון ארבייטער רינג זעהר צוואווארפען און איך ווינש דער נעקסטער קאנווענשאן, זי זאל אין דעם זינן געבען געוויסע דירעקטיווען און ארויסזאגען איהר ווילען.

מען מוז זיך אבער רעכענען מיט דעם, וואס דער ארבייטער רינג ווערט שטארקער פון טאג צו טאג, איבערהויפט לאזט זיך דאס פיהלען

אין דער קלענערער קאָונטרי, און אַט אין דער פערשטארקונג ליעגט א היבשע געפאהר פאַר דעם ראַדיקאַלען און קולטורעלען כאַראַקטער פון דעם ארבייטער רינג.

כל זמן דער אָרדען איז ניט געווען זעהר שטאַרק, איז מען אין איהם געגאַנגען ניט נור צוליעב בענעפיטס, נור אויך צוליעב פערשיע־דענע אורזאַכען פון אַ העכערען סאָרט. איצט איז אָבער דער ארבייטער רינג א זיכערער פּלאַץ פאַר אינשורענס און פערשיעדענע אַנדערע פּראַקטישע בעקוועמליכקייטען, און דאָס טרייבט צו איהם א היבשע מאַסע, וואס איז ווייט פון ראַדיקאַליזם בכלל און פון יעדע געזעל־שאַפטליכקייט בפרט. אין א גאַנצע רייהע שטעדטלאַך, וואו דער אידי־שער ישוב איז ניט זעהר גרויס, זיינען דאָך פאַראַן צוויי אָדער מעהר ברענטשעס, און צווישען די ברענטשעס גופא קומען פאָר אונאַנגענעה־מע רייבונגען. איין ברענטש ווערט שוין „קאָנסערוואַטיוו“. אום צו צוציהען מעהר מעמבערס דאַרף ער מאַכען קלענערע דיוס און גרעסערע בענעפיטס, הויבט מען אָן צו שפּאָרען, און פריהער פון אַלץ שפּאָרט מען אָפּ פון די „ראַדיקאַלע“ הוצאות. אַנשטאַט לעקטשורס און לייב־רעריס מאַכט מען טענץ און בעלער, נור אום רייכער צו מאַכען די קאַסע און דער פּראָגרעסיווער כאַראַקטער פון אָרדען ווערט אין גאַנצען פער־לאָרען. אין אייניגע פּלעצער געהט די אונפריינדליכקייט פון בעצי־הונגען אַזוי ווייט, אַז מען שטערט איינע די צווייטע דירעקט, און מיר זעלבסט איז אויסגעקומען צו זיין אין א שטאָדט, וואו איין ברענטש האָט געהאַט א מיטינג, ווען דער צווייטער האָט אַראַנזשירט א לעק־טשור. חוץ דעם מורמלען אָפּט אונטער די נייע מעמבערס און די פּראָג־רעסיווע ברענטשעס זעלבסט, וואָס מען גיט אָב צופיעל ענערגיע און מיטלען אויף קולטורעלע צוועקען. אין א שטאָדט פון קאָנעקטיקוט סטייט האָט די לעקטשור־קאָמיטע פון איינעם פון די דאָרטיגע ברענ־טשעס אַראַנזשירט א סעריע לעקטשורס אויפ'ן ווינטער מיט אייניגע פעהיגע לעקטשורערס. ווייל די מעמבערס אליין האָבען אָפּט פאַרפעהלט צו קומען, האָט דער ברענטש דערלעגט פון 15 ביז 20 דאָלאַר — איז געוואָרען א בונט! סטייטש! און, דאַכט זיך, מען האָט בעשלאָסען צו האָבען א „דענס“, אום צו דעקען די עקספּענסעס. עס איז כדאי צו

בעמערקען, אז דער ברענטש צעהלט ניט וועניגער ווי 250 מעמבערס.

איך זאָג, אז אין דער שטאַרקייט פון ארבייטער רינג ליעגט אַ דראָהענדע געפאהר פאַר איהם זעלבסט, און דער איינציגער מיטעל פאַרלויפיג איז, ניט צו יאָגען זיך אזוי נאָך מעמבערס און נאָכקוקען מעהר אויף זייער איכות, איידער אויף זייער כמות.

די געפאהר איז ניט גרויס, אויב די טהוער וועלען זיך צו איהר ערנסט בעציהען און דער ארבייטער רינג וועט קענען בלייבען ביי זיין ראַדיקאַל־פּאַרגעשריטענער רעפּוטאַציע. מעהר סיסטעם אין דער קול־טורעלער טהעטיגקייט, מעהר אנשטרענגונג אויפ'ן געביעט פון געזעל־שאַפטליכער אָרגאַניזאַציאָן און אלע פריינד פון דעם ארבייטער רינג וועלען מעגען זיין אויף איהם שטאָלץ.

עטליכע און דרייסיג טויזענד מענער און פרויען, וואָס זייער סימבאָל איז דער בליהענדער ערד־קוגעל, עטליכע און דרייסיג טויזענד הערצער, וואָס קלאַפּען אין טאַקט דעם פּולס פון דער צייט און וועלען זיין פעסט פעראייניגט און נאָהענט דורך אלגעמיינע גייסטיגע אינטע־רעסען און פאַרגעשריטענע טהאַטען, דאָס איז נויטיג, נוצליך און שעהן. איך קלייב דורך אין מיין זכרון אלע פערזאַמלונגען און לעקטשורס, וואו איך האב דורכ'ן ארבייטער רינג פערשפרייט „ליכט און וויסענשאַפט„ און, ווירקליך, זעהר אָפט האָב איך זיך געפיהלט, אי אַ ברודער צווישען ברידער און אַ פריינד צווישען פריינד.

דאס איז אלץ די פיעל ליידענדע און עמפּפינדליכע אידישע יו־גענד, צונויפגעקליעבען פון רומעניען, גאַליציען און רוסלאַנד אויף אַ נייעם און פרעמדען באָדען. זי זוכט מעהר קרובה'שאַפט צווישען זיך און פעסטערע פערבינדונגען און דער ארבייטער רינג איז איהר ערשטער טריט.

איך גלויב, אז אזוי ווי זי האָט געקענט בעשאפען דעם ראדיקאלען אָרדען, אזוי וועט זי אויך בעשאפען א מעכטיגע סאָציאליסטישע בעוועגונג. אין דער צוקונפטיגער אידישער סאָציאליסטישער בעוועגונג וועט דער ארבייטער רינג בייטראָגען א היבשען חלק.

צום שלום פון מיינע קליינע צופעליגע און אין איילעניש געשריבענע בעמערקונגען, וויל איך נאָך צוגעבען, אז דער ארבייטער רינג האָט דערוויל נאָך פערהעלטניסמעסיג ווייניג געטהאָן אויף צוציהען צו זיך די אידישע פרוי. איך דענק, אז דאס איז אויך איינע פון די פראגען, אויף וועלכע ער דארף אָנווענדען עטוואָס אויפמערקזאמקייט. די קליינע אין צאָהל ליידים ברענטשעס פיהלען זיך גאנץ איינזאם און ביי א מעהר ערנסטען ווילען קען מען זיי מאכען פאר די פיאָנערען פון א גרויסער „פרויען־בעוועגונג" אין ארבייטער רינג.

אין דעם אידישען לעבען און צווישען דער אידישער ראדיקאלער פרוי איז מעהר ווי אומעטום דאָ פלאַץ פאר ארגאניזאציאָן און פרוכטבארע ארבייט.

מ. ווינטשעווסקי.

דער אַרבייטער רינג, זין וואוקס, זיינע געפאַהרען און זיינע שונאים.

ער ארבייטער רינג, נאָך מיט קנאַפּע 15 יאָהר צוריק דאָס שטיעף־קינד פון דער אידיש־אַמעריקאַנישער ארבייטער בעוועגונג, איז היינט אזוי אויסגע־וואַקסען, סאַי אין גרויס, סאַי אין חן, סאַי אין מאַכט, אַז ער פערנעהמט דעם אויבען־אָן, די ערשטע שטאָדט אינ'ם מזרח־וואַנד, קריעגט היינט די פעטסטע עליה, וואָס פאַר אַ סדרה עס זאָל ניט געהן און, מיט דעם דגל מחנה פראָ־לעטאַריאַט אין דער האַנד, געהט ער, טאַנצענדיג מיט דער ערשטער הקפה יעדעס מאָל ווען מען האַלט ביי אַן „אתה־הראית־לדעת“ אין די פאָלקס־ימים־טובים.

אָבער, ווי געזאָגט, נאָך גאָר ניט לאַנג צוריק האָט אויף דעם אר־בייטער רינג יעדער געקוקט ווי אויף דעם שטיעף־קינד, אויב נ(ט דעם ממזר פון אונזער בעוועגונג, ביי וועלכער דעם וויכטיגסטען, בכבוד'דיג־סטען פּלאַץ עס האָט פערנומען די פּאָליטיק, אַ צווייטען פּלאַץ דער טרייד־יוניאָניזמוס, אַ דריטען — דער בילדונגס־פעראיין, אַ פיערטען — די קאָאָפעראַטיווע אונטערנעהמונג, ווערענד דער ארימער ארביי־טער רינג איז נעבעך געשטאַנען לעבען אַ פערוואָגעלטען „שטענדער“ אין די „פּאָלעם“, אַן אונגעבעטענער גאַסט, אַ פרעמדער, אַ קרוב פון די פעראַכטעטע לאַדזשען, פון די אָרדענס, מיט זייערע ברודער־פרעזי־

רענטען, מיט זייערע צערעמאָניעס, וועלכע זיינען אזוי פערהאסט ביי פּראָגרעסיווע מענשען, ביי סאָציאַליסטען. אַלמנות, יתומים, קראנקע, טויטע, לויות, קברים — וועך, וואָס, וועמען? ! אויך־מיר א זאַך! די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן איז א שטייגער עפּעס הינטער די בערג? זי איז פון יענער זייט טהיר... אָט, אָט קומט זי, און מיר זיינען פּטור פון אַלע צרות, מענשען לעבען לענגער, קרענקען ווייניגער און בעדארפען ניט קיין פרעמדע הילף ניט אין קראנקהייט, ניט אין פאַל ווען א פאמיליע־פאטער שטארבט און... און א סוף־אַן־עק!

שווער וועט דאָס זיין פול און גאנץ צו פערשטעהן דעם יונגען מאַן פון דעם היינטיגען דור. שווער וועט איהם זיין צו בעגרייפען, אז ווי דער תהלים זאָגט:

אבן מאסו הבונים
היתה לראש פנה;

אז ניט נור איז דער פאָלקס־שטעהער היינט א גאנצער תקיף, א גאנצער בעל־דעה, א חשוב'ער בעל־הבית אין דער פּראָלעטאריער־קהלה, נור אז ער איז דאָס אזוי געשטיגען, וואקסענדיג אין דער הויך, אין דער ברייט און אין בעדייטונג, אין דער צייט ווען דער פּאָליטישער קאמפּף, זיין עלטסטער ברודער, ער, וואָס האָט זיך מיט איהם געשעמט אין די גוטע, אלטע צייטען, איז געווארען עלטער, אבער ניט שטארקער (ליצני הדור זאָגען: אפילו ניט קליגער) ווי אמאָל; ווערענד דער טרייד־יוניאָניזמוס הינקט היינט ליידער אויך אויף א פיסעל, די קאָאָפּעראציאָן איז לאַנג שוין טויט און בעגראבען און פון די בילדונגס־פעראיינען אין א טהייל אזוי שוואַך, אז ער קען מעהר ניט שטעהן אויף די פיס און א טהייל לעבט און פרובפּערט זיך נור דורך דעם, וואָס ער איז אָנגעשפּאַרט טאקע אָן דעם דאָזיגען פעראכטעטען ארבייטער רינג, דעם שטיעף־קינד פון אמאָל.

* * *

און פונקט אזוי שווער איז אפילו פאר עלטערע, אבער זייטיגע, פון דרויסען שטעהענדע געגאָסען צו פערשטעהן אן אנדער זאַך.

דער „ארבייטער רינג“ איז געוואקסען, גרויס געוואקסען, אָבער אויף קיין פאַל נאָך ניט אויסגעוואקסען. ניט נור דאָס, ער איז

ניט אכטענדיג אויף זיין וואוקס, זיין חשיבות, און זיין גרויסע ארמעע הינטער זיך, נאך אפילו ניט ארויס פון די קינדער־יאהרען. ער הויבט אייגענטליך נאך ערשט אן צו וואקסען אין דער ברייט און זאגאר אין דער הויך, און דאס איז פאר איהם נאטירליך, ווייל זיין אידעאל איז דער סארט ריעז, וואס זיינע קינדער־יאהרען גיבען איהם א פיגור גרעסער ווי ביי דעם געוועהנליכען ערוואקסענעם.

שווער איז דאס פאר פיעלע קלאר און אהן די הילף פון א ספעציעלע אמונה צו פערשטעהן.

פרובירט זיי זאגען אז דיזער ארבייטער רינג מוז און וועט זיך אזוי פאנאנדערציהען אום ארומצונעהמען 45 טויזענד ארבייטער צום סוף יאהר 1910, לאמיר זאגען 60 טויזענד מעמבערס ענדע 1911, 80 טויזענד איידער עס וועט ארויסגעהן דער יאהר 1912, 100 טויזענד אין 1913 און ארום די צייט, ווען ער וועט קומען צו זיין צוואנציגסטע קאנווענשאן, פולע צוויי הונדער טויזענד מעמבערס, — פרובירט דאס זאגען יענע געשאסען און זיי וועלען אויף אייך קוקען ווי אויף בעלי־חלומות. און דאך איז כמעט אזוי זיכער ווי דער זונען־אויפגאנג פון דעם מארגענדיגען טאג, אז 200 טויזענד מיטגליעדער אין 1500 ברענטשעס, מיט א קאפיטאל פון איבער א מיליאן דאלאר, מיט א גרויסען מעכטיגען סאנאטאריום, מיט א גרויסע מאכט אין דעם פרט פון בילדונג, פון פערברייטונג פון סאציאליסטישע אידעען, מיט פיעלע אנדערע גרויסע גוטע און ניצליכע אונטערנעהמונגען, — אז דאס אלעס איז לייכט צו דערלעבען אפילו פאר די צווישען אונז, וואס זייערע האר איז שוין וייס, זייער ראיה שוואך און זיי זיינען אויף דעם וועג, דעם לאנגען וועג, פון דער וויגעלע ביז צום קבר שוין זעהר וייט פון יענער, שוין זעהר נאהענט צו דיעזען.

אה יא, אפילו זיי קענען דאס דערלעבען.

* * *

דער וואוקס פון דעם ארבייטער רינג איז ניט נור זיכער; ער טראגט זאגאר אין זיך געוויסע געפאהרען, וועלכע מיר טארען ניט איגנארירען אויב מיר זאלען זיי גליקליך אויסמיידען, אדער אונשעדליך מאכען.

איינע פון די דאָזיגע געפאַהרען בעשטעהט אָט אין וואָס:

ווען אימיצער, בעטראַכטענדיג דעם „ארבייטער רינג“, זאָל מיך פרעגען: „במה כחו גדול?“ אין וואָס בעשטעהט זיין גרויסע קראַפט, וואָלט איך געזאָגט: אין דעם וואָס ער איז אפילו א אידישער אָרדען, אבער אַן ארבייטער־אָרדען. נור דערפאַר ווייל ביי די גרויסע מאַיאָריטעט, אזוי גרוים, אז די מינאָריטעט אין איהר ווערט בטל בששים, איז דאָ א גלייכקייט פון קלאַסען־אינטערעסען; נור דערפאַר, וואָס יעדער פון זיי, בעלאַנגענדיג צו דעם זעלביגען קלאַס, האָט אויך די זעלביגע אידעען, האָפנונגען, אינטערעסען, זאָגאר די זעלביגע פסיכאָלאָגיע; נור דערפאַר, וואָס יעדערער נויטיגט זיך גלייך מיט יעדען אנדערן אין די פערשיעדענע בענעפיטס וואָס דער אָרדען גיט איהם און אלע צוזאַמען זיינען אינטערעסירט אין דעם, אז די קאַסע זאָל זיין וואָס רייכער, די „אינשורענס“ וואָס זיכערער, דער רעזערוו־פאָנד וואָס גרעסער, און אלעס וואָס עהרליכער און בעסער פערוואַלטעט; נור דערפאַר, וואָס אלע, זייענדיג מענשען פון דעם זעלביגען געזעלשאַפטס־קלאַס, פיהלען דעם זעלביגען דרוק, טראָגען דעם גלייכען יאָך, ליידען פון די זעלביגע בעדינגונגען און מוזען זיך גלייך אָברופען אויף דעם אויפרוף פון אַנדערע פערפאָלגטע און בעדריקטע, — נור דערפאַר וואַקסט און געדייהט און פערוואונדערט אלע צוזעהער דער „ארבייטער רינג“.

ווען אבער דאס איז אזוי, דאַן מוז קלאָר זיין פאַר יעדערן, אז דאָ איז פאַראַן די פאָלגענדע געפאַהר:

דער וואונש צו וואַקסען וואָס גיכער — וואָס גרעסער, קען אונז פערפיהרען אין אזא מין וועג, אז מיר זאָלען אָנפאַנגען אריינצונעהמען „פרעמדע“ עלעמענטען, אַזעלכע, וואָס געהערען ניט צום ארבייטער־קלאַס, צו וועלכען, פערשטעהט זיך, מען מוז צורעכענען ארבייטער־פריינדליכע איינצעלנע פערזאָנען, אבער מיט וועלכען עס קענען זיך ניט פערמישען אנדערע קלאַסען ניט ברייגענדיג קיין שאָדען, ניט אריינטראָגענדיג קיין האס און ניט די דאָזיגע מחלוקת, וואָס פיהרען צו א מין ציוויל־קריעג אין גרויסע קערפערשאַפטען.

דער וואונש צו וואַקסען קען אונז גלייכגילטיגער מאַכען צו די

פּרינציפּען, אויף וועלכע אונזער אידישער פּראָלעטאַריאַט־אָרדען איז געבויט.

דער וואונש צו וואקסען קען ביי אונז אָבשוואכען דעם פריידענקער אין דעם ארבייטער און קען פון דעם אָרדען ביסלעבווייז אוועקנעהמען דעם וויכטיגסטען אונטערשיעד וואס ער האָט אין זיך לגבי די קאָנ־סערוואַטיווע ארדענס.

דער וואונש צו וואקסען, קען אונז פערפיהרען אין פיעלע אַנדערע זומפּיגע ערטער און דאָרניגע פלעצער.

דיעזע געפאהר דארפען מיר אימער האָבען אין אויג און דאַן וועט זי ביי אונז און אויף אונז קיין שליטה ניט האָבען. און דאַן וועט דער וואוקס, ווי שנעל ער זאָל ניט זיין, ווי גרוים ער זאָל ניט זיין, קיינמאָל ניט שאַדען דעם ארבייטער רינג ניט אין געזונד, ניט אין שכל, ניט אין גייסט.

* * *

נאָך איין וואָרט און מיין זאָג איז אָבגעזאָגט.

די אונבעפלעקטע פערגאנגענהייט, די האָפנונגס־רייכע געגענוואַרט און די גרויסע, הערליכע, זיכערע צוקונפט פון דעם ארבייטער רינג דאַרף זיין אַ וואַרנונג פאַר יענע פערפיהרטע מענשען, וועלכע, פערגעסענדיג אַן זייער געמיינשאַפטליכע ארבייט און ערגעבענהייט צום ארבייטער רינג בעת דער פונדאַמענט איז געלעגט געוואָרען צום היינטיגען הער־ליכען בנין, — פּרובירען איצט צערשטערען וואס זיי אליין האָבען אַמאָל געהאָלפען בויען; פּרובירען צורייסען ציעגעל־ווייז די מויערן, וועלכע אַ פרעמדער שונא וואָלט אפילו ניט וואגען אָנצוגרייפען.

עס איז, נאַטירליך, קיין שום געפאהר ניטאָ, אַז אימיצער, ווער און וואָס און וואו ער זאָל ניט זיין, זאָל מיט אַלע זיינע קרעפטען, מיט אַלע זיינע גראַנאַטען, מיט אַלע זיינע שווערע אַרטילעריע, קענען אפילו אַ בעדייטענדע לאָך איינברעכען אין דעם גרויסען, שטאָלצען, ריעזענ־געבאַיי. אבער דער חלול־השם פונ׳ם אידישען ארבייטער איז גרוים, דער ברודער־קריעג איז ניט שעהן און דער קאַמפּף איז אַ לע־כערליכער.

דער קאַמפּף איז ניט לשם מצוה; ניט אַ אידעען־קאַמפּף, ניט אַ

פרינציפּען־קאַמפף, ניט א קאַמפף, אפילו, געגען א שעדליכע טאַקטיק, אָדער א שלעכטע פיהרונג. ער איז איינפאַך א מחלוקת פון א שוואַכען געגען א שטאַרקען צוליעב פערזענליכע עקשנות, און דאָס ניט דערפאַר ווייל דער שטאַרקער איז אן אונטערדריקער פאַר'ן שוואַכען, נור דערפאַר ווייל דער שטאַרקער איז שטאַרק און וויל זיך ניט לאָזען שטעלען קיין פּיאָוועס כדי צו פערליערען בלוט, און דערמיט א טהייל פון זיין שטאַרקייט.

דאָס דאַרפען די „פיינדליכע ברידער“ איינזעהען, נעהמען צום האַרצען און אויפגעבען זייערע צוועקלאָזע אנגריפע, ביי וועלכע עס מוז ליידען נור דער אנגרייפער, ווי עס ליידט דאָס קינד וואָס ווערט ביין אויף אן ערוואַקסענעם און האָבענדיג מיט וואַטה לאַנג געפּאַטשט יעַ־נעמ'ס האַנד געהט עס אוועק מיט א פערקרימטען פנים, מיט טרעהרען אין די אויגען און מיט א הענטעל וואָס שמאַרצט.

י. אדלער.

אונזער בוים...

(געווידמעט דעם 10טען קאָנווענשאָן פון ארבייטער רינג).

אויף אַ האַרטען פעלד, אַ וויסטען,
אויסגעשפרייט מיט דערנער ווייט
אויף א מדבר'דיגען באָדען,
אין א שטילער איינזאַמקייט;

אין אַ וויסטער נאַכט, אַ גרויער,
ס'האָט קיין שטערען ניט געגלאנצט,
דעמעלט האָבען גוטע מענשען
אונז א בוימעלע געפלאנצט...

און די מדבר־נאַכט, די לאנגע,
אָהן אן אָנהויב, אָהן א סוף,
האָט געצויגען זיך... געצויגען...
אלץ פערוויקעלט אין אַ שלאָף...

נור די גערטנער, די חברים,
זענען בלויז געווען וואַך,
און געהיט דאָס יונגע ביימעל,
זייער הייליג־טייער זאַך.

און די נאַכט, זי איז פערשוואונדען...
ס'האָט א ווינטעלע געקיהלט;
און דאָס יונגע צאַרטע ביימעל
האָט דאָס לעבען באַלד דערפיהלט...

אונטער הויכע, בלויע סקאַלעס,
אין דעם בלאַסען מזרח־זייט,
האָט די יונגע זונן אין הימעל
אָנגעטהאָן א פלאַמען־קלייד...

זיך בעציערט מיט פייער־ליענטעס,
זיך אין פאַרבען רייך געמאָלט;
און די לאַנגע לאָקען איהרע,
אויסגעשפינט פון ריינסטען גאָלד...

יעדער לאָק — אַ גין־גאָלד פאַליע,
יעדער האָהר — אַ זונען־שטראַהל,
און איהר יעדער בליק — אַ טיעפער,
זיסער, פרישער לעבענס־קוואל...

און די ליעבע זונען־שטראַהלען,
פול מיט גוטסקייט און מיט לוסט,

האָבען ס'יונגע בליהענד בוימעל
אומגעארעמט און געקוסט...

און אין הערצעל פון דאס בוימעל,
האָט א ליעבע זיך צוגליהט;
הייסע ליעבע צו די שטראהלען —
און נאָך שעהנער זיך צובליהט...

אויסגעשפרייט די יונגע צווייגליך
האָט דאָס בוימעל אויף דעם פעלד;
פון דער איינזאַמקייט, די שטילע,
זיך בעוויעזען אויף דער וועלט!

און די וואַנדערער, די מיעדע,
האָבען ס'בוימעלע דערזעהן,
מיט די יונגע גרינע צווייגען,
מיט דעם גאנצען רייץ און חן —

האָבען זיי גענומען ציהען,
ווי די שוואלבען אין דער לופט;
זיך צוקוויקען אין זיין שאָטען,
זיך צוקוויקען מיט זיין דופט...

אונטער זיינע גרינע צווייגען,
אָבצורוהען — ווען דערהיצט,
פון די פרישע גרויסע בלעטער
ווערען מוטערליך בעשיצט...

און פערלאָפען זיינען יאהרען
אין דעם אייביגקייטס־תהום;
פון דעם בוימעל איז געוואָרען
שוין אַ מעכטיג־שטאַרקער בוים,

וואָס די צווייגען זיינע גרייכען
איבער באַרג און פעלד און טהאָל,
און די וואנדערער, די מיעדע,
ווערען גרעסער אלץ אין צאָהל.

און קיין שטורעם, קיין געוויטער,
קען ניט שאַדען מעהר דעם בוים; —
ער פערבלייבט שוין אונזער שיצער,
אונזער האָפנונג... אונזער טרוים...

ש. יאנאָווסקי.

צום 10-יעהריגען יובילעאום פון אַרבייטער רינג.

עס איז געווען אמאָל א צייט אין אונזער בעוועגונג, ווען דער ארבייטער רינג האָט ניט עקזיסטירט. איצט קען מען זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, וואָס פאר א פנים עס וואָלט געהאט אונזער בעוועגונג, ווען ניט דער א. ר. זאָל איינער פרובירען זיך פאָר־שטעלען, אויב ער קען עס, אז מאָרגען איז יעדער שליאד פון ארבייטער רינג פערשוואונדען, און צוזאמען מיט דעם וועט איהם אויך פעהלען גאָר א שטארקער טהייל פון דעם גייסטיגען און קולטורעלען לעבען פון די אמעריקאנער אידישע ארבייטער.

דיעזע בעהויפּטונג אונזערע קען אויסקוקען אפשר א ביסעל איבער־טריבען פאר א נויאָרקער, פאר וועמען דאָס לעבען איז פול מיט פער־שיעדענע אינטערעסען און זאָרגען. וועלען עס אָבער די אידישע ארביי־טער אין דער קאונטרי, וואו דער גאנצער גייסטיגער און קולטורעלער לעבען קאָנצענטרירט זיך אין א ברענטש אדער צוויי פון ארבייטער רינג, דאָס בעסער קענען אפּשעצען.

איך וויים, אז מאנכע ריידען זיך נאָך איצט איין, אז דער „א. ר.“ איז נור א מיטעל צו א געוויסען צוועק. אזוי דענקט אודאי דער סאָציאל־דעמאָקראַט, אז דער „א. ר.“ איז נור גוט אזוי לאנג, ווי עס איז א פעלד,

אויף וועלכען מ'קען פערזעען זיינע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אידעען. און דער אויפריכטיגער אנאַרכיסט דענקט געוויס דאס זעלבע. און דער פריידענקער דאס זעלבע. און אזוי די אלע אנדערע, וועלכע האָבען זייערע בעזאָנדערע אידעען און פאנטאזיעס. אָבער דער אמת איז, אז דער אַרבייטער רינג איז א צוועק פאר זיך. און זיין צוועק איז א פיעל ברייטערער, טיעפערער און וויכטיגערער ווי די אלע צוועקען פון די פערשיעדענע פאַרטייען און מענשען מיט זייערע ליעבלינגס־אידעען. און דאָס איז אַן אלגעמיינע ברייטע גייסטיגע און קולטורעלע אַרבייט, וועלכע שטייגט פון יאהר צו יאהר, וועלכע שטייגט צוזאמען מיט דער אלץ ווייטערער ענטוויקלונג פון די מיטגליעדער גופא.

דערפאַר איז נאַריש צו מאכען פאַר דעם אַרבייטער רינג אירגענד א פראָגראַם, איינצאַמען איהם אין ראַמקעס, און זאָגען איהם: אָט דאָס איז דיין אַרבייט, דאָס איז דיין אויפגאַבע און ניט מעהר. ניין, די אויפגאַבען פון אַרבייטער רינג וואַקסען און ענדערען זיך צוזאמען מיט'ן לעבען. און עס איז גוט, דאָס דער אַרבייטער רינג קען ענטפערען אויף די פאָרדערונגען פון לעבען.

דאָס איז דער אונטערשיעד צווישען א לעבעדיגער און טוידטער אָרגאַניזאַציאָן, צווישען א אידישע לאָדזש און דעם אַרבייטער רינג.

דער צוועק פון אַרבייטער רינג ביי זיין גרינדונג איז געוועזן דאָך ניט קיין פיעל העכערער ווי פון יעדער אידישער לאָדזש: א קליינעם בענעפיט אין פאַל פון קראַנקהייט, א קליינע פאַרזיכערונג פאַר די יורשים און א שטיקעל ערד בעגראָבען צו ווערען. וואָלט דער אַרבייטער רינג געבליעבען ביי דעם, און ניט געגאַנגען ווייטער, וואָלט שוין אפשר לאַנג פון איהם קיין זכר ניט געוועזן, אָדער ער וואָלט נאָך געזשיפעט ערגעץ־וואו און ניט געהאט די מינדעסטע בעדייטונג אין אונזער לעבען. אָבער צום גליק איז עס ניט געוועזן אזוי. עפּעס א גייסט, א גוטער גייסט, האָט איהם אימער אַרויסגעשטופּט פון זיינע ברעגעס, האָט איהם אימער געמאַכט זאָ־צו־זאָגען האַנדלען אנאַרכיסטיש און ניט זיין צוגע־שמידט צום טויטען בוכשטאַב. און דאס איז, לויט מיין מיינונג, דער סעקרעט פונ'ם ערפאָלג פון „א. ר.“

ווייסט איהר פון א גוטע אונטערנעהמונג פאַר די ערהייבונג פון

דעם קולטור־מעמד פון די אידישע ארבייטער אין אמעריקא, אויף וואָס דער „א. ר." האָט זיך ניט אָבגערופען? ווייסט איהר פון עטוואָס, וואָס אפעלירט צו די אלגעמיינע מענשליכע סימפּאטהיען, וואָס זאָל אויך ניט האָבען אפעלירט צום „א. ר."?

מיר ווייסען עס ניט.

עס איז געווען אמאָל א צייט, ווען מען האָט מורא געהאט, אז דער „א. ר." וועט שאַדען און שטערען דעם וואקסען פון דער טרייד־יוניאָניסטישע בעוועגונג. און, אויב מיר האָבען קיין טעות, זיינען די ערשטע צייט פאַרגעקומען רייבערייען צווישען דיזע צוויי בעוועגונגען. איצט אָבער ניט נור מען הערט ניט פון מחלוקות צווישען דיזע צוויי בעוועגונגען, נור אזוי ווייט ווי מיר ווייסען, געהן זיי האַנד אין האַנד, און עס איז גאָרניט קיין ספק, אז דער „א. ר." האָט געראָדע פיעל געהאָלפען דעם וואקסען פון דעם טרייד־יוניאָניזמוס גופא.

עס איז געווען אמאָל א צייט, ווען מען האָט מורא געהאט, אז דער „א. ר." מיט זיינע ברענטשעס וועט טויטען אונזער גאַנצע סאָציאַ־ליסטישע און אנארכיסטישע בעוועגונג, אונזערע צייטונגען, צייט־שריפטען, לעקטשורס, ווייל דער ארבייטער וועט ווערען אַן ארבייטער־רינג־מאַן, ד. ה. איינער, וועלכער האָט נור אין זינען זיין קראַנקען־בענעפיט, זיין אינשורענס און זיין שטיקעל קרקע און פאַר אלעם אַנדערע וועט ער ניט האָבען קיין חשק און ניט קיין צייט.

און וואָס האָט זיך אויסגעלאָזען?

אַט וואָס. פיעלע גרופּען און סעקציאָנען, וועלכע האָבען ביז מיט עטליכע יאָהר צוריק געהאַלטען אין איין געבאָרען ווערען און אין איין שטאַרבען, עקזיסטירען איצט נור דערפאַר, ווייל זיי זיינען אין דערזעלבער צייט ברענטשעס פון „א. ר." מיר קענען פיעלע גרופּען, וועלכע לעבען זיך אזוי גוט איין מיט'ן „א. ר.", אז אין איין און דעמזעלבען אָבענד און אין איין און דעמזעלבען האַלל איז מען א שטונדע א גרופּע זאַ־און־זאַ, און מען פערהאַנדעלט „גרופּע־ביזנעס" — עולם־הבא זאַכען, און אין א שטונדע שפּעטער ווערט

ריעזע גרופּע פּערוואנדעלט אין א טהייל פון „א. ר.“, און מען רעדט שוין פון וועלטליכע זאכען.

און דארף איך נאָך דערצעהלען, אז די גאנצע אגיטאציאָן אונ־זערע ווערט איצט פּראקטיש אָנגעפיהרט נור פון די ברענטשעס פון „א. ר.“. ווער אָרגאנזשירט די אַלע אונצעהליגע לעקטשורס פון די פערשידענע רעדנער? ניט די ברענטשעס פון „א. ר.“? און אז מען דארף אונטערשטיצען א צייט־שריפט, וואָס האלט שמאָל, ווער טהוט עס, ניט דער „א. ר.“? און אז מען דארף העלפען דער רעוואָלוציאָן אין רוסלאנד, ניט דער ארבייטער רינג?

און איז שוין דערמיט געענדיגט די ארבייט? ניין. ווער האָט אָנגעהויבען און ווער פיהרט דורך אייניגער מאסען, לויט די כחות, די אידעע פון פרייע קינדער־שולען, ניט דער ארבייטער רינג? און וואָס גיט דעם טאָן, דעם קאָליר אונזער גאנצער בעוועגונג — ניט דער ארבייטער רינג? און ווער טהוט אַלגעמיינע הומאנע ארבייט, כאָטש דאָס נעהמט ניט אָן די מיאוס'ע פאָרמע פון צדקה, ניט דער ארבייטער רינג?

יע, עס איז דער ארבייטער רינג, וועלכער איז ארויסגעוואקסען פון זיין ענגער פּראָגראם און איז געוואָרען, זאָ־צו־זאָגען, א וועלט־רינג, — אָט דאָס איז עס, וואָס גיט איהם דעם כח זיינעם, אָט דאָס איז דער גרויסער סוד פון זיין פענאָמענאַלען וואקסען, און אָט דאָס איז אויך די גאראַנטיע פון זיין ערפאָלג פאר דער צוקונפט.

עס איז א סם־המות פאר'ן ארבייטער רינג אירגענד וועלכער גייסט פון קלייזעלדיגקייט, פון ענגקייט. זיינע סימפּאטהיען, זיינע שטרע־בונג דארפען זיין אַזוי ברייט, ווי די וועלט, און נור אין זיי און מיט זיי צוזאמען וועט ער וואקסען און בליהען. אָהן זיי איז ער א טויטער גוף אָהן א שום ווערדע.

דאָס מיינט ניט, אז דער ארבייטער רינג האָט אין דער צייט פון זיין ווירקען קיינע פעהלער געמאכט. מיר האָבען קיינמאָל ניט פער־פעהלט אָנצואווייזען אויף זיי, און וועלען עס אויך אין דער צו־קונפט ניט פארפעהלען. אָבער אַלעס צוזאמען האָבען מיר אָן ארביי־טער רינג אויפגעבויט, אויף וואָס מיר קענען שטאָלץ זיין. עס איז

ניטאָ קיין אורזאַכע זיך צו רייסען איבער כבוד: איך האָב עס געטאָהן. עס איז דאָ גענוג כבוד פאַר יעדען, וואָס איז זיך בעוואוסט, אז ער האָט מיט עטוואָס געהאָלפען דעם וואוקס פון דיעזער אָרגאַניזאציאָן. מיר פון אונזער זייט זיינען זיך ניט בעוואוסט וועגען איין מינוט פון אונזער טהעטיגקייט, ווען מיר האָבען געשטערט זיין וואַקסען. יאָ, ווען מיר האָבען קריטיקירט און אַטאַקירט איהם שטרענג און ביטער, האָבען מיר, לויט אונזער מיינונג, אָבגעריינינגט פאַר איהם אַלע דערנער פון וועג...

און אַט איצט, ווען דער אַרבייטער רינג פייערט זיין יובילעאום, אין אַנדערע ווערטער, ווען די אַרבייטער בעוועגונג פייערט איהר יובילעאום, קענען די אַלע וועלכע מיינען קיינע פּערזענליכע קליינע צוועקען, נור דעם פאָרטשריט אין גרויסען און גאַנצען, זאָגען זיך מיט א ריינעם געוויסען, אז אין דיעזער פערהעלטניסמעסיגער קורצער צייט איז אויפגעטאָהן געוואָרען א גוטע און גרויסע אַרבייט. אָן אַרבייט וואָס איז ניט אזוי גרויס מיט די שוין אויסגעפיהרטע טהאַטען, כאָטש דיעזע זיינען ניט ווייניג און ניט אונבעדייטענד, נור גרויס מיט איהרע פערשפּרעכונגען מיט איהרע פיעלע מעגליכקייטען. לאָמיר זאָרגען צו מאַכען וואָס ווייניגער פעהלערען, און מיר קענען זיין זיכער, אז אונזער אַרבייט וועט ניט געהן אין ניוועץ.



קאמפף.

י. סאלוצקי.

קראנקען-בענעפיט און קלאסען-קאמפף.

ען בעהויפטעט אפט אין דער זאגענאנטער „ראדיקאלער“ סביבה, דאס דער ארבייטער־רינג איז אייגענטליך גאר ניט קיין ארגא־ניזאציאן, וואס האט צו טהאן מיט דער ארבייטער בעוועגונג. דען, איינמאל האט ער ניט קיין דירעקטע שייכות מיט דער פאליטישער און עקאנאמישער פארם פון דעם ארבייטער־קאמפף, און חוץ דעם שטעלט ער זיך אויך ניט קיין אויפגאבע צו שטיצען קאאפעראטיווע בעקרייען, טא וואס פאר א שייכות האט ער, דער ארבייטער רינג, מיט דער בעוועגונג פון דער מאדערנער ארבייטערשאפט ? — אדער, טענה'ן די פערטרעטער פון דיזער מיינונג, איז די בעזארגונג פון א בית־עולם פאר דעם פרא־לעטאריער א וועזענטליכע פראגע פון דעם פראלעטארישען קאמפף, און די אבגעזונדערטע עקזיסטענץ פון ארבייטער אויפ'ן עולם האמת א פראגע פון קלאסען־בעשטימונג ?

עס וואלט קוים כדאי געווען שענקען צופיעל אויפמערקזאמקייט צו דיזע בעהויפטונגען, און עס איז אודאי א פערלארענע ארבייט צו בעקעמפפען זיי אין דער ספעציפיש־קראנקער אידישער ארבייטער־

וועלטעל, וואו די מעהרערע „קריטישע“ און „פרינציפיעלע“ מיינונגען זיינען אן אנשטענדיגע פארם פאר גאר ניט־אנשטענדיגע פוילקייט אדער ניט־פעהיגקייט, אין בעסטען פאל — פאר שוואכקייט.

ווערטער ווירקען אבער. און טאקע אין אט דער קראנקער סביבה געפינען א ברייטען אבקלאנג אלערליי פליגעלדיגע אויסדריקע, און עס איז גענוג צו זאגען „סעמעטערי“ אנשטאט ארבייטער רינג, און א בלי־הענדע ארגאניזאציאן וועט זיך פארשטעלען פאר דעם ניט־ערפאהרע־נעם מארך ווי א וויסטער בית־עולם. עס איז גענוג א פאך צו טהאן מיט׳ן ווארט „טראסט פון דזשאבס“ און דער טרייד־יוניאן וועט שוין ערשיענען אלס אן ארגאניזאציאן פון קאפיטאליסטען, אלס א זאך, וועלכע די אקטיווע ארבייטער דארפען ניט אויסבעסערען אונטערשטי־צענדיג, נאר בעקעמפפען פערניכטענדיג.

די קראפט פון פליגעלדיגע ווערטער איז גרויס. אין א געזונדטער סביבה רופט א שעהנער ווארט צו שעהנע טהאטען. אין א סביבה, א קראנקער, ווערט דאס זעלבע ווארט א „קארט בלאנש“, א בערעכטי־גונגס־אקט אויף שלאף, זיסען שלאף מיט קאנקרעטע חלומות און פוסטע ווירקליכקייט.

און דארום קומט אוים צו ריידען אפט פון אזעלכע זאכען, פון וועלכע מיר, די אויבערשטע פון שטייסעל, די סאציאליסטישע אתה־בחרתנו׳ניקעס האבען שוין פערגעסען, פון וועלכע אבער, פאקטיש, מיר ווייסען טאקי גאר ניט.

עס איז כדאי צו דערמאהנען אגב אורחא, דאס אויך אין אייראפא האט זיך געפאדערט פיעל צייט און ארבייט און פיעל, זעהר פיעל פא־פירענע שווערדען זיינען צובראכען געווארען, ביז די קאאפעראטיווע בעוועגונג האט בעקומען סאציאליסטישען קרעדיט, ביז דיעזע ריין־„פראקטישע“ ארבייט איז אפיציעל אריינגעפלאכטען געווארען אין דעם חוט המשולש פון דער היינטיגער פראלעטארישער טהעטיגקייט, וואהר־שיינליך, דאס נאך דעם געזעץ פון אינערליכע ווידערשפריכע האבען די סאציאליסטען, די אויסגעשפראכענע און ווירקליך איינציגע רעוואלוציאנערען פון ווארט און טהאט, ענטוויקעלט אין זיך א געוויי־סען קאנסערוואטיזם, א געוויסע רוטינענע נייגונג זיך בעזונדער פעסט

צו האלטען אן אויסגעפּרובטע מיטלען און פּירבטען פאר נייע.

די אייראָפּעאישע סאָציאליסטען האָבען לכתחילה אנערקענט די קאָאָפּעראַטיווע טהעטיגקייט, ווייל זי ארגאניזירט די מאסען, ווייל זי איז א מיטעל צו פעראייניגען פיעלע אין איינעם און, פאָלגליך, שאפען א בעקוועמע אודיטאָריע פאר דעם סאָציאליסטישען אגיטאַטאָר. שפּע־טער האָט די טהעטיגקייט פון די קאָאָפּעראַטיווען בעקומען א זעלבסט־ווערטה, ענדליך געווארען פאר אלעמען קלאָהר, דאס דער ארבייטער איז ניט נאָר א בירגער און א פּראָדוצירער, נאָר אויך איז ער א קאָנ־סומער, — און דארום איז די קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאפט פונקט אזוי געזעצליך און זעלבסט־בעדייטענד, ווי די פּאָליטישע פּארטיי און דער פּראָפעסיאָנעלער פעראיין.

אזוי איז דאס געוועזען בנוגע צו דער קאָאָפּעראַציאָן. די בעדערפ־ניסע פון דעם ארבייטער־מענשען ווערען אלץ מעהר קאָמפּליצירט, אלץ פיעל־ארטיגער, — און ממילא וואקסען צו נייע פאָרמען, אין וועלכע עס גיסט זיך אויס זיין זעלבסטטהעטיגקייט, די טהעטיגקייט פון זיין קלאס.

אויב די פערזיכערונג אויפ'ן פאל פון עלטער אדער טויט איז אן אויפגאבע, וואָס דארף און קען ענטשיידען ווערען בעסער אויפ'ן וועג פון זעלבסטשטענדיגער טהעטיגקייט, טאָ דארף מען דען ברייינגען ראיות דורך אותות ומופתים, דאס אזא זעלבסט־טהעטיגקייט איז ווינשענסווערטה, נויטיג, נוצליך, פאָלגליך — געזעצליך? — ווי גע־זאָגט שוין, וואלט דאס אלץ געווען מעהר ווי איבעריג, ווען אייניגע ווערטער וואלטען ניט געהאט אן אויסערליכען אויסזעהען פון ריכ־טיגקייט.

מען בעטאָנט, דאס ערשטענס איז דער ארבייטער רינג לויט זיין מיטגליעדער־בעשטאנד ניט קיין פּראָלעטארישע ארגאניזאציאָן, — און צווייטענס, זיינען די בעשטרעבונגען זיינע און די טענדענצען פון זיין ענטוויקלונג ניט קיין פּראָלעטארישע, האָבען מיט דעם פּראָלעטאריער, אלס אזעלכען, גאר ניט צו טהאָן.

וואס אנבעלאַנגט דאס ערשטע, איז דאס — אויף 50 % א פער־גוואלדיגונג פון דעם אמת און אויף 50 % א טעות, וואָס שטאמט פון

ניט פערשטעהן די ווירקליכקייט אין אַמעריקאַ. אויב קיין אַלגעמיינע ציפערען עקזיסטירען ניט, איז דאָך ליכט צו זעהען פון יעדען איינציגען ברענטש, דאָס ניט נאָר זיינען זיי אויף $^{9}/_{10}$ פון כשר'ע פּראָלעטאַריער, נאָר אויך זיינען אויסשליסליך פּראָלעטאַריער די טאָן־געבער. פערשטעהט זיך, דאָס איינציגע אויסנאַהמען שפּיעלען קיין ראָליע ניט. זיי זיינען ניט מעהר ווי אויסנאַהמען.

פּיעלע פערשטעהען ניט דעם אינערען לעבען פון אונזער לאַנד. די אַמעריקאַנער עקאָנאָמישע ווירקליכקייט איז נאָך ניט איינגעשטעלט. זי האַלט אין איין בעוועגען זיך, זי בייט איהרע פאָרמען און אויסזעהן. נאָך האָט דער אַמעריקאַנער ארבייטער ניט פערלאָרען אינגאַנצען די „אונבעגרענצטע מעגליכקייטען“, נאָך איז איינגעוואַקסען אין זיין איינבילדונג די ראָמאַנטישע זוכעניש און שטרעבען נאָך עטוואָס העכערעס, נייעס. דער אַרבייטער בייט אַלע טאָג זיין שטאָדט, זיין פּראָפעסיאָן, זיין קלאַס. היינט א פּראָלעטאַריער, איז ער מאָרגען א מיטעל־קלאַס מענש, און אין צוויי טעג שפּעטער א פּראָפעסיאָנעלער מענש. דער בעשעפטיגונגס־פּיעבער איז שטאַרק. אמת, די ענטוויקלונג פון דעם לאַנד בויט אויס הויכע ווענד און לייגט שווערע שטיינער אויפ'ן וועג צו די אונבעגרענצטע מעגליכקייטען, אבער פאָרלויפיג איז נאָך דער וועג אינגאַנצען ניט פערצאַמט.

קען דער ארבייטער רינג ענדערען דיעזען פאַקט, קען ער מאַכען דאָס זיינע מיטגליעדער, היינט ארבייטער, זאָלען מאָרגען ניט ווערען קיין צרה'דיגע ביזנעס־לייט, אָדער פּראָפעסיאָנעלע אויף צרות? — געוויס נים. ווען דיעזע ארבייטער זיך ווייט ארויפארבייטען, וועלען זיי זאָ ווי זאָ אוועקגעהן; וועלען זיי בלייבען אויף צרות, טאָ וואָס איז זייער יחוס? געוויס, קען מען אויסשרייבען פּרינציפּען אויף פּראָקאָט פון אויסלאַנד, מען מוז אבער נעהמען ארבייטער, ווי זיי זיינען, ווי עס שאַפט זיי די אַמעריקאַנער פּראַקטיק, ניט די אייראָפּעאישע טעאָריע.

די צווייטע בעשולדיגונג, בנוגע די טענדענצען.

איך וועל דא ניט נעהמען זיך פערטהיידיגען דעם ארבייטער רינג.

עס זיינען דא דעפעקטען, צייטענווייז פעהלט, וואס מען רופט אין רוסיש, א „לעבעדיגע נשמה“. דיעזער פאקט אבער ווייזט, אז דער קערפער איז ניט קיין פרעמדער, דאס די פעהלערען זיינען קענטיג, ווייל דאס גאנצע וועזען איז א פראלעטארישע. מאהנט דאך עס קיינער ניט פון אנדערע ארדענס, וואס זיי זיינען ניט סאציאליסטיש גענוג ? ווען מען ווייזט אן, דאס דער סאציאליזם הינקט צו, הייסט דאך עס אבער, אז צוויי פיס זיינען יא דא ? איז דאס פאלש ?

איך וויל זיך דא אבשטעלען אויף איין ווינקעל פון דער פראגע, וועלכע האט קוים ווער בעריהרט. מיר שיינט, דאס וועט עטוואס בע ווייזען און עטוואס איבערצייגען.

* * *

קראנקען־בענעפיט און פערזיכערען דאס פאמיליע נאכ'ן טויט, — דאס איז א זאך, וואס האט אפשר ווייניג שייכות מיט דעם ארבייטער ספעציעל, חוץ דעם פאקט, וואס פראלעטאריער האבען מעהר שאנסען ווי אנדערע צו שטארבען אהן א צייט און קריינקען אהן א שיעור. שטיצען יתומים און אויסהעלפען אלמנות איז אלע מאל געווען א מצוה־זאך, און דער „כלל“, די געזעלשאפט האט אלע מאל געזוכט צו טהאן עטוואס אויף דיעזען געביעט. דאס איז אלזא א זאך א „מענשליכע“ מעהר ווי א פראלעטארישע.

און א לאנגע צייט איז דאס אזוי געווען. דאס אידישע פאלק איז געווען א גאנצע סביבה, ניט קיין צושפאלטענע אויף קלאסען. די מיט־גליעדער פון דער סביבה זיינען געווען גלייכע מענשען, זיי האבען גע־רעדט אויף איין שפראך. געמיינזאמע נגישות און רדיפות האבען צו־זאמענגעשמידט מיט דיזעלבע קייטען דעם רייכען ווי דעם ארעמען.

דיעזע גוטע פרומע צייט איז אבער לאנג פערשוואונדען. עס איז ענטשטאנען א דור הפלגה, וואו איינער האט דעם צווייטען ניט גע־וואלט און ניט געקענט פערשטעהן : דער ערשטער איז געווען דער רייכער, דער צווייטער — דער קבצן.

די נויט איז געוואקסען, די ארימקייט איז געווארען א כאראקטע־שטריך פון דעם אידישען פאלק. די צדקה איז מעהר ניט געווען קיין ברודער־שטיצע, זי איז געווארען א וואלטהאט. דער קבצן, דער סתר,

דער וואס האט זיך געשעהמט אויסשטרעקען זיין האנד, ער איז כמעט פערשוואונדען, — קבצנות איז געווארען א מין פראפעסיע.

שטיצען דעם קראנקען איז דאן אויך געווארען א מין פראפעסיע, ווען ניט צוליעב פערדיענסט, איז לשם שמים, כדי צו שאפען זיך נחת רוח. דאס איז געווען גייסטיגע שפייז פאר דעם נפש פון דעם זאטען. ענדליך, אין דעם האט געפונען א בעפריעדיגונג די רייכערע און אינטעליגענטערע טהייל פון דער אידישער נאציאן, וואס האט ניט געהאט קיין מעגליכקייט אויסצואיבען איהר סאציאלע ענערגיע אויף אירגענד וועלכען אנדערען געביעט.

די פערזארגונג פון קראנקע, ארעמע, יתומים און אלמנות האט אבער געפאדערט פיעל געלד־קרבנות, חוץ ארגאניזאטארישע פעהיג־קייטען. וועהרענד דאס לעצטע איז דאך געלעגען אין די הענד פון דער אינטעליגענץ, פון דער גייסטיגער און געלד אריסטאקראטיע, איז דאס ערשטע — די געלד — אויך געווען ביי די ארימע.

„פון יעדען צו פאדים, ועט זיין פאר דעם נאקעטען א העמדעל“— אזוי לויטעט א רוסישעס שפריכווארט. דאס איז געווען בעזאנדערס ריכטיג אין דער אידישער וועלט. די אידישע צדקה איז געווען גענו־מען פון דער ברייטער מאסע אין בוכשטעבליכען זינען פון ווארט.

דאס קען אויסקומען אונגלויבליך, ווען מיר וויסען, דאס ארעמקייט האט קיין מאל ביי קיינעם ניט געהאט אזא זיכערען און פעסטען נעסט, ווי ביי אידען. די בעריכטען וועלכע, צ. ב., די אידישע קאלאניזאציאנס־געזעלשאפט בעקומט פון איהרע קאררעספאנדענטען, צייגען, דאס די גרעסטע טהייל פון דער אידישער מאסע קומט אן צו וואלטהעטיגקייט אין דער אדער יענע פארם, דאס אין בית אשר אין שם מת. וואס א הויז, דאס א קבצן ; וואס א שטוב, דארט אונבעשיצטער דלות. און ניט קו־קענדיג אויף דעם אלעם, האט דיזעלבע מאסע, וואס האט געשטיצט זיך אויף עפענטליבער הילף, אליין כמעט אויסגעהאלטען די אנשטאלטען, אין וועלכע זיי זיינען געגאנגען בעטען הילף.

* * *

אידען זיינען א פאלק פון בעלי־צדקות, רחמנים בני רחמנים. העכסט וואהרשיינליך איז דאס דערפאר, וואס זיי זיינען כמעט אלע

אביונים. זיי האָבען ניט וואָס צו קאָרגען. דער פאקט בייט זיך אָבער ניט דערפון. זיי גיבען אפשר ווייניג, אבער זיי גיבען. אין אונזער פאַל האָט זיך עס ארויסגעוויעזען בעזונדער שטאַרק. מיר ווילען ברייננגען א ביישפּיעל.

די פאָרמע, אין וועלכער אין רוסלאַנד צווישען אידען האָט זיך אויסגעדריקט די שטיצע פאר ארימע קראַנקע איז געווען א צווייערליי־איגע. אָדער מען פלעגט גרינדען האָספּיטאָלס, אדער מ'פלעגט צוזאמענשטעלען פערשיעדענע ארגאניזאציאָנען, וואס פלעגען אין פערשיעדענע וועגען שטיצען דעם ארעמען קראַנקען. לויט דעם חשבון פון דער „יק"א" געפינען מיר אין רוסלאַנד 112 האָספּיטאָלס און 665 אזעלכע חברות. הויפּטזעכליך (93 און 492) אין דער „טשערטא אסיעדלאָסטי". די האָספּיטאָלס זיינען אלע מאָל אויסגעהאַלטען אויפ'ן חשבון פון דעם „קאָראָבאָטשני" און „סוויעטשנאָי סבאָר", וועלכע זיינען גענומען פון דער ארימער מאַסע אין אן אונדירעקטער פאָרם, אהן איהר דירעקטען ווילען, — דער פאַל איז דארום ניט אינטערעסאנט פאר אונז. דערפאַר אבער, די אלע חברות, בעקאנט אונטער די נעמען משמרת חולים, ביקור־חולים א. ד. גל. זיינען שטענדיג א פּראָדוקט פון שאפען ביי די פינאַנציעל־ניעדריגסטע שיכטען פון דער אידישער בעפעלקרונג. דאס איז לייכט צו זעהען פון דאָס פאָלגענדעס:

קוים 23 % פון אלע קראַנקען אונטערשטיצונגס־חברות האָבען (לויט די ידיעות פון „יק"א") אן איינגאַהמע העכער פון 500 רובעל. אלע איבעריגע 77 %, העכער ¾, האָבען א פיעל קלענערע הכנסה. א פיערטע טהייל, אן ערך **165** חברות, האָבען זאָגאַר ווייניגער פון 100 רובעל יעהרליכע הכנסה. **אין גאַנץ** רוסלאַנד געפינען מיר נור 8 חברות, וואס זאמלען מעהר פון 1000 רובעל יעהרליך.

ווען מען זאָל נעהמען, צ. ב. ש., די ווילנער חברה משמרת חולים, געפינען מיר, דאס א מיטגליעדס־אבצאָהלונג פון 3 רובעל א יאָהר שמעקט שוין מיט יחוס ; א רובל אדער א רובל מיט 50 קאָפּ. איז א פּאָרציע פון דעם דורכשניטליכען בינוני בעל־הבית.

דאָס הייסט, אייגענטליך, דאס דער שטענדיגער צאָהלער איז דער אָרימאַן, דער מענש, וואס לעבט, נאָך שלום־עליכם'ס אויסדרוק, פון

ווינד, רויך און ציבעלע־שאָלעכטץ אָדער דער ארבייטער, וועלכער, אגב אורחא לאָמיר עס בעמערקען, האָט אין רוסלאנד אויך זיך געשליידערט פון איין פראָפעסיע אין דער צווייטער, ווי דאס טהוט זיין ברודער אין אמעריקא.

ווער איז אבער געווען דער בעל־דעה? ווער האָט געפּראוועט די געשעפטען, ווער האָט פערנומען די פעראנטווארטליכע און עהרענ־האפטע אמטען? — דאס האָט געטהאָן דער נגיד.

דער גביר איז דער איינציגער בעל־הבית, דער שטענדיגער און אונפערבייטליכער הערשער אין דיעזער געזעלשאפט.

נאָך מעהר. די ארבייט איז ניט בעשטאַנען הויפּטזעכליך אין קריי־גען געלד. אין אייניגע חברות איז איינגעפיהרט געווען פערזעהנליכע הילפע אין פאָלגענדער פאָרם: ווען א מיטגליעד פון דער חברה איז קראַנק געווארען, פלעגט אן אנדער מיטגליעד פערברייננגען לעבען איהם די נאַכט. דאָס איז געווען איינגעפיהרט לויט א געוויסע אָרדנונג. ווער עס האָט ניט געקענט אדער ניט געוועלט אליין געהן אויף „דעזשור־סטווא" האָט געצאָהלט 30 קאָפּ. אין קאסע פון משמרת חולים און פאר דיעזע געלד פלעגט מען דינגען א זיצערין. א געוויסע טהייל מיטגליעדער האָט בעטראַכט דאָס פערברייננגען א נאַכט ביי דעם קראַנקען פאר א מאָראלע פפליכט, דאָס גרעסערע צאָהל האָט אבער אנדערש געקוקט אויף דער זאך, און אויב נאָך אלעם איז די צאָהל פון די, וואס פלעגען צאָהלען די 30 קאָפּ. געווען קליין, בעווייזט עס, דאָס אזא סומע האָט געהאט א בעדייטונג צווישען דער מיטגליעדערשאפט, דאָס די לעצטע איז בעשטאַנען פון ארעמע עלעמענטען, פון ארבייטער און בעלי־מלאכות, פאָלגליך.

די קראַנקען־פערזיכערונג איז געווען אין גרונד א פאקט פון געגענ־זייטיגער הילף. די פאָרמע איז אבער געווען א פאלשע: די געגענזייטיגע הילף האָט געטראָגען דעם כאראקטער פון פילאנטראָפּי. דאָס איז געווען גאָר־גאָר ניט לאנג.

דאס אידישע לעבען האָט זיך אבער געהאלטען אין איין שפּאַלטען. דער קאָנטראַסט צווישען ארימקייט און רייכקייט, פון וועלכע די וואָרצלען ליגען אין דער צוטהיילונג פון די רייכטהימער, דיעזער קאָנ־

טראַסט האָט זיך פערוואַנדעלט אין א גענענצאַ צווישען דעם אונטער־נעהמער און ארבייטער.

די צדקה לשם שמים, וועלכע איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין פּאַקטישע און געגענזייטיגע אונטערשטיצונג אונטער די פאָרם פון פי־לאַנטראָפּי, האָט דורכגעמאַכט א נייעם שטיקעל וועג. די ניי־געבאָרענע ארבייטער בעוועגונג האָט דעם וועג דורכגעלייגט. דיעזער נייער קאַפּי־טעל איז שוין געווען געשריעבען כמעט אין די לעצטע יאהרען אין רוסלאַנד.

* * *

די אידישע ארבייטער מאַסע האָט זיך אָנגעהויבען בעוועגען. זי האָט זיך אָנגעהויבען צו פיהלען אלס עטוואָס אזוינס, וואָס עקזיסטירט ווי א בעזונדערע גאַנצע, וועלכע איז אינערליך צוזאַמענגעפלאָכטען מיט ניט־זיכטבאַרע פעדים, אויסערליך — אבגעטהיילט פון דער איבעריגער וועלט מיט א ניט־זיכטבאַרער וואַנד, אבער א הויכער וואַנד.

די ליידען און פריידען זיינען געוואָרען ספּעציפיש־פּראָלעטאַרישע; ווען ניט אלע מאָל קלאָהר בעוואוסט איז דאָך שטענדיג שאַרף געפיהלט. די ארעמקייט האָט שוין איצט געשטאַמט ניט פון גאָט'ס שטראָף, נאָר פון מענשליכער אונטערדריקונג, פון עקספּלואַטאַציאָן. די נייע ארעמע לייט, די ארבייטער, האָבען שוין געפיהלט א בעזונדער ווידער־טעם אין דער צדקה. זיי האָבען אבער ניט פערשטאַנען, האָס דאָס צדקה אויס־זעהען פון זייער הילף איז הויפּטזעכליך געגרינדעט אויף זייער נאַריש־קייט. זיי אליין האָבען אויפגעהאַלטען די צדקה־אַנשטאַלטען, די בעלי־בתים דאָרט זיינען געווען די גבירים. די ארבייטער האָבען בעשלאָסען נעהמען די זאַך אין זייערע אייגענע הענד, זיי האָבען גענומען בויען זייערע אייגענע אונטערשטיצונג.

דאָן האָבען זיך געגרינדעט די ערשטע פּראָפעסיאָנעלע קאַסעס, ד. ה. אָרגאַניזאַציעס פון ארבייטער פון איין און דער זעלבער פּראָפע־סיאָן, וועלכע שטיצען זיך איינער דעם צווייטען. דיעזע קאַסעס, דער פּאַקטישער באָדען אויף וועלכען עס האָט זיך אזוי גרויסאַרטיג שפּעטער ענטוויקעלט די גלאָררייכע טהעטיגקייט פון דעם אידישען ארבייטער־

בונד, זיי האבען אויך געהאט אלס אויפגאבע אונטערשטיצונג פון קראנקע מיטגליעדער.

פראקטיש זיינען די רעזולטאטען געווען אונבעדייטענדע. אײנס איז אבער פון דאנען ארויס, וואס האט געהאט די וויכטיגסטע בעדייטונג. עס האט זיך אבגעריסען דער פאדים, וואס האט געבונדען צוזאמען דעם נגיד מיט'ן קבצן, דעם בעל־הבית מיט דעם פועל, מיט דעם פראלעטאריער. דער צדקה־מאטיוו האט פערלארען זיין צוציהענדקייט. עס איז ענטשטאנען א נייער בעוואוסטזיין, עס איז אבער ניט געווען קיין ענטשפרעכענדע פארם, אין וועלכער ער זאל זיך קענען אויסגיסען, אבוואהל די טרעגער זיינע האבען שוין געהאט א פאקטישע עקזיסטענץ.

די רוסישע ווירקליכקייט האט ניט געוואלט ערלויבען דעם אידישען ארבייטער, וואס האט בעקומען אזוי פיעל ארמוטה, דחקות און קראנקהייט אלס שטענדיגע אייגענטהום, זיך זעלבסטשטענדיג ארגאניזירען אויף דיעזען געביעט. די רוסישע ווירקליכקייט האט געזעהען איהר ערגסטען שונא אין דער ענטוויקעלטער זעלבסט־טהעטיגקייט פון די ברייטע מאסען. די אמעריקאנער טויערען זיינען געווען אפען פאר די אייביגע וואנדערער, זיי זיינען אהין אריין.

* * *

דער ארבייטער רינג קען פיעלעס צעהלען צווישען די אורזאכען, וואס האבען איהם ארויסגערופען צום לעבען. דא איז די אבוועזענהייט פון א שטארקער פעראייניגטער סאציאליסטישער בעוועגונג, דא איז די אבסאלוטע שוואכקייט אמאל און די פערהעלטניסמעסיגע שוואכקייט היינט פון דער טרייד־יוניאניסטישער בעוועגונג, דא איז אידען־ציברעקעלטקייט און קולטורעלע נישטיגקייט פון דער אידישער מאסע, — פיעלעס איז דא פאראן. דער עיקר אבער איז ניט דאס. דער ארבייטער רינג איז ענטשטאנען אלס א היסטארישע נויטווענדיגקייט פאר די אידישע ארבייטער מאסען, וועלכע ליידען פון א דרייפאכען פלוך אלס אידען און ארבייטער און מענשען, וועלכע האבען אבער אויך א ספעציעלע פורעניות, א מכה אשר לא כתובה בתורה, — דאס איז פיזישע שוואכקייט און פאלגליך אויך אויסערגעוועהנליכע ארעמקייט.

קראנקען־בענעפיט און פערזיכערונג געגען טויט האט אין זיך

וועניג ספעציפישעס, פונקט ווי ברויט־באַקען און פערקויפען דאס ברויט האָט ניט קיין דירעקטע שייכות צו דעם ארבייטער אלס אַרבייטער. דער מזל פון דעם אַרבייטער־קלאַס איז אָבער אזא, דאס אלעס וואָס פאַלט אריין אין זיינע הענד, וואס ווערט אן אביעקט פון זיין קלאסען־טהע־טיגקייט, אַלעס בעקומט א רעוואלוציאנערע בעדייטונג. די קאָאָפּעראַ־טאָרען לשם קאָאָפּעראציע זעהען איין אין איהר אַ ציעל אין זיך און פיר זיך. די סאציאליסטען האָבען א קאאפעראטיווע בעוועגונג געמאכט פאר א גרונד־שטיין פון קלאסען־ארגאניזאציאָן און קלאסען־קאמפף.

אונטערשטיצונג פון קראנקע אין די הענד פון דעם אַרבייטער־קלאַס איז געווארען א מעכטיגער מיטעל פון זעלבסטשטענדיגע אקציאָן, האָט פערענדיגט דעם פּראצעס, וואס האָט זיך אָנגעפאנגען אין די אמאַליגע צדקה־חברות.

דארט האָבען קבצנים געצאהלט, געבאַלעבאטעוועט האָבען די גבירים און די גליקען פאר דעם עולם זיינען קוים געווען גרויס.

נאכהער האָבען ארבייטער אליין געפּרובט איינאָרדנען זייער זעלבסט־הילף: פּראקטיש האָבען זיי וועניג געוואונען, מאָראליש האָבען זיי בעקומען עטוואָס בעדייטענדעס. איצט איז די לעצטע שטאדיע: אליין געצאהלט, אליין פערוואלטעט, — און דערביי הויכע פּראקטישע רעזולטאטען.

איז דאס וועניג? זיינען די טענדענצען פון אזא ענטוויקלונג אַנטי־סאָציאליסטיש, ליעגען זיי ניט אויפ'ן וועג פון קלאסען־קאמפף?

* * *

און נאָך איין זאַך.

דער אַרבייטער אין דער קאפּיטאַליסטישער וועלט האָט קוים וואו צו לערנען זיך פערוואלטען, רעגיערען, מיט איין ווארט — זיך פּאָרבע־רייטען צו דער היסטאָרישער מיסיאָן, וואס ליעגט אויף דעם וועג פון דעם היסטאָרישען פּראָגרעס.

דער פּראָפעסיאנעלער פעראיין, דער קאאפּעראטיוו, דאס זיינען די איינציגע פלעצער, וואו דער פּראָלעטאריער איבט אוים זיין סאָציא־לע ענערגיע. אַרבייטער־אוניווערזיטעטען און קולטור־געזעלשאפטען ליעגען אויף דער זעלבער ליניע.

דער מאָדערנער סאָציאַליסט שאַצט אָב דיעזע אַלע איינריכטונגען נאָך זייער אינערליכער וויכטיגקייט, ער זעהט אָבער אין זיי נאָך אַ בע־דייטענדע זאַך. ער זעהט אין זיי די אינסטיטוציאָנען, וועלכע בילדען דעם אָנפאַנג פון דער צוקונפטיגער געזעלשאַפט אין דעם שויס פון דער היינטיגער וועלט.

דאַס זיינען די מיטעל־פּונקטען, וואו עס פערשטאַרקט זיך און עס ענטוויקעלט זיך די שאַפענדע ענערגיע פון דעם מאָדערנעם שקלאַף, פאַר וועלכען אַלעם איבריגעם איז געשלאָסען. ווען דער ארבייטער רינג האָט אויך אין זיך דיעזע מעלה, הייסט דאָס ניט, אז זיין עקזיסטענץ איז פון אונגעהויערער וויכטיגקייט פאַר דעם ארבייטער?

קען דען דער סאָציאַליזם ניט אַנווייזען מיט רעכט אויף דעם ביישפּיעל, דאַס דער ארבייטער־קלאַס קען בלויז מיט ענערגיע, אָהן געראַבעוועטע און געזאַמעלטע רייכטהימער שאַפען שטאַרקע אינסטי־טוציאָנען, וועלכע שניידען זיך אריין אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט און לייגען דעם ערשטען שטיין פאַר דער שעהנער, גרויסער געביידע פון דער ליכטיגער, מעכטיגער צוקונפט? קען דער סאָציאַליזם דאָס ניט בעהויפּטען מיט רעכט?

און אויב יאַ, טאָ האָט אַ גרונד די בעהויפּטונג פון די לכל־הפּחות ניט־פּראַקטישע קריטיקער?

איך דענק, אז ניט.

* * *

עס פעהלט אַ „לעבעדיגע נשמה" אין דעם ארבייטער רינג. איך האָב געברויכט אין איין אַרט דיעזען אויסדרוק. ניט אַלע מאָל פעהלט זי און ניט אומעדום. צייטענווייז פעהלען ניט, נאָר דאַגעגען, זיינען איבעריגע נשמות פאַראַן. ווי העלפט מען דיעזער צרה, דעם ענטפער דערויף געהערט ניט צו דעם אַרטיקעל. וואָס איך וויל בעמערקען איז פאָלגענדעס:

קיין פעהלער איז ניט געפעהרליך, ווען זיינע אורזאכען און פאָלגען זיינען קלאָהר, ווען די אלגעמיינע ציעלען און נויטען זיינען פערשטענדליך. בנוגע צו אונזער פאַל הייסט עס: מען דארף ניט ארויסלאָזען פון אויג די פרינציפּיעלע בעדייטונג פון דער ארבייט, מען דארף אימער האַלטען אין זינען די וויכטיגקייט פון זעלבסט־טהעטיגקייט, און דאַן וועלען די וועגען, ווי לעבעדיגער מאַכען די ארבייט, ווי איהר רייכער, שעהנער, פיעלארטיגער מאַכען, — דאַן וועלען דיעזע וועגען ניט זיין אונטער זיעבען שלעסער, זיי וועלען זיך אויסמאַהלען אפען און קלאָהר.

מאָררים ראָזענפעלד.

זעלבסט־הילף.

"Help yourself."
אן ענגליש ווערטיל.

דעם „ארבייטער רינג" צו זיין צעהן יעהריגען יובילעאום.

איך זינג ניט צדקה און שתדלנות
מיט זייד און סאַמעט צוגעדעקט ;
איך זינג ניט „נעבאך" און „רחמנות" ;
מיין הויפט מאָטיוו איז זעלבסט־רעספּעקט.

פאר די, וואָס שאַפען גליהט מיין מוזע,
פאַר די, וואָס העלפען זיך אליין,
וואָס קושען ניט דעם גביר'ס מזוזה
אלס בעטלער ביי זיין טהיר צו שטעהן ;

וואָס עקלען זיך פון יענער „מצוה",
וואָס קומט פון אויסגעטיילטע רויב,
און האַסען טובות, שילטען קצבה,
וואָס ווארפט אריין דעם מענש אין שטויב.

הילף.

איך זינג די ארבייטער־פעראיינען,
וואָס ווייכען פון דער צדקה'ס קלינג, —
וואָס געהען ניט פאר רייכע וויינען
און זוכען הילף אין אייג'נעם „רינג".

אָ, זיי געגריסט דו העלער הימעל,
דו גרויסער „רינג" מיט דיינע שטערען,
וואס ווערצט זיך ניט אין מיטלייד'ס שימעל
און יאָמערט ניט קיין בעטלער־טרעהרען!

די, וואס ווילען וויסען די בעדייטונג פון צעהן יאהר עהרליכע, מענשליכע טהעטיגקייט ; די וואס ווילען פערשטעהן, וואס ארבייטער, אידישע ארבייטער, אונטער די אונגינסטיגסטע אומשטענדען פון פער־וואגעלטקייט און ארימקייט, זיינען אימשטאנד אויפצוטהאָן, טאָ זאלען זיי בעטראכטען דעם ריעזיגען, אונפערגלייכליכען ארדען פון זעלבסט־הילף און געגענזייטיגע שטיצע, יא, זאלען זיי א קוק טהאָן אויף דעם ארבייטער רינג, וועלכער פייערט איצט זיין צעהן־יעהריגען יובילעאום.

דיעזער הערליכער „רינג" איז איצט פול מיט דיאמאנטען, וואס לייכטען איבער גאנץ אמעריקא. ער האָט אין דער קורצער צייט פון בלויז 10 יאהר, ארומגענומען דאס גאנצע לאנד. זיין מיטגליעדערשאפט איז די פראגרעסיווע ארמעע פון אונזערע אידישע איינוואנדערער אין די פעראייניגטע שטאאטען און זיין בעדייטונג וועט בילדען א ליכטיגען קאפיטעל אידישע געשיכטע, אידישע ארבייטער געשיכטע אין דער נייער וועלט.

דאס איז געוועזען אן ערהאבענער געדאנק, וועלכער האָט דאן אויפ־געטאָגט אין די מחות פון עטליכע מענשען, וואס האָבען דיעזען נאָבע־לען „רינג" געשאפען. זיי האָבען איהם אויסגעשמידט פון דעם גייסטי־גען מעטאל פון זעלבסט־רעספעקט און זעלבסט־אכטונג, און געשמאָל־צען אין דעם אייביגען פייער פון פרייען געדאנק. איצט איז דיעזער אינסטיטוט די גייסטיגע פראכט־געביידע פון די אידישע גאסען. אחדות

און פארטשריט זיינען די זיילען אויף וועלכע עס רוהט זיין מעכטיגער דאך און זיין פונדאמענט איז דער „העלף זיך אליין“.

אויב דער קינפטיגער אידישער היסטאָריקער וועט וועלען האָבען א ריכטיגען בעגריעף פון דעם ארימען אידישען קווארטאל אין נויאָרק, אויב ער וועט וועלען ארויסהויבען דעם פונקט פון סאלידאריטעט, זעלבסט־הילף און פראגרעס, וואס האָבען פון דיעזען קווארטאל ארויסגעשטראהלט, וועט ער מוזען שטודירען די געשיכטע פון ארבייטער־רינג, וועלכע איז זיין ערשטע סיבה פון אלץ וואס איז ליכטיג, גרויס, ניצליך און ערהאבען. אין די מעשי בראשית פון דעם ארבייטער רינג ליעגט דער סוד פון דעם ארבייטערס געגענזייטיגע שטיצע און אמת'ע זעלבסט־הילף, אהן די לעערע צערעמאָניעס, קרומע, פאליטישע דריידלאך, לינקע חברותא, בעהאלטענע מסחרים און זייטיגע „גוט־ברודערשאפט“, וואס האָבען געהערשט און הערשען נאָך איצט אויף אין מאנכע בענעפיט אָרדענס.

דער ארבייטער רינג האָט זיך געגרינדעט דאן, ווען די אמאָליגע „אכטע סטריט“ איז געווען דער יאָמער־פונקט פון אידישע ארבייטער אין נויארק. דארט פלעגט דער ארבייטסלאזער, הונגעריגער, קראנקער ארבייטער גערן וויינען פאר ברויט, רפואות, א קלייד, קאָהלען און דירה־געלד. דארט האָט געקרעכצעט דעם ארבייטערס בלייכע פרוי, דארט האָבען געזיפצעט זיינע אויסגעצעהרטע קינדער.

דער כבוד פון דעם ארבייטס־מאַן איז געווען ערניעדריגט ביז דר'ערד, זיין שטאָלץ געטרעטען מיט די פיס, און די הילף וואס ער האָט בעקומען איז געווען געמישט מיט זיין בלוט און דורכגעווייקט אין זיינע טרעהרען. די שכינה פון דער ארבייט האָט זיך געוואלגערט אין שטויב, דער רוח הקודש פון עהרליכען שאפען האָט געוואגעלט ביז דער ניעדריגער טהיער פון צדקה.

דער דענקענדער, פארטגעשריטענער, פרייהייטס־ליעבענדער ארבייטער האָט שווערליך געקענט ווערען א חבר פון די אלטע, פאנאטישע בענעפיט־לאדזשען, חברות און פעראיינען, וואו דער גייסט פון נאַרישקייט, רעאקציאן און אונעהרליכקייט האָבען איהם אבגעשטויסען. אין די ערשטע האָט ער זיך געמוזט פער'קנס'ען מיט דומע, לעכערליכע

זאַבבאַנעס, פלוידערען אין טאַטערשע דייטש און שפּרינגען איבער תילצערנע בעק, און אין די צווייטע האָט ער געדאַרפט ווערען א בית־המדרש'ניק, א איד, וואָס דאַרף זיך דולען מיט „רעוורענדס“, בעל־דרש'ערס און אַנדערע קהל'שע שלעק און אנשיקעניסען. ער האָט פיעל געטראַכט, פיעל נאָכגעדענקט ווי צו רעטען זיין עהרע; ווי זיך אליין צו העלפען, ניט פערלעצענדיג דערביי די אייגענע, פרייע איבערציי־גונגען; ווי צו שטיצען זיך אליין און זיינע אָרימע ארבייטס־ברידער אָהן דער הילף פון צדקה, וועלכע ערניעדריגט דעם נעהמער און מאַכט איהם שפּל אין די אויגען פון געבער און אפילו אין די אויגען פון געבער'ס משרת. ער האָט געטראַכט און געקלעהרט, דער פּראָגרעסיווער מאָדערנער אידישער ארבייטער, און ער האָט אויסגעקלעהרט: ער האָט געגרינדעט זיין ארבייטער רינג. ער האָט אין דיעזען „רינג“ אריינ־געשמאָלצען דעם טהייערען גין־גאָלד פון אלע זיינע הויכע אידעאַלען; האָט צו איהם ניט צוגעלאָזען די פסולת פון די אלטע בענעפיט אָר־דערס, ער האָט געשאַפען א מוסטער־פעראיין אָהן א גלייכען. דער אר־בייטער רינג איז דער בענעפיט־צענטר און גלייכצייטיג די עהרען־לעגיאָן פון די אמעריקאנער אידישע ארבייטער מאַסען. עס איז ניט נאָר א הילף צו זיין א מיטגליעד פון דיעזער ריעזיגער קערפּערשאַפט, נור אויך א גרויסער כבוד.

מענשען פערוועגדען אוצרות זיך איינצוקויפען אין יחוס; צו בעלאנגען צו אן אריסטאָקראטישע געזעלשאַפט, צו קענען פערברייגען אין א שעהנערע קאָמפּאניע. דער ארבייטער רינג איז פאָזיטיוו דער יחוס פון דער אידישער ארבייטער וועלט אין אמעריקא, די עהרען־לעגיאָן פון די פּראָליטאַריער. יעדער מיטגליעד פון דיעזען גלענצענ־דען „רינג“ איז אן אריסטאָקראט, יא, א פרייהייטס־אריסטאָקראט, אן אריסטאָקראט פון גייסט, א פאָרטשריטס־מענש, אן אָפיציער אין די ליכטיגע רייהען פון דער גרויסער ארבייטער בעוועגונג פון דער זייט ים. א קנעפעל פון ארבייטער רינג אין איינעמ'ס לאַץ, איז א גאַראַנטי אויף אינטעליגענץ און זעלבסט־רעספּעקט.

ווען מיטגליעדער פון פרייהייטס־פעראיינען אין רוסלאנד קומען אריבער נאָך דיעזער מדינה, וואו זיי קענען זייערע היימישע בעווע־

גונגס־ארבייט ניט פארטזעצען און ווילען זיך דא ניט פערליערען אין דעם גרויסען אבגרונד פון קאלטע, אלטעגליכקייט און אינדיפערענטיז־מוס, קענען זיי זיך רעטען בלויז אויף איין איינציגען אופן: ווערען מיטגליעדער פון ארבייטער רינג, און זיי ווערען דאס טאקע. דא גע־פינען זיך מענשען פון זייער גלייכען, זייער טהעטיגקייט ווערט באלד אריבערגעטראגען אויף א נייעם באדען. זיי ווערען גלייך רעקרוטען אין די היעגע פרייהייטס־רעגימענטען, זיי העלפען בילדען דעם אוואנגארד פון די צוקונפטס־טרופען, וואס ווילען בעפרייען די וועלט פון שקלא־פעריי און צדקה, און ווילען שאפען דעם לאנג־געווינשטען „ארבייטער רינג", וואס וועט צונויפנעהמען די גאנצע מענשהייט אין איין איינ־ציגען רינג פון ברידער.

עס וועט זיין א לעבערליכער טעות, ווען מען זאל ווילען פערגליי־כען דעם ארבייטער רינג מיט אנדערע בענעפישעל ארדערס, דען יענע קענען נור די קעשענע, וועהרענד דער ארבייטער רינג, אבוואהל פינקט־ליך און עהרליך אין זיין בענעפיט דעפארטמענט, איז דער דופק פון דעם ארבייטערס אינטעליגענץ אין אונזער נייע היים.

ווען די איינגעוואנדערטע אידישע ארבייטער אין אמעריקא וואל־טען נור אבגעשפארט דעם ארבייטער רינג אליין, וואלטען זיי גענוג פערמאגט אין די שפאר־קאסע פון פראגרעס. דער ארבייטער רינג איז דער גייסטיגער און דער עקאנאמישער איבערשוס פון זייער טהעטיג־קייט, דער פערמעגענס־בעשטאנד, דער איבערבלייב פון זייערע שטרע־בונגען. דיעזער „רינג" וועט קיינמאל ניט אונטערגעהן, זיך קיין מאל ניט אויסניצען ביז אין דער ווייטעסטער צוקונפט, ווייל ער איז איינער פון די הויפט־ווארצלען פון דעם גרויסען און מעכטיגען פרייהייטס־בוים, וואס וועט בעשיצען מיט זיינע אייביג־גרינע צווייגען די גאנצע מענשהייט.

ב. פייגענבוים.

ווי רעטעט מען די נשמה פון ארבייטער רינג?

.1

וואָס גרעסער און מעכטיגער עס ווערען די פעראייניגטע שטאַאטען, אַלץ מעהר ווערען די פּאַטריאָטען בעזאָרגט. זיי האָבען מורא, אז דער קערפּער פון דעם פאָלק וועט איבערוואַקסען זיין נשמה. זיי פירכטען, אז דער געוואלדיגער שטראָם פון אימיגראַציאָן וועט פערפלייצען דעם „גייסט פון אמעריקאנער פאָלק".

פיעל מעהר אורזאכע איז דא צו אזא בעפירכטונג אין ארבייטער רינג...

„דער גייסט פון אמעריקאנער פאלק" איז נאַטירליך ניט מעהר ווי — א רוח אָהן ממשות. אויב דאָס מיינט ליעבע צו פרייהייטליכע פאָליטישע איינריכטונגען, האָבען דאָס מיליאָנען איינגעוואנדערטע מעהר ווי פיעלע אמעריקאנער. אויב דאָס מיינט ציוויליזירטע אייגענשאַפטען, קריגט זיי יעדער וואס ווערט אויסגעבילדעט און ציוויליזירט. און אויב דאס מיינט גלאט געוויסע כאראקטער־ציגע, פאלקס־אייגענטהימליכקייטען, וועט די וועלט גאר ניט פערלירען, ווען זיי וועלען זיך פערבייטען אויף אנדערע...

אָבער אפילו מען זאל אָננעהמען, אז די אמעריקאנער האָבען

אזעלכע פאלקס־איינגענטהימליכקייטען, וואס עס וואלט געווען א שאדען זיי זאלען פערלארען געהן, איז אויך די געפאהר פון די גרויסע איינוואנדערונג ניט אזוי זעהר שטארק. דען ווי גרוים די איינוואנדערונג זאל ניט זיין, קומט זי דאך פערהעלטניסמעסיג ביסלעכווייז. עס קומט צו יעדעס יאהר איין מענש צו יעדע 80 — 90 וואס זיינען שוין דא. ער ווערט אלזא „בטל בששים". מיט דער צייט נעהמט ער אריין אין זיך א סך פון די נאטור פון די 80 — 90.

פון אנהויב אן פון די איינוואנדערונג אין אמעריקא איז עס אזוי: א טראפען „פרעמדע" פאלט אריין יעדעס מאל אין ים „אמעריקאנער" און פערמישט זיך. און ווען א נייער טראפען פאלט דערנאך אריין, געפינט ער דעם פריהער־אריינגעפאלענעם טראפען שוין א טהייל פון דעם גרויסען ים, מיט זיין קאליר און אייגענשאפטען, און ער פערמישט זיך אויך. די טראפענס קענען דארום קיין מאל זיך ניט צוזאמענפליסען צו א נייעם סארט ים. דער ים בלייבט אימער ביי זיין אורשפרינגליכען „אמעריקאנער" כאראקטער, אפילו ווען מיט דער צייט בעטרעפען שוין די אנגעפאלענע „פרעמדע" טראפענס מעהר ווי דער אורשפרינגליכער „אמעריקאנער" ים.

מעהר ווי אלעם טהוען אויף די פאבליק־סקוהלס — דיעזע מיהלען אין וועלכע די קינדער פון אלע מינים פעלקערשאפטען ווערען איבער־געמאהלען אויף אמעריקאנער.

אבער אין יעדער בעציהונג אנדערש איז עס מיט דעם צו־וואקס פון מעמבערס אין ארבייטער רינג. דא קען ווירקליך דער געוואלדיגער צושטראם פערפלייצען דעם גאנצען גייסט פון די ארגאניזאציאן.

ווען אין 10 יאהר איז פון 500 מעמבערס געווארען 35 טויזענד, הייסט דאס שוין ניט, אז טראפענס פאלען אריין אין א ים, נאר אז ימים גיסען זיך אריבער איבער טראפענס... יעדעס יאהר קומט צו ניט איינער צו 80, נאר כמעט 2 צו איינעם.

און קיין ארבייטער רינג סקוהלס זיינען ניטא, וואו אלע צוגעקר־מענע זאלען זיך באלד אנטרינקען מיט דעם גייסט פון די ערשטע גרינדער!

דאס איז עבען דער חסרון. די אידעע איז געווען, אז די ברענטשעס

גופא זאלען זיין סקוהלס; סקוהלס פון סאציאליסטישע געדאנקען, סקוהלס פון פרייזיינניגע מאראל און מאראלישע פרייזיינניגקייט.

איך בין ניט קיין קלאגער און קיין וויינער. איך זאג ניט, אז אין דעם איז גאר ניט אויפגעטהאן געווארען. זעהר פיעל איז אויפגעטהאן געווארען! איך וויים עס בעסער ווי יעדער איינער. איך קום אין פיעלע שטעדט און שטעדטלעך. איך זעה, אז וואו עס איז דא א ברענטש פון ארבייטער רינג, איז דא א צענטר פון עטוואס אינטעלעקטועלען לעבען פאר די אידישע בעפעלקערונג. דער ביטערער קאמפף פון די פינסטערלינגע געגען די ברענטשעס פון ארבייטער רינג אין קליינע שטעדטלעך איז די בעסטע רעקאמענדאציאן פאר די ברענטשעס — דער בעסטער בעוויז, אז זיי האבען נאך דעם כאראקטער, וואס מיר ווינשען.

אויב די ברענטשעס זיינען ניט אזוי פיעל סקוהלס, ווי מיר וואלטען געדארפט זיי זאלען זיין, איז עס ניט זייער שולד. זיי וואלטען פיעלייכט אלע געהאט א לעקטשור יעדע וואך, ווען זיי וואלטען נאר געקענט קריגען לעקטשורערס. מיר האבען ליידער ניט גענוג לעקטשר־רערם.

מיר האבען אפילו צוגעקראגען א היבשע צאהל די לעצטע יאהרען. אבער זיי זיינען פראפעסארען, ניט פאלקס־לעקטשורערס...

ווען א ברענטש ברייגגט א לעקטשורער, וויל זי, אז ער זאל „ציהען א קראוד“. ערשטענס, אום צו קענען איינגעהמען גענוג געלד, צו דעקען די עקספענסעס. צווייטענס, אום צו מאכען א גוטען איינדרוק אויף די ברייטע מאסען. און אליין ווילען די מעמבערס אויך עפעס לערנען. עס קומט אבער א פראפעסאר; האלט אן אויסגעצייכענטע העכסטוויסענשאפטליכע פארלעזונג אין א ריין־ליטעראַרישע שפראך, אהן שום אויסדרוק, וואס זאל קענען וועקען געוועהנליכע אידען און אריינברייגגען זיי א בליץ אין קאפ. די טרוקענע שפראך פערטרייבט זיי. די הויכע אויסדריקע פערשטעהען זיי ניט. דער ענין גופא איז זיי פרעמד און אינטערעסירט זיי ניט. א פאר פון אונזערע אייגענע לייטע קנאקען טאקע מיט די ליפען: „מטס! מטס! הויך! טיעף! שווער צו פערשטעהן!“... אבער נאך אמאל קומען איהם הערען האבען זיי שוין

אויך ניט פיעל חשק. און דערברייטער עולם אודאי ניט. און די וואס קומען, צוגענעצען זיך און ווערען אנטשלאָפען.

דער סך־הכל איז, קיין „קראוד" קען מען ניט ציהען און מען לייגט צו געלד; מען קען שוין נאך אמאָל קיין רעדגער ניט מעהר ברייננגען. ביי דעם זייטיגען עולם נעהמט מען ניט אוים, און מען גיט זיי ניט קיין איבערצייגענדע ענטפערס אויף זייערע טענות געגען דעם גייסט פון ארבייטער רינג. און אליין די מעמבערס לערנען אויך גאר ניט.

אונזערע פּראָפעסאָרען מאכען היינט אן אונטערשיעד צווישען „אויפקלעהרעכטס" און „אויפקלעהרונג". „אויפקלעהרעכטס" רופען זיי מסתמא לעקטשורס וועלכע ריידען מיט דעם לשון פון די מאסען, גע־פאסט צו דעם, וואס עס קען זיי, די מאסען, אינטערעסירען, און גע־רעדט אזוי, אז דער ברייטער עולם הערט זיי גערן און נעהמט עפּעס ארויס פון זיי. „אויפקלעהרונג" דאגעגען רופען זיי לערנונג אין פּראָ־פעסאָרען־לשון, אין טאדעללאָזער וויסענשאפטליכער שפראך, פאָרמע און אינהאלט — וואס עס רופט ארוים ליוב ביי געבילדעטע, „בעוואונ־דערונג" ביי זעלבסט־נאַהרערס און — שלאָף ביי דעם גרויסען עולם.

זיי זאגען, מען מוז דעם עולם „צוגעוואהנען צו בעסערעס". עס איז אבער שוין אן אלטע גזירה, אז אזוי ווי מען טאָר קיינעם ניט הייגגען ביז מען כאפּט איהם ניט, אזוי קען מען קיינעם ניט בעלעהרען ביז מען קריגט איהם ניט, ער זאל זיך צוהערען!...

סיי־ווי־סיי, קיין סקוהלס זיינען אונזערע ארבייטער רינג ברענטשעס ניט געווען. אמת, זיי זיינען דאך זעהר פיעל בעסער ווי גאר ניט; און זייער ווילען איז דערוויילי נאך גאר ניט. אבער מיט די גייס־טיגע ארבייט, וואס זיי האָבען ביז אהער אויפגעטהאָן, וועלען זיי ניט זיין אים שטאנדע צו דערהאלטען דעם גייסט פון ארבייטער רינג געגען די געפאהר פון די גרויסע פערפלייצונג דורך די פיעלע טויזענדער נייע מעמבערס, וועלכע קומען וואס ווייטער אלץ מעהר פון קרייזען, וואס זיינען ניט אונזערע!

* * *

פערשטעהט מיך גוט: איך מיין ניט, אז די געפאהר איז שוין דא. אבזאָלוט ניט! ביז אהער זיינען די אריבערגעקומענע רעוואלוציאנערע

עלעמענטען נאָך געווען א גענוג גרויסע מאַסע מענשען־מאַטעריאַל פון אונזער אייגענעם סאָרט, אז פון זיי זאָל זיך נעהמען דער גרעסטער טהייל פון די פערמעהרונג פון די מיטגליעדערשאַפט פון ארבייטער רינג. און זיי האָבען דעם ארבייטער רינג זעהר גוט דערהאַלטען ביי זיין „נשמה“. די דעלעגאַטען צו די קאָנווענשאָנס זיינען נאָך אימער בלויז אונזערע מענשען. די טהעטיגסטע מעמבערס און די בעאַמטע פון די ברענטשעס זיינען נאָך כמעט אלע אונזערע מענשען. דערוייל, אלזא, איז נאָך די נשמה פון ארבייטער רינג ניט פערלאָרען און דאַרף נאָך ניט גערעטעט צו ווערען.

לעבעדיגער וואָלט זי בעדאַרפט זיין, די נשמה פון ארבייטער רינג; זי האָט זיך בעדאַרפט פיעל, פיעל מעהר לאָזען פיהלען אין דעם גוף. אָבער אפילו ווי זי איז, האָט זי אויך זעהר פיעל ווערדע.

כאָטש אין פיעלע ברענטשעס רעדט מען ביי די מיטינגס פון גאָר ניט מעהר נאָר פון ביזנעס און בענעפיטס, און נאָר ביי ווייניג ברענטשעס רעדט מען גענוג פון גייסטיגע זאַכען, פון דעסטוועגען לעבט אפילו אזוי אויך די נשמה פון ארבייטער רינג. שוין דער פאַקט אליין, אז מענשען מיט אונזערע אידעאַלען זיינען פעראייניגט, טרעפען זיך צוזאַמען, זיינען זיך איינע די אנדערע מבקר חולים, האָבען געוויסע אינטערעסען צוזאַמען — שוין דאָס אליין דערהאַלט דעם ארבייטער רינג ביי זיין „נשמה“. און דאָס איז זעהר, זעהר וויכטיג. אפילו שטומערהייד פערשטאַרקען זיך אונזערע מעמבערס דערמיט אין זייערע אידעאַלען. אז זיי פיהלען נאָר בלויז אין זיך, דאָס זיי זיינען מענשען פון גלייכע אידעאַלען, הערשט שוין צווישען זיי די אטמאָספערע פון דיעזע אידעאַלען, — אפילו אהן לעקטשורס און דיסקוסיאָנען אויך. און „גאָר אָהן“ איז קיין ברענטש ניט. ווי גאָר ניט, עטוואָס רעדען און דיסקוטירען דאָך די מעמבערס צווישען זיך איבער אונזערע אידעאַלען און בעוועגונג.

די אידישע רעליגיעזע קהלות לערנען חלעבען אויך ניט פיעל פון זייער תורה; פון דעסטוועגען — שוין דער פאַקט אליין, אז עס איז דא א קהלה, האַלט אויף „אידישקייט“. אזוי אויך ביי אונז: שוין דער פאַקט אליין, אז עס איז דא אן ארבייטער רינג ברענטש, האַלט אויף

אונזערע אידעאלען — דערהאלט אונזער „נשמה“ ביי'ן לעבען.

אבער ווען? ווען זיינע מעמבערס פיהלען טאקע באמש שטומער־הייט, אז זיי פעראייניגט איין אידעאל, איין גייסט, דער גייסט פון סאַ־ציאליזמוס און פרייזיניגע מאַראל.

ווי וועט אבער זיין, ווען ביסלעכווייז וועלען זיך, צוליעב דעם ביליגען בענעפיט פון ארבייטער רינג, אנשליסען הונדערטער און טוי־זענדער אינדיפערענטע אידלעך? און שפעטער אויך קאַנזערוואטיווען? דאן וועט מען שוין אויפהערען שטומערהייד צו פיהלען, אז אן ארבייטער רינג־„פריינד“ איז א גענאָסע, א גייסטעס־ברודער! דאן וועט דעם ארבייטער רינג ביסלעכווייז אויסגעהן זיין „נשמה“!...

* * *

די וועלט איז פול מיטביישפיעלע אזעלכע.

דער „פריימויערער“ אָרדען איז געגרינדעט געווארען אלס א גע־היימער פרייזינניגער און רעוואָלוציאָנערער פעראיין. היינט איז דער קעניג פון ענגלאנד איינער פון זיינע „גרענד מאסטערס“.

טאַמאַני האָלל איז געגרינדעט געווארען אלס א פארטגעשריטענע אונטערשטיצונגס־סאָסייעטי. וואָס טאַמאַני האָלל איז היינט, דארף מען ניט ערשט זאגען.

די רעפובליקאנער פארטיי איז געגרינדעט געווארען אלס א מאכט געגען די שקלאפען־פייניגער. היינט איז זי די פארטיי פון די ערגסטע שקלאפען־פייניגער.

די קריסטליכע רעליגיאן איז געגרינדעט געווארען אלס א רעליגיאן פון פעראכטונג צום רייכטהום. היינט הייסט די קאפיטאליסטישע ציוויליזאציאן „די קריסטליכע“.

ניט פאר די געגענווארט, אבער פאר די צוקונפט איז עס זעהר אן ערנסטע פראגע: ווי ראטעוועט מען די נשמה פון ארבייטער רינג פון אונטערגאנג?

2.

די נשמה פון ארבייטער רינג קען נאָר געראטעט ווערען דורך איי־ביגע קרעפטיגע גייסטיגע שפייז פון אונזער סאָרט!

יעדע ברענטש דארף זיין א סאציאליסטישע און פארטשריטליכע לערן־אנשטאלט.

די פראגע איז דאך אָבער, וואו נעהמט מען לעהרער און לעקטשו־רערס?

פיר דעם אויגענבליק קען דיעזע פראגע ניט בעפריעדיגענד געלעזט ווערען. אבער זי קען פיעלייכט געלעזט ווערען פיר די ניט גאנץ ווייטע צוקונפט.

איך וועל געבען א ביישפיעל פון אן אנדער לאנד.

אין עסטרייך ווערען אין די טרייד־יוניאנס געהאלטען רעגעלע קורסען פון לעקטשורס. זיי זיינען אימער גוט בעזוכט. דארטען פ הלט זיך אבער אויך דער מאנגעל אין לעהרער און לעקטשורערס. טהוט מען דאָרטען אזוי: ווען מען געפינט א מעמבער, וואָס האָט א גוטען מויל צום ריידען, א פעהיגקייט פאפולער און אנציהענד צו רעדען און א קאָפּ צום לערנען, נאָר עס פעהלט איהם קענטניס, גיט מען איהם אוועק צו שטודירען אויף די קאסטען פון די ארגאניזאציאנען. ווען ער איז פער־הייראטה, האלטען די יוניאנס אויס זיין פרוי און קינדער, ביז עו' ענ־דיגט זיין שטודיום. שטודירען געהט ער אין אן אייגענעם קאללעדזש פון די סאציאליסטען אין וויען. אין עטליכע יאהר ארום קומט ער ארויס א גוטער ארבייטער־לעקטשורער, ענטשטאנען פון די רייהען פון די ארבייטער בעוועגונג!

אויך אין דייטשלאנד איז דאס זעלבע אין דער „פארטיי־שולע“.

מיר דאָ האָבען אייגענטליך אויך א פארטיי שולע, — די רענד סקוהל. אבער זי גיט ניט קיין עלעמענטארע בילדונג. דערפאר אבער קען מען דא קריעגען עלעמענטארע בילדונג אין שטאָדטישע אבענד־שוהלען און אין אזעלכע שוהלען ווי קופער אינסטיטוט.

שטעל איך צום אנטראג:

אז די נעכסטע קאָנווענשאָן פון ארבייטער רינג זאל בעשליסען צו גרינדען א בילדונגס־פאנד און זאל ערוועהלען אן עדיוקיישאָנאל קאָ־מיטע. דיעזע קאָמיטע זאל אויסזוכען אין גאנצען לאנד פארלויפיג צוויי יונגע מעמבערס, די בעסטע און די פעהיגסטע צום רעדען און צום לערנען, און זאל זיי אויסהאלטען און לאזען אויסבילדען אין נאַיט־

סקוהלס און אין די רענד סקוהל. ביי־טאָג קען מען זיי דערווייל בענוצען אין אפיס, אדער זיי שאפען אן אנדערע לייכטע בעשעפטיגונג, כדי זיי זאָלען ניט אין גאנצען מוזען אויסגעהאלטען ווערען פון דעם פאָנד. די עדיוקיישאָנאל קאמיטע זאל געבען שטרענגע השגחה איבער זייער ביל־דונג. און ווען זיי וועלען זיין אויסגעבילדעט — אין 2—3 יאהר קען דאָס געשעהען — זאָלען זיי אָנגעשטעלט ווערען אלס נאַציאָנאל לעק־טשורערס, וואס זאלען כסדר ארומפאהרען לעקטשורען אין די ברענ־טשעס.

פארלויפיג קען דיזעלבע נאַציאָנאל קאמיטע ארויסשיקען די לעקטשורערס וואס מיר האָבען. די מייסטע פון זיי האָבען אפילו אנ־דערע בעשעפטיגונגען און קענען ניט אָננעהמען לעקטשורען אלס שטענדיגע בעשעפטיגונג, סיידען פאר א פרייז, וואס מיר זיינען ניט אים שטאַנדע צו צאָהלען. די וועלכע מיר וועלען אויסבילדען ספּעציעל דערצו, וועלען זיין צופריעדען מיט אזא שטעלע, אבער די לעקטשורערס וואס מיר האָבען היינט קענען דאס ניט אָננעהמען. א טהייל פון זיי, ווידער, זיינען שוין אויסגעמוטשעט און האָבען שוין קיין כוח ניט דערצו. דאָך קענען מיר נאָך היינט אויך געפינען איינעם אדער צוויי גוטע לעקטשורערס, וועלכע וואלטען אָנגענומען צו זיין אימער אויפ'ן לעקטשור־טור פאר אונז.

דער עיקר אָבער איז, צו ערציהען גוטע לעקטשורערס פאר דער צוקונפט. דען נאָר אזוי וועלען מיר קענען ראטעווען די נשמה פון אר־בייטער רינג.

לעהרער־סעמינארען זיינען ביי אלע רעליגיאָנען בעטראכט פאר א פונדאמענט פון זייער ערהאלטונג. ווען מיר קענען נאָך ניט האָבען קיין אייגענע לעהרער־סעמינארען, קענען מיר אבער דערווייל אויסבילדען וועניגסטענס א פּאָר גוטע לעהרער פון אונזער תורה.

מיר ארבייטען אזוי שווער אויפצובויען דעם ארבייטער רינג. מיר מיינען דאָך ניט זיין גוף נאָר זיין נשמה! בענעפיט סאָסייעטיס זיינען דאָ גענוג אהן איהם. פאר די נשמה פון ארבייטער רינג האָרעווען מיר

דאָך דאָס, טאָ לאָמיר פערזאָרגען, אז אונזער ארבייט זאָל ניט זיין אומזיסט — זיין נשמה זאָל איהם קיין מאָל ניט אויסגעהן!

מיינט ניט, אז דאס איז אן אונמעגליכע זאך. וואס עס איז מעגליך אין דייטשלאנד און אין עסטרייך, דארף זיין מעגליך ביי אונז אויך.

און אויב פארלויפיג איז שווער אויסצובילדען פאלשטענדיגע לעקטשורערס, לאמיר דערוויילע אייניגע מעמבערס — די פעהיגסטע פון אלע 35,000 — אויסלערנען האלטען אייניגע גוטע לעקטשורס. צווי־שען 35,000 געפינען זיך דאָך אלץ 2 — 3 אויסגעצייכענטע, וואס זיי־נען פעהיג צו זיין אנציהענדע, פאלקסטהימליכע רעדנער, ווען זיי וועלען נאָר אויסלערנען צו וויסען וואס צו רעדען.

דערוויילע אבער זאלען אונזערע ברענטשעס קיין מאָל ניט אויפ־הערען צו האלטען דיסקוסיאנען. מעגען זיי זיין ווער ווייס ווי אונ־פעהיג — זאלען זיי דאָך דיסקוטירען. עס מאכט ניט אויס, וואס פאר א דיסקוסיאן עס וועט ארויסקומען. זאָל עס בלייבען א טהאַט־זאכע, אז אין ארבייטער רינג רעדט מען פון פראגרעסיווע זאכען.

און ווייטער זאלען אונזערע גענאָסען מעמבערס ארבייטען מיט אלע כוחות, אז צו די עמטער, סיי לאָקאלע סיי נאציאָנאלע, זאָלען ער־וועהלט ווערען דורכאויס בעוואוסטע און פערטרויענסווערטהע סאָציא־ליסטען. „דער העכט שמעקט פון קאָפּ", דער גייסט פון די בעאַמטע וועט בלייבען דער גייסט פון דער ארגאניזאציאָן.

זאָלען אימער די בעאמטע זיין בעוואוסטע סאציאליסטען, דאן זויפיעל אָדער ווי ווייניג מיר זאלען ניט קענען אויפטהאָן אין גייסטיגער בעציהונג — וועט אבער דער ארבייטער רינג אימער שטעהן פאר די אויגען פון דער וועלט שטארק רויט געפארבט. עס וועט בלייבען א שטארקע, אן אלגעמיין־בעקאנטע טראדיציע, אז דער ארבייטער־רינג

איז א סאציאליסטישע ארגאניזאציאָן און דאס וועט אויך צוהעלפען דערהאלטען איהם ביי דער נשמה.

אבער דער עיקר איז און בלייבט — א שטיקעל סעמינאר אויסצובילדען אונזערע „זעעלען־זארגערס“, א שטיקעל „ישיבה“ אויסצושטעלען „רבנים“ פאר אונזער „רעליגיאן“ !

Executive Office.

דר. ק. פאַרנבערג.

אַרבייטער פערזיכערונג אין אייראָפּאַ

1.

פון פריוואַט פערזיכערונג צו סאָציאַלער פערזיכערונג.

אָם בעדערפניס, די שטרעבונג און די געוואָהנהייט פון אינשורענס וואַקסען אין דער טיעף און אין דער ברייט צווישען די גרויסע מאַסען פון אלע פעלקער און אלע לענדער מיט א מערקווירדיגער שנעלקייט. אין דעם אלץ מעהר אָנגעשטרענגטען קאַמפּף פאַר די עקזיסטענץ, און די אלץ מעהר פאַרוויקעלטע לעבענס־בעדינגונגען, אין דער אייביגער יאָגעניש און לויפעניש, ארומגערינגעלט פון אזוי פיעל געפאַהרען, פערפאָלגט. פון אזוי פיעל אונגליקען, אבהענגיג פון אזוי פיעל צופעלע, פיהלט זיך דער איינצעלנער מענש שטענדיג אונרוהיג און שטענדיג איינגעשראָקען. ער ווייס פון זיין אייגען־ביטערער ערפאַהרונג און פון זיינע ארומיגע פריינד און קרובים, ווי אהנמעכטיג ווי הילפלאָז יעדער איינער איז אליין אין די צייט פון אן אונגליק, און ער זוכט דעם שווערען לאַסט אראָפּצואוואַרפען פון זיינע אייגענע, שוואַכע פלייצעס. אין די רוהיגע, בעסערע טעג זוכט ער צו פערזיכערען, אינשורען זיך געגען די קלעפּ פון שיקזאל, צו זיין געגרייט על כל צרה שלא תבא. און אזוי זעהען מיר, ווי איבעראל ווערען די אינסטיטוציאָנען, וואס נעהמען אויף זיך צו פאַרזיכערען דעם יחיד געגען

די געזעלשאפטליכע אונגליקען, אלץ גרעסער אין צאהל, אלץ וויכטיגער נאך זייער בעדייטונג און אלץ רייכער, פערשיעדענארטיגער נאך זייערע ציעלען און צוועקען.

„די מדרגה, אויף וועלכע עס געפינט זיך דער צושטאנד פון פער־זיכערונג — זאגט דער סאציאליסטישער שריפטשטעלער פריעדריך קליים — איז ניט נור א ריכטיגער בעוויז, וואס צייגט אן אויף דעם פארטשריט פון קולטור בכלל, זאנדערן עס קען אויך דיענען פאר א מאס, מיט וועלכען מען קען מעסטען די עקאנאמישע און מאראלישע ענטוויקלונג פון די פעלקער. אין די ציפערען איבער די אויסבילדונג פון די פערזיכערונגס־אינסטיטוציאנען קען מען לייענען, אויף ווי וויט די בעפעלקערונג פון א לאנד איז פארזיכטיג, און אויף ווי וויט זי בערעכענט פאראויס, וואס עס וועט קומען. וואס גרעסער עס איז די צאהל פון די אינשורטע פערזאנען, און וואס פאלקאמענער עס זיינען די פערזיכערונגס־אינסטיטוציאנען, אלץ העכער איז דער סאציאלער און עקאנאמישער מעמד“. א שנעלער בליק אויף די געשיכטע פון אינ־שורענס בעשטעטיגט עס פאלשטענדיג.

די גאנצע אינשורענס־געשיכטע איז נור ווייניג יאהר הונדערט אלט און זי שטעלט מיט זיך פאר איין גלייכע ליניע פון אינערליכען און אויסערליכען פארטשריט. א לאנגע צייט — אין פופצעהנטען און אנ־פאנג פון זעכצעהנטען יאהר־הונדערט — באשרענקט זיך די אינשו־רענס נור אויף שיפען, וואס פיהרען דעם האנדעל איבער ימים. אין מיטען פון זעכצעהנטען יאהר־הונדערט קומט צו — צוערשט אין לאנ־דאן און אין פאריז — די פייער־פערזיכערונג. און נעקסטען, 17טען יאהר הונדערט — ווידער אין לאנדאן, און צום טהייל אויך אין אי־טאליען — קומט אויף אויך די לעבענס־פערזיכערונג. קליינע אנפאנגען ווערען געמאכט אויך אין פערזיכערונג פון בהמות געגען עפי־דעמיעס, און — פון תבואות געגען האגעל. די אם מייסטען ענטוויקעלטע און פארטגעשריטענע נאציאנען: איטאליען, פראנקרייך און הויפטזעכליך ענגלאנד געהען פאראויס. דאך, די וואונדערבארע ענטוויקלונג פון אינשורענס אין אלע איהרע צווייגען און פארמען איז דאס גרויסע פערדיענסט פון 19טען יאהר־הונדערט. ערשט אין פערלויף

פון דיעזען יאהר־הונדערט האט די אינשורענס זיך ארויפגעארבייט צו איינעם פון די מעכטיגסטע און בעדייטענדסטע פאקטארען פון געזעל־שאפטליכען לעבען. פאפולער איז די אידעע פון פערזיכערונג, מעכטיג זיינען די פערזיכערונגס־אינסטיטוציאנען, און דורך פיעלע און פער־שיעדענע פעדים איז כמעט יעדער מענש מיט זיי פערבונדען.

דאך פיעל מעהר איידער דאס וואס איז ביז איצט שוין דער־גרייכט געווארען אויף דעם געביעט פון אינשורענס, שטעהט נאך פאר צו דערגרייכען אין דער צוקונפט. זייט די לעצטע צעהנדליג פון 19טען יאהר־הונדערט איז אויפגעקומען א גאנץ נייע אידעע מכח דעם עיקר פון אינשורענס פון די גרויסע ארבייטער מאסען. גאנץ נייע פרינציפען ווערען אוועקגעלייגט אלס איהר פונדאמענט, גאנץ נייע צוועקען און ציעלען ווערען דורך איהר פארפאלגט. דיעזע נייע אידעע האט שוין זעהר פיעל רעוואלוציאנירט די מחות, זי האט שוין בעדייטענד בעאיינ־פלוסט די פערשיעדענע געזעצגעבונגען. דאך איהר גלאנץ־פעריאדע שטעהט נאך פאר אין דער נאהענטער צוקונפט.

די אידעע פון סאציאלער פערזיכערונג איז ארויפגעשוואומען, און זי פארטרייבט אלץ מעהר און מעהר די אלטע פריוואטע פערזיכע־רונג. דאס בעדייט פאלגענדעס: אין דער פערגאנגענהייט איז דאס גאנצע פערזיכערונגס וועזען אין אלע זיינע פארמען און צווייגען גע־ווען געבויט אויפ'ן פריוואטנעם, קאמערציעלען פרינציפ. עס איז געווען א „ביזנעס“ פארביידע צדדים, סיי פאר די, וואס האבען זיך פארזיכערט, סיי פאר די, וואס האבען די פערזיכערונג און די ריזיקא איבערגענומען. און אלס א „ביזנעס“ איז עס געווען איבערגעלאזען פאלשטענדיג צום פרייען ווילען און פרייען קאנטראקט פון דיביידע צדדים. די פערזיכערער, די פערשיעדענע קאמפאניעס, האבען אויסגע־קוקט נור אויף די פראפיטען, און דערפאר פלעגען זיי פון איין זייט רייסען די הויט פון די פארזיכערטע, און פון דער אנדער זייט אריינ־לאזען זיך אין ספעקולאציעס, וועלכע פלעגען זיך ענדיגען אפט מיט באנקראטען, וואס פלעגען ברייגגען אונגליק פאר טויזענדער און אבער־טויזענדער מענשען. אמת, וואס מעהר עס איז געוואקסען די גרויס און די בעדייטונג פון די פערשיעדענע פארמען פון אינשורענס, אלץ מעהר

האָבען די רעגיערונגען און געזעצגעבער גענומען פאָדערען גאַראַנטיען, אויסאיבען קאָנטראָל, כדי דיעזע אינשורענס־אינסטיטוציאָנען זאָלען ווערען פעסטער, זיכערער. עס איז אויך זעהר פיעל דערגרייכט געוואָרען אין דיעזער ריכטונג אין אלע לענדער דורך א גאנצע רייהע פון געזעצען. אָבער בעצם איז די אינשורענס געבליעבען א פּריוואַט־זאַך, א ביזנעס־אָבמאַך, א קאָנטראַקט צווישען צוויי צדדים, געבויט אויף דעם פּרינציפּ פון פּריוואַט־רעכט: „איך גיב דיר, כדי דו זאָלסט מיר געבען", איך צאָהל די אינשורענס־פּרעמיע, כדי דו זאָלסט מיר אויסצאָהלען די אינשורענס־סומע.

דיעזער פּריוואַטנער ביזנעס־כאַראַקטער פון א אינשורענס־קאָנטראַקט ענדיגט זיך ניט אפילו דאַן, ווען ער ווערט אבגעשלאָסען ניט צווישען איינצעלנע, זייטיגע מענשען און א קאַרפּאָריישאָן, א אינשורענס־קאָמפּאַני, זאָנדערען פון א גרעסערע אָדער קלענערע גרופּע מענשען צווישען זיך. אפילו אין די אָרדענס, וועלכע ווערען דאָך ניט געגרינדעט פאַר פּראָפיטען, זאָנדערען פאַר געגענזייטיגע הילף און שטיצע, אפילו דאָרט בלייבט דאָך אַלץ דער אַלטער גרונד־פּרינציפּ, דאָס נור דער איז אינשורט, וועלכער עס צאָהלט „זיין קוואָרטאַל", און דיעזע אָבצאָהלונג פון „קוואָרטאַל" איז אזוי הויך, ווי הויך עס איז נאָך דער פּראָפּאָרציע די פערלוסט פאַר יעדען איינעם. אמת, עס עקזיסטירט א געוואַלדיגער אונטערשיעד אין דעם מאָראַלען זינען פון אַן אָרדען־אינשורענס און א אינשורענס פון א פּריוואַט־קאָרפּאָריישאָן. דאָרט בעשטעהט די גאַנצע בעציהונג נור אַלס א ריין יורידישע זאַך, א בעציהונג, עהנליך צו דער בעציהונג פון א דעפּאָזיטאָר און א באַנקיער. דאָ אָבער, ביי די אָרדענס, איז עס מעהר א בעציהונג צווישען מענשען, א געזעלשאַפטליכע בעציהונג. אין דיעזען אָריבערטראָגען די ריזיקע פון קראַנקהייט און אונגליק פון דעם יחיד אויף א געוויסען כלל ליעגט שוין א סאָציאַליסטישער קערנדעל, וועלכער מוז ווירקען ערציהענדיג און פערפיינערנדיג די מענשען. אָבער דאָס איז מעהר נאָך דער פאָרמע נאָך. בעצם קומט דאָך פאָרט אויס א ריין געשעפטליכער אָבמאַך: צאָהלסטו ביזטו א „ברודער", צאָהלסטו ניט ביזטו א פרעמדער.

דיעזער פּריוואַטנער ביזנעס־כאַראַקטער פון די אינשורענס האָט

זיין בערעכטיגונג און איז נור אם פלאץ, כל־זמן עס האנדעלט זיך וועגען די שיכטען און קלאסען פון דער בעפעלקערונג, וועלכע זיינען אימ־שטאנדע אבצושפארען פון זייערע פארדיענסטען, כדי זיך צו בעזארגען אויף שפעטער, כדי זיך צו פערזיכערען געגען די קלעפ פון שיקזאל. ווען א סוחר פלעגט שיקען א שיף מיט סחורה אויפ'ן ים, און ער פלעגט וועלען זיין זיכער, אז ער זאל ניט ארים ווערען אויב די שיף וועט אונטערגעהן, איז עס געווען גאנץ נאטירליך, דאס ער האט פאר דעם איבערנעהמען די ריזיקע בעצאהלט פון זיין קעשענע; ווען א מאן וויל זיך בעשיצען געגען א פאזשאר, אדער ווען איינער וויל, אז אויף דער עלטער זאל ער קענען מאכען א לעבען פון צינזען, אדער אז נאך זיין טויט זאל זיין פאמיליע קענען פיהרען א פיינעם לעבען, דאן איז גאנץ נאטירליך, דאס ער מוז אליין עס בעצייטענס בעזארגען, דאס ער מוז פון זיין אייגענער קעשענע בעצאהלען צו די, וועלכע נעהמען זיך אן איהם דאס אלץ צו זיכערען. אבער, וואס טהוט מען מיט די גרויסע מאסען, וועלכע זיינען אין גוט־מוט, אין די בעסטע צייטען אזוי אויף צרות, אז זיי קענען גאר ניט טראכטען וועגען אבשפארען וואס? אין אזא לאגע געפנען זיך ניט איינצעלנע, נור פיעלע און פיעלע. די גרויסע שיכטען פון די ארבייטער־מאסען זיינען צופריעדען, אויב זיי קענען צו־זאמענשלעפען „א ברעג מיט א ברעג" אין זייער הוצאה והכנסה. דיעזע גרויסע ארבייטער־מאסען נויטיגען זיך אבער בעזאנדערס שטארק אין אזוינע פערזיכערונגס־אינסטיטוציאנען. א קליינער ביזנעס־מאן, ווי ארים ער זאל ניט זיין, איז דאך ניט אזוי אונגליקליך אין פאל פון א קראנקהייט, ווי אן ארבייטער, אפילו ווי א בעסער בעצאהלטער, ווארום א פאאר וואכען קראנקהייט בעדייט פאר אן ארבייטער ניט נור די פערלוסט פון דעם פערדיענסט, זאנדערן, גאנץ אפט, אויך די פער־לוסט פון זיין שטעל, פון „דזשאב" און אזוי אין אלץ. עפעס א קליינער מום, אן אלגעמיינע שוואכקייט א. ד. ג. איז גענוג צו מאכען אן ארביי־טער פריהצייטיג פאר א אינוואליד.

פון אלע קלאסען און גרופען פון די איצטיגע געזעלשאפט זיינען די ארבייטער אם מייסטען אויסגעזעצט אלערליי געפאהרען און אונ־גליקען. זיי האבען די מעהרסטע שאנסען פריהצייטיג צו ווערען פער־

קריפעלט און אינוואליד, ארבייטס־אונפעהיג. זייערע פרויען און קינדער זיינען אין דער שלעכטעסטער לאגע, אין פאל פון א קראנקהייט אדער אונגליק פון דעם פאטער און ערנעהרער. זייער אייגענע לאגע איז אם מייסטען אונזיכער, זייערע „פעטע יאהרען״ אם וועניגסטען פעט, זייער געזונד, זייער לעבען, זייערע כחות אבער — אם מייסטען נויטהווענדיג אנצוהאלטען דעם גאנצען סדר־העולם, ווארום זיי שאפען דאך אלע עשירות, אויף זייערע ארבייט האלט זיך דאך די גאנצע געזעלשאפט.

שוין פריה, אין אנפאנג פון נייצעהנטען יאהר־הונדערט האבען דערפאר די געזעץ־געבער פו אלע לענדער, וואו דער קאפיטאליזמוס האט זיך גענומען בעווייזען און ענטוויקלען, איינגעזעהען, אז די ארבייטער מאסען נויטיגען זיך אין א בעזונדערען שוץ פון שטאאט. ווי גרויס עס איז ניט די מאכט פון קאפיטאל אין דיעזע בורזשואזנע געזעצגעבענדע קערפערשאפטען — דאך איז קאפיטאל געווען אהנמעכטיג לאנג דורכצופיהרען דעם פרינציפ פון „לאז געהן ווי עס געהט״ אויף דיעזען געביעט. דעם ארבייטערס קינדער, דעם ארבייטערס פרוי און — שליעסליך — אויך דער ארבייטער אליין מוז גענומען ווערען אין שוץ געגען די גרענצלאזע, מערדערישע עקספלואטאציאן אין די פאבריקען — צו דיעזער איבערצייגונג איז מען געקומען איבעראל אין פערלויף פון ערשטען העלפט פון 19טען יאהר־הונדערט. און מען האט אנגעהויבען איבעראל צו שאפען ארבייטער־שוץ־געזעצען — א גאנצע נייע אבטהיילונג אין דער מאדערנער געזעצגעבונג, וועלכע איז וואס ווייטער אלץ רייכהאלטיגער און מעהר אויסגעבילדעט געווארען. פאראויס איז געגאנגען ענגלאנד, נאך ענגלאנד זיינען נאכגעגאנגען אלע אנדערע לענדער ביז רוסלאנד און די פעראייניגטע שטאאטען בכלל.

דאס איז געווען דער ערשטער טריט, די ערשטע רעוואלוציאן אין די פירנציפען פון דעם מאדערנעם בורזשואזנעם שטאאט: דער שטאאט מוז פערהיטען דעם לעבען און דאס געזונד פון די ארבייטער — דאס איז געווען דער לאזונג אין פערלויף פון די ערשטע דריי פיערטעל פון פאריגען יאהר הונדערט. סאציאל־פאליטיק, סאציאלע געזעצען האט געהייסען דאן אין דער בירזשואזער וועלט: ארבייטער־שוץ געזעצען. אין

גאנצען פרייוויליג און אויס גוטע געפיהלען איז אפילו דיעזע געזעצגעבונג אויך ניט געשאפען געווארען. די גרויסע אונצופריעדענהייט, די פראטעסט און רעוואלוציאנס שטימונג פון די מאסען, וועלכע האָט זיך אויסגעדריקט אין דער שאפונג פון די גרוסע ארבייטער־ארגאניזאציאָנען און ארבייטער בעוועגונגען, איז געווען די אינערליכע, בעוועגענדע קראפט פאר דיעזע געזעצגעבערישע ארבייט. דיעזע אונצופריעדענהייט האָט צום סוף פון דריטען פיערטעל פון פאריגען יאהר־הונדערט, באלד נאָך דער גרינדונג פון דער דייטשער אימפעריע, אנגענומען אין דייטשלאנד די פארמע פון א פעסט־ארגאניזירטער, ציעל־בעוואוסטער, ענערגישער סאציאל־דעמאָקראטישער בעוועגונג. דער „רויטער געשפענסט“ האָט זיך בעוויעזען אונערווארטעט פאר די אויגען פון די גרינדער פון דער נייער אימפעריע, און אן אמה איז געאפלען אויף זיי. דער „אייזערנער קאנצלער“, ביסמארק, וועלכער האָט זיך בעריהמט, אז „דייטשלאנד האָט פאר קיינעם קיין מורא ניט, אויסער פאר גאָט“, האָט אליין זיך פערלארען און ניט געוואוסט וואס צו טהאָן געגען דיעזע נייע געפאהר.

„מיט בלוט און שווערד“ האָט ביסמארק געמיינט אויסצוראָטען די סאָציאל־דעמאָקראטי. די דערשראָקענע בורזשואזנע פארטייען האָבען איהם אויסגעשטרעקט א ברודער־האנד אין דיעזער „הייליגער“ מלחמה.

ביי די וואהלען פון 10טען יאנואר 1877, האָט די סאציאליסטישע ארבייטער פארטיי „געצויגען“ 493.000 שטימען, ד. ה., 9 פראצענט פון אלע וועהלער, און אין אָקטאָבער 1878, — נאָך דעם ווי די עפענטליכע מיינונג איז פארבעריים און „בעארבייט“ געווארען דורך א סיסטעמאטישע „פאטריאטישע“ העצעריי און איינשרעקונג, נאָך דעם ווי עס איז געמאכט געווארען — מיט הילף פון דער פאליציי — א צווייטער אטענטאנט אויף דעם „בעליעבטען“ קאיזער — איז געשאפען געווארען דער ניעדערטרעכטיגער אנטי־סאציאליסטען־געזעץ, דורך וועלכען מען האָט זיך פארגענומען אויסצוראטען די סאציאליסטען און אויסצומעקען דעם זכר פון סאָציאליסטישע אידעען.

דאָך, גאנץ זיכער אין דעם ערפאלג פון זיין גרויסען פערברעכען

געגען די ארבייטער קלאסע איז ביסמארק אליין ניט געווען. דער „רויטער געשפענסט“ איז פון זיינע אויגען און פון די אויגען פון דער בורזשואזי ניט פערשוואונדען. און אט, כדי מפצה צו זיין די ארבייטער, כדי זיי צו צובינדען צו דער רעגיערונג, כדי זיי צו בערוהיגען, איז אין דער באריהמטער „באטשאפט“ קאיזער ווילהעלמ׳ס פון 17טען נאוועמבער 1881 ארויסגעזאגט געווארען א גאנץ נייע פראגראם פון סאציאלע פערזארגונג פון די ארבייטער. „שוין אין פעברואר פון דיעזען יאהר, האבען מיר אונזער איבערצייגונג ארויסגעזאגט — לויטעט דיעזע „באטשאפט“ — אז די היילונג פון די סאציאלע שאדענס וועט מוזען געזוכט ווערען ניט נור אויף דעם וועג פון אונטערדריקונג פון סאציאל־דעמאקראטישע ראיאטס, זאנדערן אויך אויף דעם וועג פון פראקטישער הילף, צו פארבעסערען דעם צושטאנד פון די ארבייטער“... ווילהעלם דער 1טער האט מיט אמאל זיך דערמאהנט אן „די קאיזערליכע פפליכט“ צו זארגען פאר די ארבייטער „כדי צו שאפען דעם פאטערלאנד נייע און פעסטע גאראנטיען פון אינערליכען פריעדען און צו באשטימען פאר די הילפס־בעדערפטיגע גרעסערע זיכערקייט און גרעסערע ווירקונג פון דעם הילף, אויף וועלכע זיי האבען א רעכט צו פאדערען“.

וואס איז אזוינס געשעהן? ווי אזוי האט מען מיט אמאל ענטדעקט פאר די ארבייטער אזא סארט רעכט?

„מען האט געפיהלט דאס בעדערפניס — איז מודה אן אפיציעלע שריפט פון דער דייטשער רעגיערונג — נאך דער שאפונג פון סאציאליסטען־געזעץ, אז מען מוז נעבען דיעזען אונטערדריקונגס־סיסטעם איינפיהרען אויך א סיסטעם פון הילף און זארג, דורך וועלכע מען זאל העלפען די לאגע פון די ארבייטער און בעפרידיגען זייערע גערעכטע פאדערונגען“.

דיעזע „סיסטעם פון בעפרידיגונג און פערזארגונג“ איז בעשטאנען אין דער שאפונג פון א געצוואונגענער, פון שטאאט איינגעפיהרטער און קאנטראלירטער, און צום טהייל פון שטאאט, אדער פון די אונטערנעהמער אויסגעהאלטענער פערזיכערונג, אין פעלע פון קראנקהייט, פון אונגליקען, פון ארבייטס־אונפעהיגקייט און אויף דער עלטער. „דאס רעכט, וואס איז געשאפען געווארען דורך די דייטשע ארבייטער־פער־

זיכערונג — זאָגט הענינגמאַן — שטעלט מיט זיך פאָר אין זיין סכום א גאַנץ נייעם בנין, וועמענס גלייכען עס האָט פריהער קיין מאָל און אין ערגעץ ניט עקזיסטירט, כאָטש עס ווערט אנגעקניפּט אַן רעכטס־אידעען און רעכטס־פאָרמען פון פריהערדיגע צייטען. אויף דריי יסודות איז אויפגעבויט דיעזע גאַנצע סאָציאַל־פּאָליטישע געזעצגעבונג. ערשטענס קומט דאָס, וואָס דער שטאַאט מישט זיך אריין דורך דעם, וואָס ער צווינגט די בעטרעפענדע פּערזאָנען צו זיין פערזיכערט, און טאָקע וואָס ער ארגאַניזירט אליין די זאַך און העלפט איהר מיט אייגענע מיטלען; צווייטענס, וואָס די ארבייטער־געבער זיינען צוגעצויגען געוואָרען, זיי זאָלען אויף מיטטראָגען די לאַסט פון פאַרזיכערען די פּערזאָנען, וואָס זיינען ביי זיי בעשעפטיגט, און, דריטענס, דאָס וואָס יעדער בעשעפטיגונג ווערט בעטראַכטעט אלס א בעזונדערע קאָרפּעריישאָן, אלס א בעזונדער „חברה", צו וועלכע עס געהערען אלע מיטגליעדער, פון דער זעלבער פּראָפעסיאָן".

דאָך, ניט קוקענדיג אויף איהר גרויסע עפּאָכע־מאַכענדע בעדייטונג איז דאָך ניט צו פערגעסען, אז פון אונריינע הענד, פון די הענד פון דער רעאַקציאָנערער רעגיערונג איז די דייטשע ארבייטער־פערזיכערונג געשאַפען געוואָרען און אז אונריינע צוועקען זיינען דערביי פאָרגעזעהען געוואָרען.

ווי מיר האָבען געזעהען אויבען, ווערט צוגעגעבען היינט פון דער רעגיערונג אליין, אז „די ארבייטער־פערזיכערונג האָט געזאָלט ווערען א מיטעל, אום אָבצונאַרען די ארבייטער, כדי זיי זאָלען זיך ניט שטאַרק ערגערען וועגען דעם, וואָס מען האָט דורך דאָס סאָציאַליסטען־געזעץ אוועקגענומען פון זיי די פּאָליטישע רעכטע. מען האָט דאָמאָלסט געפיהלט, אז מען מוז עפּעס טהאָן צו בערוהיגען די ארבייטער. אָבער נאָך דעם, ווי די רעגיערונג און די הערשענדע קלאַסען האָבען זיך איבערצייגט, אז מען קען די ארבייטער־מאַסען מיט אזוינע סאָציאַלע קאַלטע רפואות ניט בעפרידיגען, האָבען זיי אויף פערלאָרען דעם אינטערעס אין דעם, אום דיעזע געזעצגעבונג ווייטער צו ענטוויקלען און מאַכען פאָלקסמען. מען האָט זיי שטענדיג רעפאָרמירט, אבער קיינמאָל ניט פּראָבירט צו מאַכען פאָלקסאָם" (הערמאַן מאָוקע).

די דייטשע ארבייטער־פערזיכערונג איז געווען א היסטארישע טהאט דורך די נייע פרינציפען, וואס זיינען אין איהר איינגעפיהרט געווארען, און דורך דעם איינפלוס, וואס זי האט געהאט אויף אנדערע לענדער. די אידעען, אז דער שטאאט מוז אויפנעהמען אויף זיך די פפליכט צו פערזארגען די ארבייטער מיט עקזיסטענץ־מיטלען אין גע־וויסע פעלע פון לעבען און אין אלע פעלע אויף דער עלטער און ווען ער ווערט אונפעהיג צו פארדיענען, און אז מען קען דאס דערגרייכען דורך פערזיכערונג, זיינען פון דייטשלאנד פערשפרייט געווארען איבער דער גאנצער וועלט. „די עפענטליכע ארבייטער־פערזיכערונג איז אין א זיעגעס־צוג דורכגעגאנגען די גאנצע ערד. קיין קולטור־שטאאט קען זיך ניט ענטזאגען מעהר פון זיינע סאציאלע פפליכטען. אין פיעל ערטער האט מען איינגעפיהרט געצוואונגענע פערזיכערונג פון די ארבייטער, וועלכע שפרייט זיך אלץ מעהר אוים: אין פיעל ערטער האט דער שטאאט געגרינדעט פערזיכערונגס־אנשטאלטען, איבערלאזענדיג די מענשען פרייוויליג זיך צו פערזיכערען אין זיי. אין אלע לענדער אבער, האט די רעגיערונג די ארבייטער פערזיכערונג אויף דיעזען אדער יענעם אופן אין ארדנונג געבראכט, איבעראל שטעלט דער שטאאט צו מיטלען פאר די סאציאלע פערזיכערונג“ (קליים).

דער פרינציפ פון דיעזער נייער סארט פערזיכערונג, פון דער „סאציאלער פערזיכערונג“ בעשטעהט אין דעם, דאס „זי איז געשאפען, כדי צו פארקלענערען די סאציאלע נויטה. די ריזיקע דארף ווערען אן אלגעמיינע, אזוי, אז די שטארקערע פלייצעס זאלען העלפען טראגען די לאסט פון די שוואכערע... דער סאציאלער געדאנקען, דער פרינציפ פון אחדות און סאלידאריטעט פאדערט, אז די צאהלונגען פון די שוואכערע גרופען פון פערזאנען זאלען ניט בעשטימט ווערען לויט דעם, וויפיעל זיי בעקומען, נור אז דיעזע צאהלונגען זאלען בעשטימט ווערען לויט די צאהלונגס־פעהיגקייט פון כלל... די אויסצאהלונגען צו די פערזאנען, וואס נויטיגען זיך, דארף זיין אינגאנצען אונאבהענגיג פון דעם, וויפיעל דיעזע פערזאן האט איינגעצאהלט“ (קליים).

עס איז ניט קיין נדבה, וועלכע די ארבייטער בעקומען אויף אזא אופן פון די בעזיצענדע קלאסען. עס איז זייער רעכט, וועלכע זיי פא־

רערען פון שטאאט. אין דעם אונטערשיידעט זיך די סאציאלע פערזיכערונג פון די אלטע פערזאָרגונג פון די ארימע לייט. בעת די תורה, אדער די לעהרע פון קריסטענטהום, אדער די פערשיעדענע געזעצגעבונגען האָבען געפאָדערט פון די רייכערע, דאָס זיי זאָלען העלפען די ארימע לייט, האָט דיעזע הילף געטראָגען די פארמע פון א נדבה, און איהר צוועק איז געווען ניט נור צו העלפען די ארימע לייט פון נויטה, זאָנדערן אויך צו ראטעווען און צו לייטערען די נשמות פון די רייכע. די גאנצע הילף איז געווען געבויט אויף דער מאָראל. די סאציאלע פערזיכערונג איז אבער געבויט אויף רעכט. דיעזע רעכטס-פאדערונג ווערט בעגרינדעט דורך פראפעסאר לאבאנד, איינעם פון דייטשלאנד'ס גרעסטע יוריסטען, אויף פאָלגענדען אופן: „ניט צוויי געלד-צאָהלונגען שטעהען דא איינע געגען די אנדערע, זאָנדערען אויף איין זייט שטעהט די געטרייע ערפילונג פון א גאנצען לעבענס פראָפעסיאָן, אָן אויפטהואונג, וואס איז אפגעגעבען געווארען פאר דעם גאנצען כלל, פאר די נאציאָן; אויף דער אנדער זייט שטעהט די זארג פון דיעזען כלל פאר די פערזאנען, וועלכע זיינען געווארען אונפעהיג צו ארבייטען, דיענענדיג דיעזען כלל. לויט דעם סאציאליסטישען געדאנקען, וועלכער ליעגט אלס יסוד פון דער ארבייטער-פערזיכערונג איז אָט דיעזע לעבענס-ארבייט אין דער פראפעסיאָן דער אויפטהו, וואס גיט דעם ארבייטער א רעכט צו בעקומען פענסיע אויף דער עלטער, און ווען ער ווערט אונפעהיג צו ארבייטען".

דער „סאציאליסטישער געדאנקען", אויף וועלכען פראפעסאָר לאבאנד וויזט אָן ליעגט אלס יסוד פון דער גאנצער ארבייטער-פערזיכערונג. אבער דיעזער געדאנקען ווערט אין פערשיעדענע לענדער מעהר אדער ווייניגער קלאָהר און ענטשיעדען דורכגעפיהרט. אין דיעזער הינזיכט, איז די עלטעסטע, דייטשע ארבייטער-פערזיכערונג פיעל ארי-בערגעיאָגט געווארען פון די שפעטערדיגערער, בעזאנדערס פון די געזעצגעבונג אין ענגלאנד און אויסטראליען, אויך פון די געזעץ-פראָיעקטען, וואָס האלטען זיך נאָך אין פערהאנדלען אין עסטרייך.

דיעזער גרויסער פארטשריט ווערט נור צום טהייל ערקלעהרט דורך דעם אלגעמיינעם פארטשריט פון סאציאלען געדאנק. די הויפט-

טרייבענדע פרושינע אין דעם איז געווען דער וואוקס פון דער מאכט און איינפלוס פון סאציאליזמוס און פון די סאציאליסטישע פארטייען. וועהרענד די ארבייטער־פערזיכערונג אין דייטשלאנד איז געשאפען געווארען פון דער רעגיערונג אלס מיטעל מפצה צו זיין די ארבייטער פאר איהר פערניכטונגס־קריעג געגען די סאציאל־דעמאָקראטי, איז די ארבייטער־פערזיכערונג אין אנדערע לענדער געשאפען געווארען, אדער פאדערונגען פון דער סאציאל־דעמאָקראטי, און צוליעב דעם זיעגעס־מארש פון די סאציאליסטישע אידעען. די סאציל־דעמאָקראטי, וועלכע האָט אין דייטשלאנד געשטימט אין אָנפאנג געגען די אלע פערזיכע־רונגס־געזעצען, האָט נאכהער געענדערט איהר האלטונג אין דיעזער פראגע. זי איז געווארען די אויפריכטיגסטע פארטהיידיגערין פון דיעזע אינסטיטוציאָנען, האָט גענומען זיי אבהיטען פון פראָבעס זיי צו פער־ענגערען און האָט אנגעהויבען איינשטעלען איהר איינפלוס און מאכט כדי צו צווינגען די רעגיערונג צו געהן ווייטער אויף דיעזען וועג. אין עסטרייך האָט די סאציאל־דעמאָקראטי פון אָנפאנג אָן פיעל ענערגישער אויפגענומען דעם קאמפף פאר די איינפיהרונג פון סאציאלע פערזי־כערונג.

די סאציאלע פערזיכערונג איז איינע פון די גרעססטע ערּאָבערונגען פון סאָציאליסטישען געדאנק, און איינע פון די גרויסע מיטלען צו פערבעסערען די לאגע פון די ארבייטער און לייכטער צו מאכען זייער שווערען שיקזאל אין דער היינטיגער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט.

.2

די ארבייטער־פערזיכערונג אין דייטשלאנד.

האלט אין געשאפען ווערען, הויפטזעכליך אונטער דעם דרוק פון די

די דייטשע ארבייטער־פעזיכערונג איז זעהר א פארוויקעלטער און רייכפארמיגער געגענשטאנד. זי בעשטעהט פון פיערערליי פאָרמען: 1) קראנקען פערזיכערונג ; 2(אונפאל (עקסידענט) פערזיכערונג ; 3) אינוואלידען (ארבייטס־אונפעהיגקייט) פערזיכערונג, און 4) עלטערס־פערזיכערונג. צו זיי האָט נאָך געדארפט צוקומען זינט דעם 1טען יא־

גואר 1910 נאָך א פינפטע פערזוכערונג פון אלמנות און יתומים. די רעגיערונג און די פארטייען האָבען נעמליך פארשפּראָכען מיט אכט יאהר צוריק, וועו מען האָט איינגעפיהרט א העכערען טאריף אויף אויס־לענדישע סחורות, אז פון דיזע הכנסות וועט מען פון יאָהר 1910 אָנהויבען אויסצוצאהלען פענסיע צו יתומים און אלמנות. איצט האָט אבער די רעגיערונג אבגעלייגט די זאך ביז דעם 1טען אפּריל 1911. דיזע פערזיכערונגען זיינען רעגולירט דורך פערשיעדענע געזעצען און ארגאניזירט אין פערשיעדענע אינסטיטוציאָנען, אזוי, אז יעדע פון זיי מוז בעזונדער בעטראכט און אנאליזירט ווערען.

1) די קראַנקען־פערזיכערונג. פון דעם גרויסען פּראָגראם, וועלכע איז פּראקלאמירט געווארען דורך די קאיזערליכע „באָטשאפט“ פון 17טען נאָוועמבער 1881, איז דאס געזעץ מכח די קראנקען־פערזי־כערונג צוערשט דורכגעגאנגען אלע שבעה מדורי פּארלאמענט. עס איז אָנגענומען געוואָרען אין מאי 1883, פּובליקירט געווארען דעם 15טען יוני, און איז אריינגעטראָטען אין קראפט דעם 1טען דעצעמבער 1884. דאך, דיזער ערשטער געזעץ, ווי די וויטערדיגע פערזיכערונגס־געזע־צען, זיינען פיעל מאָל אויסגעבעסערט און רעפארמירט געווארען.

די קראנקען־פערזיכערונג איז ניט געשאפען געווארען אלס יש־מאין. קראנקען־פערזיכערונג, קראנקען־קאסען האָבען עקזיסטירט אויך שוין פון פריהער. עס האָט זאָגאר ניט געפעהלט קיין צוואַנגס־פערזיכערונג. און ווען ביסמארק האָט געוואלט פאר זיינע, אין אמת'ן גאנץ נייע, פּלענער מכח די ארבייטער־פערזיכערונג געפינען א הכשר פון קאָנסערוואטיזמוס, האָט ער מיט א געוויסען רעכט זיך בעצויגען אויף דאס פּרייסישע לאנדעס־רעכט פון 1794. אין וועלכען עס ווערט געזאגט (טהייל 2, טיטעל 19, פּאראגראף 1—3), אז דער שטאַאט דארף זאָרגען פאר די ערנעהרונג און פארפּפלעגונג פון די בירגער, וועלכע זיי־נען ניט אימשטאַנד אליין פאר זיך צו זארגען און קענען גיט געפינען קיין ארבייט. די קהלה, די געמיינדע, האָט שוין פון 16טען יאהר־הונ־דערט אן געמוזט אויסהאלטען א גאנצע רייהע פון אנשטאַלטען פאר ארימע לייט און, לויט דעם געזעץ פון 1810 מכח די בעציהונגען צווי־שען בעלי־בתים און דיענער, האָט דער בעל־הבית געמוזט אויפנעהמען

אויף זיך געוויסע פערפפליכטונגען גענענאיבער זיינע דיענער אין פאל פון קראנקהייט און אונגליק ביי דער ארבייט.

פון די מיטעלאלטערליכע צעכען אן גילדען ארגאניזאציאנען ציהט זיך שוין אויך דער מנהג און די פארפפליכטונג צו זארגען פאר די קראנקע מיטגליעדער. זיי פלעגען צאהלען פאר זייערע מיטגליעדער אין די האספיטעלער, אדער זאגאר האבען אייגענע האספיטעלער. זיי פלעגען אויך מיט פאראד מלוה זיין די געשטארבענע חברים צו דער קבורה. און דורך דעם, וואס די אלמנות פלעגען האבען דאס רעכט ווייטער אנצופיהרען דעם ווערקשטאט איז געזארגט געווארען פאר זייער עקזיסטענץ. דאס דערמאהנטע פרייסישע לאנדעס־רעכט פון 1794 האט פארגעזעהען די גרינדונג פון קראנקען־קאסען דורך די צעכען, און האט זיי געגעבען א רעכט צו צווינגען זייערע מיטגליעדער צו צאהלען דיוס אין דיעזע קאסען. אבער דאס איז אלץ געווען שייך די מייסטערס, נים די לעהרלינגע.

אז עהנליכע ארגאניזאציאן האט עקזיסטירט אויך צווישען די מאינערס. עס האבען עקזיסטירט ביי זיי „ברודערשאפטען“ („קנאפשאפטען“) מיט א געזעצליכען צוואנג.

אין מיטען יאהר־הונדערט, ווען דער קאפיטאליזמוס האט זיך גענומען בעווייזען, זיינען אויך די פאבריק־ארבייטער אריינגעצויגען געווארען אין עהנליכע סארט ארגאניזאציאנען. די געמיינדען האבען גע־האט א רעכט צו צווינגען די ארבייטער און די בעלי־בתים, צו גרינדען הילפס־געזעלשאפטען פאר די אונטערשטיצונג פון די ארבייטער און צו צווינגען די בעלי־בתים צו מאכען געוויסע צאהלונגען פאר דיעזע געזעלשאפטען. לעבען דיעזע צוואנגס־קאסען איז ביי דער גרינדונג פון דער דייטשער אימפעריע ערלויבט געווארען אויך צו ארגאניזירען פרייע קאנקורענץ־קאסען.

דיעזע פרייע הילפס־קאסען האבען זיך גענומען ענטוויקלען פון זיך אליין צווישען די דייטשע ארבייטער און האבען באלד פערבאפט גרויסע מאסען. אין יאהר 1848 איז שוין געווען געגרינדעט „דער דייטשער סאציאלער ארבייטער־בונד, א פעראיין פאר געזונדהייטס־פלעגע“, וועלכער האט אין א קורצע צייט בעקומען אין בערלין 10,000

מיטגליעדער. די ארגאניזאציאן פון די בוך־דרוקער האָט זיך בעזונדערס שטאַרק אָבגעגעבען מיט קראנקען־פערזארגונג. „דער אלגעמיינער דייטשער ארבייטער־פעראיין“, וועלכער איז געגרינדעט געווארען אין יאָהר 1863 דורך לאסאל, האָט אין זיין פּראָגראם אויך געהאט די גרינדונג פון „א דייטשער פערזיכערונגס־געזעלשאפט“. אָבער דאס איז געבליעבען נור אויפ׳ן פאפיער. אויך די פערשיעדענע טרייד־יוניאָנס, בעזאנדערס די זאגענאנטע „היררש־דונקערשע“ פעראיינען, האָבען זיך זעהר פיעל אבגעגעבען מיט פארזיכערונג.

איינפיהרענדיג די שטאאטליכע קראנקען־פערזיכערונג, האָט די געזעצגעבונג ביי דער ארגאניזירונג פון דער פערזיכערונג זיך גערעכענט מיט די עקזיסטירענדע קאסען. די שטאאטליכע קראנקען־פערזיכערונג טראָגט א דאפּעלטע פארמע: געוויסע שיכטען פון דער בעפעלקערונג זיינען געצוואונגען פארזיכערט צו ווערען. אנדערע האָבען א רעכט זיך צו פערזיכערן, אויב זיי ווילען נור. אונטער דעם געזעצליכען פערזיכערונגס־צוואנג זיינען אונטערוואָרפען אלע פּערזאָנען, וואס זיינען בעשעפטיגט אין די מאינס, אין די פאבריקען, אויף די באהנען, אין די מאגאזינען, אין די ווערקשטאטען, אין די אפיסעס, אויף די שיפען, אין די פאסטען־און־טעלעגראפען — און דורך די שפּעטערדיגע אויסשפּרייטונגס־געזעצען — אויך אויף די פארמס און אין די וועלדער, סיי אלס ארבייטער, סיי אלס אנגעשטעלטע, אויב זיי פערדיענען ניט מעהר ווי 2000 מארק (אן ערך 500 דאלאר) א יאָהר. דאָס רעכט, אָבער ניט קיין פפליכט, זיך צו פערזיכערן האָבען אלע אנדערע אָנגעשטעלטע און ארבייטער אין די אויסגערעכענטע אונטערנעהמונגען, וועלכע פערדיענען מעהר ווי 2,000 מארק א יאהר.

דיעזע פערזיכערונג דורכצופיהרען איז איבערגעגעבען געווארען צו א רייהע פון ארגאניזאציאנען, וועלכע האָבען שוין עקזיסטירט. אנדערע זיינען געשאפען געווארען. די וויכטיגסטע צוויי פארמען פון די קראנקען קאסען זיינען: די ארטס־קראנקען־קאסע און די פאבריק־קראנקען־קאסע. דער גרינדונגס־פּרינציפּ פאר די ערשטע איז, אז א געוויסע צאָהל מענשען (ניט ווענעגער ווי 100) פון איין אָרט גרינדען א קאסע. די פארזיכערטע קענען געהערען צו פערשיעדענע פּראָפעסיאנען, אבער

דאס רוב זוכט מען צו פעראייניגען בעסער מענשען פון דער זעלבער פראפעסיאן, וואס ארבייטען ביי דער זעלבער אינדוסטרי. די גרינדער פון דיזע ארטליכע קראנקען־קאסען זיינען די געמיינדען. זייער פערוואלטונג געפינט זיך אונטער דער קאנטראלע פון דער רעגיערונג. זי בעשטעהט פון אן עקזעקוטיוו, וועלכע ווערט געוועהלט פון אלע מיטגליעדער, וואס בעלאנגען צו דיזער קאסע אדער פון זייערע דעלעגאטען. די אונטערנעהמער האבען א רעכט צו זיין פערטראטען אין דער עקזעקוטיוו און אין דער פערזאמלונג, לויט דעם חלק וואס זיי האבען אין די איינצאהלונגען. אבער מעהר ווי א דריטעל שטימען דארפען זיי בשום אופן ניט בעזיצען.

די צווייטע הויפט־פארם איז די פאבריק־קאסען. זיי קענען ארגאניזירט ווערען פון יעדען פאבריקאנט, וואס בעשעפטיגט מעהר ווי 50 ארבייטער, פאר זיינע אייגענע ארבייטער, אדער די פאבריקאנטען קענען אויפגעפאדערט ווערען פון דער געמיינדע צו גרינדען אזוינע קאסען, אויב זיי בעשעפטיגען אליין אפילו ניט קיין 50 ארבייטער ווען די אונטערנעהמונג איז פערבונדען מיט א בעזונדערער געפאהר. די סטאטוטען פאר דיזע קראנקען־קאסען ווערען אויפגעשטעלט פון די אונטערנעהמער, מיט דער הסכמה פון די פארזיכערטע. ער האט א רעכט צו זיין דער טשערמאן אויף די פערזאמלונגען אליין אדער דורך זיינעם א פערטרעטער. דערפאר האט ער אבער אויך געוויסע פפליכטען: ער מוז אויסלייגען די געלד, וואס פעהלט און דערלייגען געלד אויב מען האט שוין פון די ארבייטער אבגענומען אזוי פיעל דיוס וויפיעל דער געזעץ ערלויבט.

יעדע פערזאן, וואס איז נאכ'ן געזעץ מחויב צו זיין פערזיכערט, ווערט א מיטגליעד פון קראנקען־קאסע, ווען ער ארבייט אויף א פלאץ, און אונטער בעדינגונגען, וועלכע געהען ארונטער אונטער'ן געזעץ. דער אונטערנעהמער אליין מוז מעלדען צו דער בעטרעפענדער קאסע, צו וועלכע זיין פאבריק געהערט, אלע נעמען און אדרעסען פון זיינע ארבייטער. נור די, וואס זיינען מיטגליעדער פון פריוואטע הילפס־קאסען קענען בעפרייט ווערען פון פערזיכערונגס־צוואנג. פאר די אויסהאלטונג פון די קאסען צאהלען די פערזיכערטע צוויי דריטעל פון די מיט־

לען און די אונטערנעהמער איין דריטעל. דאס בעטרעפט, געוועהנליך, אָנדערטהאַלבען פּראָצענט פון טאגעס־לוין, פון וועלכע 1 פּראצענט ווערט. אלזא, אבגעצויגען פון ארבייטערס לוין. מיט ערלויבניס פון די העכערע פערוואלטונג, קען די צאָהלונג געהעכערט ווערען ביז 2, און זאגאר ביז 3 פּראָצענט פאר ביידע צדדים אין אָנפאַנג און שפּעטער ביז 4 מיט א האלב פּראָצענט פון ביידע צדדים. עס איז ערלויבט אויך צו בעשטימען איינטריטס־געלד, וועלכע טאָר בשום אופן ניט בעטרעפען מעהר ווי די איינצאָהלונג פון 6 וואכען. אויב איינער איז אבער שוין א מיטגליעד פון אן אנדער קאסע מעהר ווי 13 וואכען, טאָר פון איהם קיין איינטריטס־געלד ניט גענומען ווערען.

די אויסצאָהלונגען. וואס דער פערזיכערטער בעקומט אין פאל פון קראַנקהייט, באשטעהט צום וועניגסטען, פון פאָלגענדעס: ערשטענס, פרייע דאקטאָר־בעהאנדלונג און פרייע מעדיצין, ברילען, ברוכבענדער א. ד. ג., אין פערלויף פון 13 וואָכען העכסטענס (שפּעטער איז די צייט אויסגעשפּרייט געווארען ביז 26 וואָכען); צווייטענס, קראנקען־געלד („סיק בענעפיט") אויף ווי ווייט דער פערזיכערטער איז ניט אימשטאנד צו ארבייטען צוליעב דער קראנקהייט. די אויסצאָהלונג פון קראנקען־געלד הויבט זיך אָן פריהסטענס פון דריי טאָג נאָך דעם, ווי די קראנק־הייט האָט זיך אנגעהויבען, און קען אָנהאלטען העכסטענס 13 וואכען (שפּעטער איז בעשטימט געווארען 26 וואכען). דאס קראנקען־געלד בעטרעפט 50 פּראצענט, א העלפט פון דעם לוין, וועלכער ווערט בא־שטימט פון דער אויבערשטער פערוואלטונג, אלס דער געוועהנליכער טאגע־לוין. עס איז אבער ערלויבט פאר די קאסען אויך צו רעכנען דעם לוין, וועלכען דער קראנקער האט פערזענליך בעקומען; יעדענפאלס אבער דארף דער לויז ניט באַרעכענט ווערען מעהר ווי פיער מארק א טאָג. א קראנקער קען, אויב ער פערלאנגט, אויפ'ן חשבון פון דער קראנקען־קאסע געבראכט ווערען אין האספּיטאָל. זיין פאמיליע בעקומט אין אזוינע פעלע א העלפט פון קראנקען־געלד. דריטענס, ווערט אויס־געצאהלט, אין פאל פון טויט, „שטערבע־געלד" (פיונעראל עקספּענסעס) וועלכעס בעטרעפט וועניגסטענס צוואנציג טעג פון דורכשניטליכען ארבייטס־לוין. דאס בעקומט די פאמיליע אפילו נאָך דעם ווי מען האט

שוין אויסגעצאהלט דאס גאנצע קראנקען־געלד. פינפטענס, בעקומען קינפעטארינס די זעלבע אונטערשטיצונג ווי געוועהנליכע קראנקע. קראנקען געלד האט זיך פאר זיי גערעכענט וועניגסטענס פיער וואכען (שפעטער איז דער טערמין אויסגעשפרייט געווארען אויף וועניגסטענס זעקס וואכען).

ווי גרויס עס איז די בעדייטונג פון דיעזער דורכ'ן געזעץ געצוואונגענער קראנקען־פערזיכערונג, קען מען זעהען פון פאלגענדע ציפערען: אין יאהר 1906 (דער לעצטער יאהר, פאר וועלכען עס איז דא א פאלשטענדיג בעארבייטע סטאטיסטיק) האבען אין דייטשלאנד זיך געפונען 61.2 מיליאן איינוואהנער. לוינארבייטער 15.4 מיליאן. די קראנקען קאסען האבען געהאט 12.408.706 מיטגליעדער ((אין דעם — אויף 3 מיליאן פרויען). די צאהל פון די פערזיכערטע האלט אין וואקסען. דאס קען מען זעהען פון פאלגענדע ציפערען: אין יאהר 1892 זיינען פון יעדע 1000 איינוואהנער 148 געווען פערזיכערט געגען קראנקהייט; אין יאהר 1906 — 203 פון יעדע 1000. ארגאניזירט זיינען זיי געווען אין 22.940 קאסען.

קראנקהייטס־פעלע זיינען פארגעקומען אין יאהר 1906 4.820.918, ד. ה. מעהר פון א דריטעל פון אלע פערזיכערטע זיינען געוועזן אין פערלויף פון יאהר קראנק, און געקרענקט האבען זיי 94 מיליאן טעג. די בענעפיט, וואס די קראנקע בעקומען האלט אין וואקסען. אין יאהר 1886 האט אויסגעמאכט אויף יעדען קראנקען 32.01 מארק הוצאות; אין יאהר 1896 — 40 מארק; אין יאהר 1906 — 55.25 מ.; אויף יעדען טאג פון קראנקהייט איז די הוצאה געשטיגען פון 2,07 מארק אין 1886, אויף 2,33 אין 1896 און אויף 2,83 אין 1906. דערפון האט דאס קראנקען־געלד בעטראפען אין יאהר 1906 1.22 מארק, געגען 1 מארק אין יאהר 1886. ווען מען בעטראכט ווי הויך עס איז אין פערלויף פון דיעזע צוואנציג יאהר געשטיגען דער יקרות און זאגאר דער ארבייטס־לוין מוז מען אבער אנערקענען אז די שטייגונג פון קראנקען־געלד איז ניט געגאנגען גענוג הויך..

די דאקטוירים בעקלאגען זיך אפילו אין דייטשלאנד אויף זעהר שטארק, דאך האט זייער געהאלט געשטיגען פיעל מעהר. אנשטאט 11 מיט א פיערטעל מיליאן מארק אין יאהר 1886, האבען די דאקטוירים בעקומען אין יאהר 1906 60 מיט איין דריטעל מיליאן מארק פון די קראנקען־פערזיכערונגס־קאסען. אין יאהר 1886 איז אויסגעקומען 39 פפעניג א טאג פאר דאקטאר'ס בעהאנדלונג, און אין יאהר 1906 שוין 64 פפעניג.

2. אונפאל (אונגליק, עקסידענט) פערזיכערונג. די פערהיטונג און פערזארגונג פון ארבייטער אין פאל פון אונגליקען ב י י ד ע ר א ר ב י י ט איז שוין פון לאנג אנערקענט געווארען איבעראל אין שטארקערער אדער שוואכערער פארמע, אלס פפליכט פון שטאאט. אין פרינציפ זיינען אלע פארגעשריטענע געזעצגעבונגען מודה, אז דער אונטערנעהמער איז מחויב צו טראגען די רעזולטאטען פון אונגליקספעלע ביי דער ארבייט („אימפלאיערס לאיאביליטי"). פון אלע פארמען פון פערזיכערונג, איז דערפאר די געצוואונגענע פערזיכערונג פון די ארבייטער אין פאל פון אונגליקען ביי דער ארבייט געווען בעזאנדערס נאהענט צום הארצען אויך פון די אונטערנעהמער. עס האט זיי בעפרייעט פון א סך טראבעל און פון אייביגע פראצעסען, כאטש עס מאכט זיי פיליינט אויס טהייערער. און מיר זעהען, אז נאך אין די 70גער יאהרען האט דער „צענטראל פערבאנד פון דייטשע מאנופעקטשורערס" געפאדערט די איינפיהרונג פון פארזיכערונג פון די ארבייטער געגען אינפעלע.

עס ליעגט דערפאר אין כאראקטער פון דיעזער פערזיכערונג, אז זי ווערט אויסגעהאלטען פון די אונטערנעהמער; די ארבייטער דארפען ניט טראגען דיעזען לאסט. דאך די קאפיטאליסטענפריינדליכע שעפפער פון דיעזער פערזיכערונג האבען אונדירעקט אריינגעצויגען אויך די ארבייטער אונטער דיעזען יאך: די אלע צאהלונגען פון דער אונפאל־פערזיכערונגס־קאסע הויבען זיך ערשט אן נאך דער 13טער וואך. די ערשטע 13 וואכען טראגען די לאסט די קראנקען־קאסען, וועלכע נעהמען, ווי מיר ווייסען, צוויי דריטעל פון זייערע מיטלען ביי די ארבייטער. די דירעקטע צאהלונגען פאר די אונפאל־פערזיכערונג קומען אבע־

איינגאנצען פון דער קעשענע פון די אונטערנעהמער, ניט דער שטאאט, ניט די ארבייטער, העלפען זיי ניט אין דעם. דערפון קומט אויך, דאס אין דיעזע פערזיכערונגס־אנשטאלטען („בערופסגענאָסענשאפטען") זייגען די אונטערנעהמער די איינציגע מיטגליעדער.

די אונפאל־פערזיכערונג איז, ווי געזאגט, אוועקגעשטעלט געוואָרען אויפ'ן פלאטץ פון „אימפּלאָיערס לאָיאביליטי". עס איז דערפאר געוועזן ניט מעהר ווי נאטירליך, אז די פערשיעדענע אונטערנעהמער זאלען צוטהיילען צווישען זיך די פערשיעדענע הוצאות, לויט נאך דעם, וויפיעל יעדער בעפרייעט זיך פון א געוויסער ריזיקע. עס איז אָבער ידוע, אז די ריזיקע פון אונגליקען ביי דער ארבייט איז ניט גלייך אין אלע אינדוסטריען. אין געוויסע סארט אינדוסטריען איז די געפאהר זעהר א גרויסע, אין אנדערע גאר א קליינע. די אונפאל־פערזיכערונג איז דערפאר ארגאניזירט געווארען נאך די בעזונדערע אינדוסטריען. יעדער אינדוסטריע איז אָבגעשאצט געוואָרען נאך די גרויס פון איהר געפאהר פאר די ארבייטער, און דארף טראָגען אן אנדער רייט פון אינשורענס, לויט דעם „געפאהר־טאריף". די אלע מאנופעקטשורערס פון דער זעלבער אינדוסטריע בילדען איין „בערופסגענאָסענשאפט". אזוינע „בערופסגענאָסענשאפטען" זיינען געוועזן אין יאהר 1906 114, צו וועלכע עס האָבען בעלאנגט 15.4 מיליאן אונטערנעהמונגען, וואָס האָבען באשעפטיגט 19.4 מיליאן פערזאָנען.

נאָך די קראנקען־פערזיכערונג איז אין א יאהר ארום געשאפען געווארען אויך די אונפאל־פערזיכערונג. דעם 6טען יולי 1884 איז אָנגענומען געווארען דער ערשטער געזעץ מכח די געצוואונגענע פערזיכערונג פון די ארבייטער געגען אונפעלע. אבער אויך דא האָט זיך באלד ארויסגעוויעזען די נויטהוענדיגקייט דאס געזעץ הורכצוקוקען, צו ענדערען, צו רעפאָרמירען, צו ערווייטערען און פערא יינפאכען. די גרונד־לאגע פיר דאָס איצט עקזיסטירענדע רעכט איז דאָס געזעץ פון יאָהר 1900.

די אונפאל־פעזיכערונג געהט ניט אזוי ברייט ווי די קראנקען־פערזיכערונג. דער צוואנג פון פערזיכערונג בעציהט זיך נור אויף ארבייטער און אָנגעשטעלטע אין די גרעסערע אונטערנעהמונגען, הויפּטזעכליך

אין פאבריקען און געפעהרליכע אונטערנעהמונגען, אויך אין לאנד־ווירטשאפט און ביי רעגיערונגס־אונטערנעהמונגען, ווי פאסט און טע־לעגראף. דאס האנדווערק און קליינע אונטערנעהמונגען האבען א רעכט אבער ניט קיין צוואנג פון אונפאל־פערזיכערונג. דערפאר אבער איז דער גרענעץ א פיעל העכערער: ניט מענשען וואס פערדיענען ביז 2,000 מארק, זאנדערען וואס פערדיענען ביז 3,000 מארק א יאהר פאלען ארונטער אונטער דעם צוואנג פון אונפאל־פערזיכערונג אין די אונטערנעהמונגען, וואס פאסען זיך אונטער'ן געזעץ.

אויסצאָהלונגען צו די פערזיכערטע ווערען געמאכט פאָלגענדע:

א) אין פאל פון פערוואונדונגען נאָך די ערשטע 13 וואכען, ווען די קראנקען־קאסע הערט אויף איהרע פערפפליכטונגען, ערשטענס — דאָקטאָרשע בעהאנדלונג מיט פרייע מעדיצין, און, אויב דער פערוואונ־גליקטער איז ניט פעהיג צו געהן צוריק צו דער ארבייט, דאן בעקומט ער אויך א פענסיע (רענטע) אויסגעצאָהלט. די פולע רענטע באטרעפט צוויי דריטעל פון יעהרליכען ארבייטס־פערדיענסט. אויב ער איז נור צום טהייל אונפעהיג צו ארבייטען, דאן בעקומט ער א טהייל רענטע.

ב) אין פאל, אויב דער אונגליק האָט געבראכט מיט זיך די טויט פון אן ארבייטער, דאן בעקומט די פאמיליע קבורה־געלד, וואס באטרעפט א 15טען טהייל פון יאהרעס־פערדיענסט, אבער וועניג־סטענס 50 מארק. און פון טאָג פון טויט אָן באקומט די פאמיליע א פענסיע, וועלכע קען אין גאנצען בעטרעפען 60 פראָצענט פון יאהרעס פערדיענסט. דיעזע רענטע ווערט פערטהיילט צווישען דער אלמנה, אדער דעם אלמן, די קינדער אונטער 16 יאהר אָדער עלטערען און על־טערס עלטערען צו 20 פראצענט אויף יעדען. אלס א יעהרליכער פער־דיענסט ווערט בארעכענט דער פערדיענסט פון 300 ארבייטס־טעג ביז 5 מארק א טאָג.

די הוצאות אויף די אונפאל־פערזיכערונג האָט בעטראָפען אין יאהר 1906 166 מיליאן מארק; די הכנסה 187.7 מיליאן מארק, דאס פארמעגען 282 מיט א דריטעל מיליאן מארק. פאר 936.491 אונגליקס־פעלען האָט מען געמוזט צאָהלען פון דיעזער קאסע אין 1906. דערפון

אָבער זיינען אין פערלויף פון דעם יאהר נור 139.726 פעסט־געשטעלט געוואָרען. די איבריגע שטאַמען פון פריהער.

אויף יעדען פעראונגליקטען איז אויסגעקומען אין יאָהר 1887 287.07 מארק; אין יאהר 1897 נור 148.48 מארק; און אין יאהר 1906 152.10 מארק. דיעזער צוריקגאנג פון די אויסצאָהלונגען ווארפט זיך זעהר אין די אויגען. דאס בעווייזט, אז די ממונים אויף די פערזי־כערונג האָבען אָנגעהויבען פיעל ניעדריגער איינצושאַצען די פערלוס־טען פון די אַרבייטער ביי אונגליקס־פעלע. א פולע רענטע האָט בע־טראפען דורכשניטליך 1.60 מארק א טאָג, א טהייל רענטע אָפט 9 ביז 15 פפעניג (2 ביז 4 סענט) א טאָג.

3 און 4. אינוואלידען און עלטער פערזיכערונג. די איינ־פיהרונג פון דיעזע צוויי פאָרמען פון געצוואונגענער פערזיכערונג דורך דעם שטאַאט איז געווען אין פולען זינן פון ווארט א נייעס אין דער געשיכטע פון מאָדערנער סאציאל פאליטיק. ניט אין די דייטשע שטאַאטען, ניט אין די אנדערע מאָדערנע אייראָפעאישע שטאַאטען זיינען ביז די 80ער יאָהרען אזוינע פראָבעס ניט געמאכט געוואָרען. עס איז געווען א נייעס, און לויט דעם פרינציפ, וואָס איז אוועק־געלייגט געוואָרען אלס זייער יסוד, אויך א גרויסער סאָציאַל־פאָליטי־שער פאָרשריט. אנצוערקענען, אַז דער שטאַאט האָט געוויסע התחיבות'ען געגען דעם ארבייטער אויף דער עלטער און ווען ער ווערט אונפעהיג צו פערדיענען, ניט צוליעב א געוויסען אונגליקס־פאל, נור בכלל, דאס איז לכל הדעות א גרויסער פארשריט פאר דעם רעכטס־קאמפף פון די ארבייטער־מאסען. אזוינע רעכטס־פאדערונגען נאָכצוגע־בען איז פאר דעם קאפיטאליסטישען שטאַאט ניט לייכט. און די דייטשע רעגיערונג און די פארטייען פון דייטשען רייכסטאג האָבען פון דעם שרעק פאר זייער אייגענער הנחה זיך קיין מאָהל ניט בעפרייט. שווער איז אָנגעקומע די געבורט פון דיעזער פערזיכערונג. אונטער דער רע־גיערונג פון קאיזער ווילהעלם דעם ערשטען איז דער פלאן געשאפען געווארען. אונטער פרידריך דעם דריטען איז דער געזעץ־פראָיעקט פאָר־געשלאָגען געווארען און ערשט אונטער ווילהעלם דעם צווייטען, אין זיינע יונגע „ראדיקאלע" טעג, איז דער געזעץ דורכגעפיהרט געווארען.

און עס האָט ניט געדויערט לאנג ווי אויך דא האָט זיך אָנגעהויבען די לאָטעניש און פיקסעניש פון דעם אזו שווער געשאפענעם פערזיכע־רונגס־געזעץ.

די רעגיערונג און די פארטייען האָבען זיך אליין דערשראָקען פאר די לאָגישע שליסע, וועלכע מען קען מאכען פון דעם פרינציפּ, און זיי האָבען איהם א ביסעל געטהאָן אויף די אנדערע זייט. אנערקענענדיג, אז דער ארבייטער האָט א רעכט צו פאָדערען, דאָס דער שטאאט זאָל איהם פערזאָרגען אויף דער עלטער, און ווען ער ווערט א אינוואליד — אונפע־היג צו דער ארבייט, — האָבען די שעפּפער פון דער נייער פערזיכערונג אָנגעהויבען זוכען מיטלען, ווי אזוי דיעזע פפליכט צו מאכען אזוי לייכט און אזוי ביליג פאר דעם שטאאט און די בעזיצענדע קלאסען ווי נור מעגליך. דער רעזולטאאט איז געווען, אז מען האָט, ערשטענס, דעם עלטער אָנגעהויבען צו רעכנען אזוי שפּעט, דאס די צאָהל פון די, וואָס קענען פּראָפיטירען פון דיעזער פערזיכערונג איז קינסטליך זעהר שטארק פערקלענערט געווארען. צווייטענס, האָט מען די פענסיע באַ־שטימט אזוי ניעדריג, אז די פערזאָרגונג איז זעהר א ארימזעליגע. דריטענס, האָט מען דאס רעכט אויף פענסיע געמאכט אבהענגיג פון לאנגע צאָהלונגען דורך א רייהע פון יאהרען. פיערטענס, האָט מען די פערזיכערטע איינגעטהיילט אין קלאסען, און די פענסיע פון יעדער קלאס אבהענגיג געמאכט פון די הויך פון דער בעצאהלטער פּרעמיע. מען האָט אלזאָ, דעם ריין־סאָציאלען פּרינציפּ פון רעכט אויף פערזאָר־גונג דורכגעמישט מיט געשעפטליכע פּריוואט־פערזיכערונגס פּרינציפּען פון איינצאָהלונג און אויסצאָהלונג.

דורך דאס אלץ, ווי אויך דורך איהר ארגאניזאציאנס־פאָרם, וועל־כע איז געשאפען געווארען גאנץ אונאבהענגיג פון די אנדערע פערזי־כערונגס־קאסען, האָט דיעזע פערזיכערונג זיך פערוואנדעלט אין זעהר א פערפלאָנטערטע און שווערפעליגע אינסטיטוציאָן, פון וועלכער מיר קענען דא איבערגעבען נור די וויכטיגסטע גרונד־ליניען.

די געצוואונגענע אינוואלידען־און עלטער־פערזיכערונג פערשפּרייט זיך אויף פיעל ברייטערע מאסען, ווי די אנדערע פערזיכערונגען. אלע ארבייטער און אָנגעשטעלטע, וואס פערדיענען וועניגער ווי צוויי טוי־

זענד מארק א יאהר אין וואס פאר א סארט אונטערנעהמונגען זיי זאלען ניט זיין בעשעפטיגט, סיי מענער, סיי פרויען, געהערען צו דעם צוואנג פון דיעזער פערזיכערונג. אלזא, פאקטיש כמעט דער גאנצער ארבייטער קלאס, און — ווי דער געזעץ ערקלעהרט — אויך אלע די, וועלכע שטעהען אין עקאנאמישער בעציהונג אויף דער זעלבער מדרגה ווי די „ארבייטער“ אין ענגערען זינן, ווי צ. ב. ש. לעהרער, בעאמטע; אויך זעלבסטשטענדיגע האנדווערקער מיט גאר קליינע ווארקשטאטען קענען ארונטערגעבראכט ווערען אונטער דעם צוואנג פון פערזיכערונג. פרייוויליג קען דיעזע פערזיכערונג בענוצט ווערען נור פון זעלבסט־שטענדיגע אונטערנעהמער, וואס בעשעפטיגען רעגעלמעסיג ניט מעהר ווי צוויי ארבייטער און פון ארבייטער און אנגעשטעלטע, וואס פערדיענען ניט מעהר ווי 300 מארק א יאהר. אויסער דעם קען די פערזיכערונג אנהאלטען ווייטער יעדער איינער, וואס איז אמאל געוועזען דורך זיין בעשעפטיגונג געצוואונגען זיך צו פערזיכערען און איז נאכהער, צוליעב ענדערונג פון זיין לאגע, אדער פון זיין בעשעפטיגונג, ארויס פון דעם קלאס מענשען, ד. ה. א געוועזענער ארבייטער פערליערט ניט זיין רעכט צו פערבלייבען אין די רייהען פון די ארבייטער, אויב ער האט נאר חשק דערצו.

א רעכט אויף פענסיע אלס ארבייטס־אונפעהיגע („אינוואלידען־רענטע“) בעקומט יעדער פערזיכערטער אהן אונטערשיעד פון עלטער, ווען עס שטעלט זיך נור ארויס, אז ער איז בכלל מעהר ניט פעהיג צו ארבייטען, אדער אז ער איז צייטווייליג ניט פעהיג צו פערדיענען מעהר ווי א דריטעל פון זיינע ביז־יעצטיגע פערדיענסטען צוליעב אלגעמיינע שוואכקייט, אדער צוליעב א געוויסע קראנקהייט. גלייך נאך דער 26טער וואך פון דער קראנקהייט, ווען די קראנקען־קאסע הערט אויף צו געבען איהר שטיצע, בעקומט דער קראנקער א רעכט אויף אינוואלידען־רענטע ביז ער ווערט געזונד, ווי לאנג עס זאל ניט דויערען, אפילו א גאנצען לעבען.

די פענסיע אויף דער עלטער („אלטערס־רענטע“) בעקומט יעדער פערזיכערטער, ווען ער ווערט פולע 70 יאהר אלט, גאנץ גלייך, צו ער איז געזונד און ארבייטס־פעהיג אדער ניט.

דאָך, ווי מיר האָבען שוין פריהער ערקלעהרט, האָבען די פער־זיכערטע צו צאָהלען א רייהע מיט יאהרען פערזיכערונגס־פרעמיעס, איידער זיי בעקומען א רעכט אויף פענסיע, אדער ווי עס הייסט אויף'ן אפיציעלען לשון, זיי מוזען דורכמאכען א געוויסע „ווארטע צייט". דיזע „ווארטע צייט" בעשטעהט אין א לאנגע רייהע פון וואָכען, אין וועלכע עס מוז בעצאָהלט ווערען דיוס („בייטראגס וואכען"). די „בייטראגס־וואכען" דארפען ניט דורכאויס געהן איינע נאָך די אנדערע; ביי גע־צוואונגענער פערזיכערונג דארף זיין איינגעצאָהלט ניט ווייניגער ווי פאר 20 וואכען אין צוויי יאהר; ביי פרייוויליגע פערזיכערונג — ניט ווייניגער ווי 40 וואָכען.

כדי צו האָבען א רעכט אויף עלטערס־רענטע דארף מען האָבען איינגעצאהלט 1.200 „בייטראגס־וואכען". ד. ה., צאָהלענדיג סטרייט צו 50 וואכען א יאהר, מוז מען האָבען געצאהלט 24 יאהר. כדי צו קע־נען בעקומען אינוואלידען־רענטע דארף מען האָבען בעוויעזען אז מען איז הונדערט וואכען געווען בעשעפטיגט אלס א מאַן, וואס איז מחויב זיך צו פערזיכערען און האָבען איינגעצאָהלט 200 „בייטראגס־וואכען"; אז ניט דארף מען האָבען איינגעצאָהלט 500 „בייטראגס־וואָכען". דאָך כדי דיעזע נייע פערזיכערונג זאל קענען וואס שנעלער אריינטרעטען אין קראפט, האָט מען זעהר שטארק פערקירצט די „ווארטע־צייט" פאר דעם ערשטען דור. די הנחות זיינען געגאנגען אזוי ווייט, אז שוין אין ערשטען יאהר נאָך דעם, ווי דער געזעץ איז אריינגעטראָטען אין קראפט, ד. ה. אין יאהר 1891, האָבען אן ערך פון 133.000 פערזאָנען בעקומען אלטערס־רענטע.

די צאָהלונג פון די דיוס ווערט אָנגעפיהרט דורך מארקען („סטעמפס"), וועלכע מען קלעפט אריין אין א קארטע, וואס מען בע־קומט פון א פערזיכערונגס־קאסע. דער ווייטערדיגער חשבון פון יעדער פערזאָן ווערט געפיהרט פון דער קאסע, וואו עס איז ארויסגענומען גע־ווארען די ערשטע קארטע. איבערהויפט מוז בעמערקט ווערען, אז צו פיהרען דיעזע פארזיכערונג איז ארגאניזירט געווארען זעהר א פער־פלאָנטערטע ארגאניזאציאן. דער פרינציפ פון דיעזער אָרגאניזאציאן איז די צוטהיילונג פון לאנד אין גרעסערע טעריטאָריען. צו דער פער־

זיכערונגס־אינסטיטוציאָן פון א געוויסער טעריטאָריע געהערען אַלע
פערזאָנען, וואס זייער בעשעפטיגונגס־אָרט געפינט זיך אין דיעזע־
טעריטאָריע. אין גאנצען זיינען פאראן 31 אזוינע פערזיכערונגס־אַנ־
שטאַלטען, דערפון 13 פאַר פרייסען. בערלין האָט איינעם פון זיי. יעדער
פון דיעזע 31 אַנשטאַלטען האָט זיין אייגענע זעלבסט־פערוואלטונג.
וועלכע שטעהט אָבער אונטער שטרענגע קאָנטראָלע פון דער רעגיע־
רונגס פערזיכערונגס ביוראָ („פערזיכערונגס־אמט").

די פרעמיע פאַר דיעזעביידע פערזיכערונגען צאָהלען דריי קעשע־
נעס. ערשטענס קומט דער שטאַאט און צאָהלט פאַר יעדע פענסיע,
וואָס ווערט אויסגעצאָהלט 50 מארק א יאָהר. ער נעהמט אויך איבער
א גרויסען טהייל פון די אויסגאבען פון פערוואלטען די פערזיכערונג
און אויך די איינצאָהלונגען אין צייט פון מיליטער־דיענסט. דיעזע צאָה־
לונג איז גלייך פאַר אלע קלאסען פון די פערזיכערטע. אַנדערש אָבער
איז מיט די צאָהלונגען, וואס קומען צו גלייכע חלקים פון די איבעריגע
צוויי קעשענעס: פון די ארבייטער, ד. ה. פון די פערזיכערטע אליין
און פון די אונטערנעהמער, ביי וועמען דיעזע פערזיכערטע זיינען בע־
שעפטיגט. דיעזע צאָהלונגען, — אזוי ווי נאָכהער די פענסיעס — ווע־
רען איינגעטהיילט אין 5 קלאסען. אין די ערשטע קלאסע ווערט גע־
צאָהלט 14 פפעניג א וואָך, אין צווייטער קלאס — 20 פפעניג; אין
דריטער — 24, אין פיערטער — 30 און אין פינפטער — 36 פפעניג
א וואָך. די פפליכט נאָכצוזעהען, אז די פערזיכערונג זאָל געצאָהלט
ווערען, די פפליכט אויסצולייגען די געלד, קויפען די סטעמפּס און זיי
איינקלעפּען אין די קארטען ליעגט אויף די אונטערנעהמער. זיי דארפען
נאָכהער פון לוין אָבציהען א העלפט פון די געלד, וואס זיי האָבען
אויסגעגעבען. אויב דער פערזיכערטער וויל בעלאנגען צו א העכערען
קלאָס, דאן מוז ער פון זיין אייגענער קעשענע דאפיר צאָהלען. דער
געזעץ פאָדערט בכלל, אז די אונטערנעהמער זאָלען איינמאָהנען פון די
ארבייטער דעם חלק, וואס זיי דארפען צאָהלען.

די קלאסען ווערען איינגעטהיילט לויט די פערדיענסטען פון די
פארזיכערטע:

צו 1טע קלאסע געהערען אלע וואס פערדיענען א יאהר ווענינער ווי 350 מארק.

צו 2טע קלאסע געהערען אלע וואס פערדיענען א יאהר פון 350 ביז 550 מארק.

צו 3טע קלאסע געהערען אלע וואס פערדיענען א יאהר פון 550 ביז 850 מארק.

צו 4טע קלאסע געהערען אלע וואס פערדיענען א יאהר פון 850 ביז 1.150 מארק.

צו 5טע קלאסע געהערען אלע וואס פערדיענען א יאהר פון 1.150 ביז 2.000 מארק.

די פענסיעס (רענטען) ווערען בעשטימט לויט די הויך פון דער קלאסע און לויט די ליינג פון די צאָהלונגען.

די אלטערס רענטע בעטרעפט: 1טע קלאסע 110.40 מארק יעהרליך

2טע	„	140.40	„ „
3טע	„	170.40	„ „
4טע	„	200.40	„ „
5טע	„	230.40	„ „

די אינוואלידען־רענטע בעטרעפט ביי די ניעדריגסטע איינצאָהלונגען (235 וואכען) און ביי די העכסטע איינצאָהלונג (2.500 וואכען) ווי פאלגט:

	ביי צאָהלונג פון 235 וואָכען.	ביי צאָהלונג פון 2.500 וואָכען.
1טע קלאסע	117.60 מארק יעהרליך	185.40 מארק יעהרליך
2טע „	129.60 „ „	270.00 „ „
3טע „	138.60 „ „	330.00 „ „
4טע „	147.60 „ „	390.00 „ „
5טע „	157.20 „ „	450.00 „ „

די אינוואלידען־פערזיכערונג בעשרענקט זיך ניט אויף די אויסצאָהלונג פון דער פענסיע. עס ווערט די פערזיכערטע געגעבען די אלע נויטיגע מעדיצינישע הילף סיי פריוואט, סיי אין האָספיטעלער, כדי צו פערהיטען, אז זיי זאלען ניט ווערען אינגאנצען און ניט אויף שטענדיג אונפעהיג צו דער ארבייט.

וואס פאר א גרויסע וויכטיגקייט און בעדייטונג דיעזע קלוגע פארזיכטיגקייט האט, ווי אזוי הורך די רעכטצייטיגע הילף פון דער אינוואלידען־קאסע ווערען טויזענדער מענשען גערעטעוועט פון פריה־צייטיגע ארבייטס־אונפעהיגקייט, דאס וייזען פאלגענדע ציפערען: אין יאהר 1907 זיינען 32,074 פערזאנען בעהאנדעלט געווארען געגען קאנסאמפשאן אין פערשיעדענע האספיטעלער און סאנאטאריומס; דערפון זיינען געוועזען מענער 22,258 און פרויען 9816; מיט אנדערע קראנקהייטען זיינען בעהאנדעלט געווארען 15,702 מענער און 11,035 פרויען. די היילונגס־קאסטען האבען בעטראפען ביי קאנסאמפשאן 5 מארק א טאג, פער פערזאן 370.88 מארק. ביי אנדערע קראנקהייטען האט די היילונג בעטראפען פער טאג 4.54 מארק, פער פערזאן 206,96 מארק. און דיעזע אויסגאבען האבען געבראכט זעהר ערפרעהליכע רעזולטאטען. ניט נור איז א געוויסער פראצענט געהיילט געווארען, זאנדערען פיעלע זיינען פערבליעבען געזונד אויף לייגגערע צייטען.

פון דיעזע צוויי סארטען פערזיכערונג האט אין די ערשטע יאהרען, צוליעב די בעזונדערע הנחות וואס זיינען געמאכט געווארען פאר די אלטע לייט, די עלטערס־פערזיכערונג פערשלונגען מעהר געלד ווי די אינוואלידען־פערזיכערונג. אבער דאס איז נור געוועזען אויף א גאנץ קורצע צייט. וואס וייטער אלץ גרעסער איז געווארען די בעדייטונג פון דער אינוואלידען־פערזיכערונג. און פאר נארמאל רעכענט מען, אז נור 10 פראצענט פון די הוצאות פון דיעזער פעראייניגטער פערזיכערונג זאל אוועקגעהן אויף די עלטערס־פערזיכערונג, די איבעריגע 90 פראצענט זאל פערשלינגען די אינוואלידען־פערזיכערונג.

די צאהל פון די פערזיכערטע געגען אינוואלידיטעט האט בעטראפען אין יאהר 1906 14.142.700 פערזאנען. פון יעדע 1,000 פערזאנען פון דער בעפעלקערונג זיינען 231 געוועזען פערזיכערט געגען אינוואלידיטעט. די הכנסה פון דיעזער פערזיכערונג האט בעטראפען יענעם יאהר 263 מיט א דריטעל מיליאן מארק. די הוצאה — 182 מיט א דריטעל מיליאן מארק. דער פארמעגען 1.318 מיט א האלב מיליאן מארק. זינט דעם יאהר 1903 האט מען שטרענגער גענומען אויסטייטשען דעם בעגריף „אינוואליד“, און מיט גרעסערע שווירינקייטען — בעווייליגען

אינוואלידען־רענטען. דערפאר איז אין יאהר 1907 נור בעוויליגט גע־וואָרען 112,220 נייע רענטען („פענסיעס“), וועהרענד אין יאהר 1903 האָט מען בעוויליגט 152,862 נייע רענטען. אין גאנצען האָבען אין יאהר 1907 געהאלטען אין לויפען 814,575 רענטען.

די צאָהל פון די אלטערס־רענטען, וואס האלטען אין לויפען בע־טרעפט 125,603, דערפון זיינען צוגעקומען אין יאהר 1907 נייע 10,814.

דורכשניטליך בעטרעפט אין יאהר 1906 א אינוואלידען־רענטע 162.88 מארק; אלטערס־רענטע 160.80 מארק פער יאהר.

די דייטשע ארבייטער־פערזיכערונג, מיט וועלכער די לעזער האָ־בען זיך בעקאנט אין די הויפט־שטיכען, איז, בכלל גענומען, זעהר א גראנדיעזע סאציאלע שעפּפונג. „די סומען, וועלכע ווערען יעהרליך איינגענומען און אויסגעגעבען אין דער דייטשער ארבייטער־פערזיכע־רונג זיינען אזוי גרויס — זאגט יאקאָב בראָד — דאס מען וואלט גע־דארפט צונויפנעהמען צוזאמען עסטרייך, פראנקרייך, איטאליען, בעל־גיען און די שווייץ, כדי צו בעקומען אזוינע גרויסע צאָהלען, סיי בכלל און סיי לפי ערך נאָך אויף יעדען איינוואהנער. אויף די פערשיעדענע אינטערנאציאנאלע קאָנגרעסען און אויף די וועלט־אויסשטעלונגען שטעלט צו די דייטשע רעגיערונגס־ביוראָ פאר פערזיכערונג סטאטיס־טישע טאבעלען מכח די אויסצאָהלונגען פון דער דייטשער ארבייטער־פערזיכערונג. פאַך־לייטע לאזען זיך אפילו ניט פארבלענדען די אויגען פון די גרויסע מיליארדען, מיט וועלכע דיעזע טאבעלען שטאָלצירען, אבער זיי מוזען דאָך אנערקענען, די גרויסארטיגע ארגאניזאציאן פון די סאציאלע קרעפטען, וועלכע דריקען זיך אויס אין דיעזע צאָהלען. די אויסגאבען פון דער קראנקען־אונפאל און אינוואלידען־פערזיכערונג פון יאהר 1885 ביז צום סוף 1906 האָבען דערגרייכט פינף מיליארד און זעקס הונדערט מיליאן מארק (5,600,000,000). אין דער זעלבער צייט זיינען פערספענט געוואָרען 500 מיליאָן מארק אויף צו בויען ארבייטער וואהנונגען, סאנאטאריומס און גענעזונגס־היימען.

דער אָנגעזאמעלטער פערמעגען פון דיעזע פערזיכערונגס־אינסטי־טוציאָנען בעטרעפט כמעט צוויי מיליארד מארק“. דאָך, ניט קוקענדיג

אויף דיעזע ריעזען־סומען קומט אויס, אז די אונטערנעהמער צאָהלען פאר דיעזע גאנצע פערזיכערונג דורכשניטליך נור איין האלב פראָצענט פון דעם פרייז פון די סחורות, וואס זיי פראדוצירען. באמת ליגען זיי גאָר ניט צו, ווארום דיעזער האלבער פראָצענט ווערט אריינגערעכענט אין דעם מקח פון די סחורות ווי אלע אנדערע פראָדוקציאָנס־קאָסטען.

די דייטשע ארבייטער־פערזיכערונג האָט געהאט א גוואלטיגע ווירקונג אויף די אנדערע שטאאטען. דאָך אליין פאר זיך גענומען איז זי נאָך ווייט ניט גענוג. זי פערזארגט דעם ארבייטער בשום אופן ניט גענוג אין קיינע פון די פעלע, ווען זי קומט צו הילף. און עס איז געווען צוליעב דיעזען אומשטאנד, צוליעב איהר קמצנות, פאר וואס די דייטשע סאציאל־דעמאָקראטי האט געשטימט געגען דיעזע געזעצען, כאָטש זי האָט שוין זייט יאהר־צעהנדליגע ארויסגעשטעלט די פאָדערונג, אז סיי דער שטאאט, סיי די אונטערנעהמער מוזען איבערנעהמען אויף זיך די פפליכטען צו זארגען פאר די ארבייטער.

דיעזע האלטונג איהרע האָט די סאציאל־דעמאָקראטי זינט דאן אינגאנצען געענדערט. אנשטאָט צו פערווארפען דאס ביסעלע גוטעס, ווייל עס איז ניט גענוג, ווי זי האָט עס געטהאן פריהער, האָט זי אָנגענומען דעם פראַקטישערען וועג: צו פאָדערען וואס מעהר, כדי צו בעקומען כאָטש א ביסעל. זי קעמפפט, זי אגיטירט פאר פערבעסערונגען פון דער פערזיכערונג; מיט אלע כחות שטערט זי יעדע געפלאנטע פארשלעכטערונג, אזוי אז מיט דער צייט איז זי געווארען דער פעסטער זייל פון דער זעלבער ארבייטער־פערזיכערונג, וועלכע זי האָט פערווארפען בעת עס איז געשאפען געווארען.

גראדע איצט קומט אויס דער סאציאל־דעמאָקראטי אנצופיהרען א גרויסען דאָפעלטען קאמפף פאר דיעזע ארבייטער־פערזיכערונג. פון איין זייט פלאנעוועט די רעגיערונג א פונדאמענטאלע ענדערונג און איבערבויאונג פון אלע פיער צווייגען פון דער ארבייטער פערזיכערונג, און ביי דיעזער איבערבויאונג ווערען געמאכט פיעלע ענדערונגען צום שלעכטען. די סאציאל־דעמאָקראטי האָט זיך פארגענומען קיין איין טריט צוריק ניט צו דערלאָזען. פון דער אנדער זייט איז זי די איינציגע, וואס מאהנט הויך, וואס פאדערט שטארק פון דער רעגיערונג און פון

די פּאַרטייען, אַז זיי זאָלען ענדליך האַלטען זייער פערשפּרעכען, און איינפיהרען די פערזיכערונג פון יתומים און אלמנות אויף דעם חשבון פון די פיעל־צעהנדליגע מיליאָנען מעהר איינגאַהמען פון די אָבצאָה־לונגען אויף אויסלענדישע סחורות, ווי עס איז פערשפּראָכען געוואָרען בעת מען האָט איינגעפיהרט דעם איצטיגען הויכען טאַריף מיט 10 יאהר צוריק. וואָרום דאס ,וואס די סאָציאַל־דעמאָקראַטי האָט מיט 20 יאהר צוריק געפונען פאַר צו־ווייניג, איז פאַר די אַנדערע, פאַר די בור־זשואַזנע פּאַרטייען און פאַר די „סאָציאַל־פּאָליטישע" רעגיערונג שוין געוואָרען צו־פיעל, דאס העכסטע וואס זיי האָבען געקענט מיט'ן פרייען ווילען מקריב זיין פון זייערע אינטערעסען, פון זייער קלאַסען־שטאַאט פאַר דאס לעבען, פאַר דאס גליק און פאַר די זיכערקייט פון די אַרביי־טער מאַסען.

א ווייטערדיגער פאָרטשריט איז מעגליך נור דורך דעם קאַמפּף פון די אַרבייטער מאַסען אליין.

3.

די אַרבייטער־פערזיכערונג אין עסטרייך־אונגאַרן.

אויב עסטרייך וועט אין גיכען ענדליך בעקומען א גאַנץ נייע, פיעל־זייטיגע, מאָדערנע, אין פיעלע הינזיכטען זעהר פאָרגעשריטענע סיסטעם פון אַרבייטער־פערזיכערונג — און דערביי האַלט עס — דאַן וועט די דאָרטיגע סאָציאַל־דעמאָקראַטי מיט רעכט קענען שטאָלצירען מיט איהרער א גרויסער ערָאָבערונג. א דאַנק איהרע פאָרדערונגען, א דאַנק איהר אַגיטאַציאָן האַלט די זאַך שוין אזוי ווייט, אַז די רעגיערונג האָט שוין דעם פּאַרלאַמענט צוגעשטעלט א פאַרטיגען פּראָיעקט און, אַז דיעזער פּראָיעקט האָט שוין בראשו וברובו געפונען די צושטימונג פון פּאַרלאַמענט. ווען נים די נייע רייסערייען פון די נאַציאָנען און די נייע שטערונגען און אָבסטרוקציאָנען פון דער פּאַרלאַמענטאַרישער אַרבייט, וואָלטען מיר שוין היינט געהאַט נאָך א צווייטע לאַנד מיט אזא פיעל־פאַכיגע געצוואונגענע, שטאַאטליכע אַרבייטער־פערזיכערונג, ווי

אין דייטשלאנד, און אין פיעל הינזיכטען זאגאר א מעהר פארטגעשרי־טענע.

זייט דעם יאהר 1901 געפינט זיך אין עסטרייך די רעפארם פון דער ארבייטער־פערזיכערונג אויפ'ן וועג. שוין וועניג יאהרען נאך דעם, ווי דארט איז געשאפען געווארען די פערזיכערונג פון די ארבייטער געגען קראנקהייט און אונפאל, האט מען גענומען פיהלען, ווי נויטיג עס איז דיעזע געזעצען צו רעפארמירען. און ווי ניט וועניגער נויטיג עס איז איינצופיהרען א אינוואלידען־און אלטערס־פערזיכערונג. אין יאהר 1901 האט דער דאמאלסדיגער מיניסטער־פרעזידענט פאן קערבער די פראגע אויפגענומען. צו ענדע פון זעלבען יאהר איז דאס נייע געזעץ־פראיעקט שוין במעט ווי פארטיג געוועזן. דאך מעהר ווי צוויי יאהר האט גע־דויערט, ביז די מיניסטארען האבען זיך מישב געוועזן. די ארגאניזירטע ארבייטער האבען גענומען אגיטירען, שיקען פעטישאנס, פאדערען, סטראשענען. דאן, אין פעברואר 1903 האט פאן קערבער פערשפראכען באלד, באלד צו צושטעלען דעם געזעץ־פראיעקט צום פארלאמענט. דאס איז געשעהען ערשט ענדע 1904. דאמאלסט איז דער פראיעקט צו בע־ראטהונג ניט דערגאנגען. אין קורצען האט זיך אנגעהויבען די עפאכע פון דער גרויסער וואהל־רעפארם. און נור ווען עס איז געשאפען געווא־רען א פארלאמענט פון אלגעמיינעם, גלייכען וואהל־רעכט, און די סאַ־ציאל־דעמאקראטי איז דארט אריינגעצויגען אלס די צווייטע־שטארקע פארטיי, האט זי גענומען מאהנען, פאדערען, אונטערטרייבען. און אלס רעזולטאט האט די רעגירונג פון פריים־מיינסטער בעק צוגעשטעלט ענדליך א געזעץ־פראיעקט, וועלכער האט אלע שאנסען אין קורצען צו ווערען א געזעץ.

כדי צו פערשטעהן, ווי גרויס עס איז דער סאציאל פאליטישער פארטשריט אויף דעם געביעט, וועלען מיר קורץ אנאליזירען די איצט־עקזיסטירענדע געזעצגעבונג און די וועלכע שטעהט אויפ'ן וועג צו ווע־רען געזעץ.

ווי אין די מייסטע לענדער, וואס זיינען דורך דעם גאנצען וועג פון מיטעלאלטערליכע ארדנונגען מיט די צעכען און שטאנדען, האט אויך עסטרייך געהאט שוין זייט יאהר־הונדערטע געוויסע אינסטיטו־

ציאנען, וואס האָבען פיעל ווענינ געזארגט פאר די ארימערע קלאסען אין צייט פון קראנקהייט און נויטה. עס האָבען עקזיסטירט פריהער „געזעללאָדען“, צו וועלכע די מיטגליעדער פון די צעכען פלעגען געהערן, צאָהלען געוויסע דיוס און דאן בעקומען הילף אין פאל פון קראנקהייט און אונגליק, אויף צדה לדרך, ווען זיי פלעגען זיך אוועקלאזען זוכען ארבייט אין דער פרעמד.

אין 19טען יאהר־הונדערט, מיט'ן אויפקומען פון קאפיטאליזמוס, האָט די געזעצגעבונג געמוזט אָנהויבען זיך אינטערעסירען אויך מיט די פאבריק־ארבייטער. אבער אזוי ווי אין קאפיטאליסטישער ענטוויקלונג אליין איז עסטרייך זעהר אבגעשטאנען, אז אויך איהר סאציאל־פאָליטישע געזעצגעבונג געוועזן זעהר א הינטערשטעליגע. ערשט אין יאהרען 1859 און 1867 זיינען געמאכט געווארען די ערשטע שוואכע פראבען איינצופיהרען געוויסע פערזיכערונגס־אינסטיטוציאנען אנשטאָט די אלטמאָדישע פערזארגונג דורך טשאריטים און דורך די צעכען. אין די 80גער יאהרען האָבען זיך אָנגעהויבען פיעלע מאָדערנע רעפארם־שטרעבונגען, און דיעזע האָבען זיך געענדיגט מיט דער איינפיהרונג פון קראנקען־און אונפאל־פערזיכערונג, וועלכע זיינען, ווי בעמערקט, נאָך אין קראפט עד־היום, כאָטש זיי שטעהען שוין אויפ'ן וועג צו ווערען א היסטאָרישע פערגאנגענהייט אין זייער אלטער פאָרמע.

1) קראנקען־פערזיכערונג. די רעגולירונג פון דער קראנקען־פערזיכערונג רוהט אין עסטרייך אויף דער גרונד־לאגע פון געזעץ פון 30טען מערץ 1888 און דעם אמענדמענט פון 4טען אפריל 1889. דאָס געזעץ אנערקענט פאר געוויסע שיכטען די געצוואונגענע פערזיכערונג; פאר אנדערע נור א רעכט זיך צו פערזיכערען, אויב זיי געפינען עס פאר נויטיג. געצוואונגען זיך צו פערזיכערען זיינען די ארבייטער אויף די גרעסערע אונטערנעהמונגען אין אינדוסטרי, בערגבוי, אייזענבאהנען און שיפפאהרט, אהן אונטערשיעד ווי הויך זייער לוין איז, צו זיי ארבייטען שטענדיג אדער ניט, און צו זיי זיינען שוין פארטיגע ארבייטער, אָדער נאָך לעהרלינגע. אָנגעשטעלטע פון דער רעגיערונג זיינען אויסגעשלאָסען.

דאס רעכט אויף פערזיכערונג האָבען ארבייטער און אנגעשטעלטע

אין דער לאנדווירטשאפט און אין דער הויז־אינדוסטרי, אויב די בעלי־בתים און די ארבייטער זיינען מושוה וועגען דעם.

די פערזיכערטע קענען געהערען צו איינע פון די זעקס עקזיסטירענדע סארטען קראנקען־קאסען. דיעזע קראנקען־קאסען זיינען געגליעדערט נאך דער טעריטאריע, אזוי אז מענשען פון פערשיעדענע פראפעסיאנען קענען געהערען צו דער זעלבער קאסע פון א בעשטימטען דיסטריקט; דיעזע אלע קאסען געפינען זיך אונטער שטרענגער קאנטראלע פון רעגיערונגס־בעאמטע. זיי האבען אבער א בעדייטענדען פעלד פון זעלבסט־פערוואלטונג, מיט גענעראל־פערזאמלונגען, עקזעקוטיוועס און קאנטראל־קאמיטעס, אין וועלכע די ארבייטס־געבער דארפען יעדענפאלס ניט האבען מעהר ווי א דריטעל פון אלע שטימען.

די קראנקען־פערזיכערונג מוז צאהלען וועניגסטענס: 1) אין פערלויף פון 20 וואכען פריע דאקטארשע בעהאנדלונג, אריינגערעכענט אין דעם אויך אן אקושאר פאר קימפעטארינס און מעדיצינען, 2) אויב די קראנקהייט פערציהט זיך מעהר ווי דריי טעג און דער קארנקער איז ניט אימשטאנד צו געהן צו דער ארבייט, דאן בעקומט ער פון דעם ערשטען טאג אן, אין פערלויף פון 20 וואכען א קראנקען בענעפיט פון 60 פראצענט פון דעם לוין פון א געוועהנליכען טאג־ארבייטער. די הויך פון דעם לוין ווערט פון צייט צו צייט בעשטימט דורך די פאליטישע אדמיניסטראציאן פאר יעדען דיסטריקט.

אויב דער קראנקער געהט אוועק אין א האספיטאל אויפ'ן חשבון פון דער קראנקען־קאסע, דאן דארף זיין פאמיליע בעקומען וועניגסטענס א העלפט פון בענעפיט.

קימפעטארינס בעקומען ביי נארמאלע געבורטען פיער וואכען נאך דער געבורט סיי ערצטליכע הילף, סיי קראנקען־בענעפיט.

ווען א קראנקער שטארבט, ווערט אויסגעצאהלט פאר קבורה־הוצאות דער לוין פון 20 טעג.

די מיטלען ווערען געשאפען: צוויי דריטעל פון די פארזיכערטע ארבייטער און איין דריטעל פון די אונטערנעהמער. דער אונטערנעהמער ציהט אב פון דעם ארבייטערס לוין די פערזיכערונגס־דיוס. ביי פרייוויליגע פערזיכערונג פאלט די גאנצע לאסט אויף די פערזיכערטע.

אין יאהר 1906 האָבען אין עסטרייך זיך געפונען 27.3 מיליאָן איינוואהנער, דערפון ארבייטער 10 מיליאָן. קראנקען־קאסען 2.900 מיט אַן ערך פון 3 מיליאָן מיטגליעדער. פון יעדע 100 מיטגליעדער זיינען 51.9 פּראָצענט קראנק געווארען אין פערלויף פון יאהר. דורכשניטליך איז אויסגעקומען 17.3 טעג קראנקהייט אויף יעדען קראנקען. אין יאהר 1905 האָבען די הוצאות בעטראָפען 43.7 מיליאָן מארק. אויף יעדען קראנקען — 37.5 מארק, ד. ה. 1.70 מארק אַ טאָג.

אין אונגארן איז די צוואנגס־פערזיכערונג רעגולירט געווארען פאר בעשעפטיגטע אין אונדוסטרי און האנדעל, וועלכע פערדיענען ביז 2.000 מארק אַ יאָהר, דורך דעם געזעץ פון 1907. פרייע פערזיכערונג פאר בעשעפטיגטע אין לאנדווירטשאַפט און הויז־אינדוסטרי און אנדערע ניט־פערפפליכטעטע. די לאסט טראָגען די ארבייטער און ארבייטגעבער אויף גלייך צוהעלפט. זי צאָהלט אויך צוואנציג וואָכען ערצטליכע בעהאנדלונג און קראנקען־געלד.

אין אונגארן האָבען זיך געפונען אין יאהר 1906 20.5 מיליאָן איינוואהנער. דערפון 3.2 מיליאָן לוין־ארבייטער. די 440 לאנדעס־קאסען האָבען געהאט 800 טויזענד מיטגליעדער. הוצאות פאר יעדען קראנקען זיינען אויסגעקומען 37 מארק, ד. ה. 2.2 מארק אַ טאָג.

2) אונפאַל־פערזיכערונג. דיעזע פערזיכערונג איז רעגולירט געוואָרען אין עסטרייך דורך דאָס געזעץ פון 28טען דעצעמבער 1887. דאָס איז אַ צוואנגס־פערזיכערונג און די גרעסערע אונטערנעהמונגען פון דער אינדוסטרי (נים אבער אין די מיטעלסטע און קלענערע אונטערנעהמונגען) פאר בעשעפטיגטע, וואָס פערדיענען אונטער 2,000 מארק אַ יאָהר.

אין אונטערשיעד פון דייטשלאנד זיינען דאָ די אונפאַל־פערזיכערונגס קאסען אויך איינגעטהיילט ניט נאָך די אינדוסטריען, זאָנדערען נאָך די טעריטאָריעס; איין פערזיכערונגס־אנשטאלט, געוועהנליך, פאר יעדע קרוין־לאנד.

פון דיעזע קאסען ווערט געצאהלט אין פאַל פון אַן אונגליק ביי דער ארבייט פון דער 5טער וואָך אָן נאָך דעם אונגליק העכסטענס 60 פּראָצענט פון זיין יאהרעס־פערדיענסט, אויב ער איז גאר ניט מעהר

פעהיג צו ארבייטען; אויב ער קען נאָך וועלכע עס איז ארבייט טהאָן, דאַן בעקומט ער העכסטענס 50 פראצענט פון זיין פערדיענסט, אבער עס ווערט ניט געגעבען קיין פרייער ארצט און ניט קיין מעדיצין. פאלס דער פעראונגליקטער שטארבט, דאן ווערט אויסגעצאהלט אויף קבורה־הוצאות ניט מעהר ווי 25 גולדען און א פענסיע („רענטע") פאר אלמנות מיט קינדער צוזאמען העכסטענס 50 פראָצענט פון פערדיענסט פון דעם פערשטאָרבענעם אין לעצטען יאָהר. צו עלטערען העכסטענס 20 פראָצענט. מעהר ווי 1.200 גולדען א יאהר ווערט בשום אופן ניט געצאָהלט פאר די יורשים פון אן ארבייטער און ניט מעהר ווי 300 גולדען פאר די יורשים פון א לעהרלינג.

פון די קאסטען פון דיזער פערזיכערונג טראָגען די אונטערנעהמער 90 פראצענט, די ארבייטער — 10 פראצענט. אזוי ווי די פערשיעדענע אינדוסטריען שטעלען מיט זיך פאר פערשיעדענע שאנסען פון געפאהר, דערפאר זיינען אלע אינדוסטריען איינגעטהיילט אין 10 גרופען, לויט דער גרויס פון דער ריזיקא. אָננעהמען מיטלען צו פערהיטען אונגליקען קענען די פערזיכערונגס־קאסען ניט.

408,622 אונטערנעהמונגען, וועלכע בעשעפטיגען 2,8 מיליאן פערזאָנען, וואס זיינען געצוואונגען זיך צו פערזיכערען, האָבען אין יאהר 1905 געהערט צו דיעזע קאסען. אויסגעצאָהלט זיינען געווארען 19,2 מיליאן מארק צו 968, 62 פאר אונגליקטע, און צו 7475 אלמנות, 806 עלטערען און 10,247 קינדער.

אין אונגארן איז די אונפאל־פערזיכערונג איינגעפיהרט געווארען כמעט איינגאנצען נאָכ'ן דייטשען מוסטער, נור מיט קליינע ענדערונגען צו ערגערן.

זינט דעם יאהר 1890 ביז דעם יאהר 1905 האָבען די קראנקען־קאסען איינגענומען אין עסטרייך 675 מיליאן קראָנען און אויסגעגע־בען 633 מיליאן. אין די זיעבען טעריטאָריאלע אנשטאלטען פון אונ־פאל־פערזיכערונג איז אין דער זעלבער צייט איינגענומען געווארען 309 מיט א דריטעל מיליאן קראָנען. די הוצאות, וואס די אונטערנעה־מונגען האָבען דערביי געהאט בעטרעפען קוים איין פיערטעל פראָצענט פון דעם ווערטה פון די סחורות, וואָס זיינען אין זיי געשאפען געוואָרען.

־־ע־ רעפאָרם־פּראָיעקט פון דער רעגיערונג בנגוע צו דער קראַנקען־פּע־זיכערונג שטרעבט דערצו, אַז דער פערזיכערונגס־צוואַנג זאָל זיך בעציהען אויף אַלע ארבייטער און אַנגעשטעלטע, וועלכע פערדיענען ניט מעהר ווי 2.400 קראָנען א יאהר. דורך דעם, רעכענט די רעגיערונג, אַז די צאָהל פון די פאַרזיכערטע וועט זיך פערדאָפּלען פון דריי מיליאָן אויף זעקס מיליאָן. קראַנקען־בענעפיט זאָל נאָך דיעזען פּראָיעקט אויסגעצאָהלט ווערען ניט 20 וואָכען, זאָנדערן א גאַנץ יאהר. די פערזיכערטע זאָלען איינגעטהיילט ווערען אין 6 קלאַסען, לויט דעם לוין וואָס זיי בעקומען: די וואָס בעקומען 80 העלער א טאָג געהערען צו דער ניעדריגסטער קלאַסע, די וואָס בעקומען 4 קראָנען א טאָג געהערען צו דער העכסטער קלאַסע. די שוואַכע זייטען פון דיעזער געפּלאַנעוועטער רעפאָרם בעשטעהען אין איהרע פּאָליטישע שטרעבונגען און ציעלען, וועלכע געהען אין דער ריכטונג אוועקצונעהמען ביי דער אינדוסטריע־ארבייטער זייערע זעלבסטשטענדיגע קראַנקען־קאַסען־אָרגאַניזאַציאָנען, און זיי צומישענדיג מיט די לאַנדווירטשאַפטליכע אַרבייטער, זיי שטעלען אין דער לאַגע פון א שטענדיגער מינאָריטעט. אויסער דעם, די גאַנצע זאַך בכלל ארונטערצושטעלען צופיעל אונטער דער דעה פון די רעגיערונגס־בעאַמטע. פאַר דעם גרעסערן טאָפּ לינזען, וואָס די רעגיערונג שלאָגט פאָר וויל זי אוועקנעהמען ביי די פערזיכערטע ארבייטער די בכורה פון זעלבסט־פערוואַלטונג.

די רעפאָרם פון דער אונפאַל־פערזיכערונג איז געוואָרען אין עסטרייך א לעבענס־נויטהווענדיגקייט דורך דעם אַליין, ווייל ווי די זאַך איז איצט אָרגאַניזירט, וואַקסט דער דעפיציט זעהר שנעל. ער האָט שוין אין יאהר 1907 געהאַלטען ביי 70 מיליאָן קראָנען. די רעגיערונג זוכט אין דעם רעפאָרם־פּראָיעקט אנצואווענדען די פערשיעדענסטע מיטלען ווי פינאַנציעל פעסט און געזונד צו מאַכען דיעזע פערזיכערונגס־אינסטיטוציאָנען. אויף קיין נייע קרייזען ווערט די פערזיכערונג ניט אויסגעשפּרייט. דערפאַר זיינען פאָרגענומען געוויסע פאַרבעסערונגען ביים בעשטימען און אויסצאָהלען די רענטע.

דאָך, די הויפּט־געוויכט פון דער גאַנצער רעפאָרם ליעגט ניט דאָ, זאָנדערן אין דער שאַפונג פון די פערזיכערונגס־פאָרמען, וועלכע

פעהלען ער־היום נאָך אינגאנצען אין עסטרייך, נעמליך, אין דער שאַ־פונג פון עלטערס־און אינוואלידען־פערזיכערונג, וועלכע איז אייגענט־ליך די אמת'ע סאציאל־פערזיכערונג. דער געזעץ־פּראיעקט וועגען דיזע פערזיכערונג ווערט פון דעם בעוואוסטען עסטרייכישען סאציא־ליסטישען שריפטשטעלער אדאָלף בראון כאראקטעריזירט אלס דאס „איינערזייטס און אנדערזייטס פון קליין־בירגער". „פון איין זייט ענטהאלט דיזער געזעץ־פּראיעקט, וועלכער איז דורך די סאציאל־דעמאָקראטי אויפגעפאדערט געווארען, פון איהר בעאיינפלוסט געוואָ־רען אין זיין בעשאפען ווערען, און איז אין זיין וואוקס פון דעם אר־בייטס־ראטה פאָרמולירט געווארען, א גאנצע רייהע פון מעלות, וועלכע צייכנען איהם אוים סיי דורך זיין אויסערליכען אויפבוי און סיי דורך זיינע אויפטהוואונגען פון די עהנליכע געזעצען אין אנדערע לענדער. עס פיהלט זיך אין איהם דער סאָציאל־דעמאָקראטישער איינפלוס און צו דער זעלבער צייט ענטהאלט דיזער געזעץ־פּראָיעקט פיעלעס, וואָס ווייזט אויף דעם איינפלוס און אויף די מאכט פון דער גרעסטער פּארטיי אין עסטרייכישען פּארלאמענט, פון די קריסטליך־סאָציאלע".

„דער קערן פון דיזען געזעץ־פּראיעקט" — זאגט בראון — איז א געזונדטער", נור דער קריסטליך־סאציאלער איינפלוס האָט זיך אויסגעדריקט אין צוויי שאטענזייטען. ערשטענס אין דעם, וואָס ער וויל צוזאמענמישען די פערזיכערונג פון זעלבסטשטענדיגע מענשען מיט דער פערזיכערונג פון ארבייטער. צווייטענס, ביי דער ארגאניזי־רונג פון דיזער פערזיכערונג זוכט דער פּראיעקט אוועקצונעהמען ביי די ארבייטער דעם גרעסטען טהייל פון דער זעלבסט־פערוואלטונג. און דאס ווערט געטהאָן הויפּטזעכליך מיט דעם צוועק צו פערהיטען, דאס די סאציאל־דעמאָקראטי זאל קיין איינפלוס ניט האָבען אויף די פיה־רונג פון די קאסען. די פערזיכערונג פון זעלבסטשטענדיגע פּערזאָנען מיט קליינע הכנסות ווערט אפילו געפאָדערט פון די סאציאל־דעמאָ־קראטען אויך. אבער זי טאָהר ניט צומישט ווערען מיט דער ארבייטער־פערזיכערונג, ווייל די ריזיקא איז דא א גאנץ אנדערע און „די קונסט פון יעדען ארגאניזאטאָר פון א פערזיכערונג בעשטעהט אין דעם,

אבצואוואויגען די פערשיעדענע ריזיקאס, צו געפינען די גלייכארטיגע ריזיקאס און אָבזונדערען די פערשיעדנארטיגע".

די עלטער־און אינוואלידען־פערזיכערונג זאל נאָך דיעזען פראָ־יעקט זיך באציהען אויף די זעלבע קרייזען ווי די קראנקען־פערזיכע־רונג, ד. ה. פאקטיש אויף אלע לוין־ארבייטער און אינדוסטרי, האנדעל, אין קליין און גרוים אונטערנעהמונגען, אין לאנדווירטשאפט און אויף אויף דיענסט־באטען. די פענסיעס (רענטען) זאל באטרעפען פון 120 קראָנען א יאהר ביז 510 (נאָך 40 יאהר איינצאָהלונג אין דער העכ־סטער קלאסע). דיעזע רענטע בעשטעהט פון א גרונד־סומע און נאָך א צוגאָב־סומע, לויט די צאָהל פון די איינגעצאָהלטע וואכען. א פער־זיכערונג פון אלמנות און יתומים איז ניט פאראויסגעזעהען; אנשטאָט דעם, דארף מען זיי אבפארטיגען מיט א קליינעם קאפיטאל: די אלמנות זאלען בעקומען אזוי פיעל, וויפיעל עס בעטרעפט די גרונד־סומע פון דער פענסיע פאר דריי יאהר און פאר יעדעם קינד ביז 15 יאהר אלט א העלפט פון דיעזע סומע. דאס רעכט אויף פענסיע ווערט ערוואָרבען נאָך א ווארטע צייט. פאר די אינוואלידען־רענטע דארף מען איינצאָהלען וועניגסטענס 200 וואכען; פאר עלטערס רענטע — וועניגסטענס 1.200 וואכען. דיעזע רענטע הויבט זיך אן צו צאהלען נאָך דעם 70טען לעבענס־יאהר.

דער שטאאט צאָהלט צו פון זיין טרעזשורי כמעט דאָפעלט ווי אין דייטשלאנד, נעמליך 90 קראנען א יאהר, און די הוצאות פאר די פערוואלטונג. אין גאנצען זאל, ווי מען רעכענט, דער שטאאט דארפען צולייגען יעהרליך 42,8 מיליאן קראָנען. די איבריגע צאָהלונגען ווערען געטהיילט אויף גלייכע חלקים צווישען ארבייטער און ארבייטס־געבער.

דיעזע פענסיע איז, ווי בראון בעמערקט, ווייט ניט דאס, וואס די ארבייטער פערדיענען געוועהנליך. אפילו מיט די העכסטע פענסיע וועלען די ארבייטער זיך מוזען ענטזאגען פון א סך געוואהנהייטען, צו וועלכע זיי זיינען געווען געוואהנט פערדיענענדיג אליין. דאָך וועלען די עסטרייכישע ארבייטער בעקומען, ווען דער געזעץ זאל דורכגעהן, פיעל מעהר ווי די דייטשע און ענגלישע עלטער פערזיכערונג נימ.

די עלטער־און אינוואלידען־פערזיכערונג איז, ווי מיר זעהען אפילו אין איהר פארטגעשריטענער פארמע, נאָך אלץ ניט בכח צו פערזארגען באמת די ארבייטער. דאָך, כאראקטעריסטיש פאר די שטי־מונג פון דער צייט איז די האלטונג פון דער עסטרייכישער סאָציאל־דעמאָקראטי צו דיעזען געפלאנטעטען געזעץ אין פערגלייך צו דער האלטונג פון דער דייטשער סאציאל־דעמאָקראטי אין יענער צייט, ווען מען האָט דאָרט איינגעפיהרט די ארבייטער־פערזיכערונג. דער גע־זונדטער קערנדעל פון געזעץ איז דורך די ארומיגע שאלאכץ מיט גיפט צומישט און קראנקהאפט געווארען, דאָך די סאָציאל־דעמאָקראטי איז ווייט פון געדאנקען דעם געזעץ צו פערווארפען, פארקעהרט, זי טענה'ט אז מען קען דאָך ניט ערווארטען פון דעם סאָציאליסטישען שטאאט און א פארלאמענט, אין וועלכען די פערטרעטער פון די ארבייטער זיי־נען קוים א פינפטעל, פיעל בעסערס, און דערפאר מוזען די ארבייטער־פערטרעטער, אנשטאָט צו פערווארפען דאָס געזעץ, „זעהען אָנשטרענגען אלע מיטלען איהם דורכצופיהרען אין דער פאָרמע, אין וועלכע עס לאזט זיך... „צו פערלאנגען פון היינטיגען שטאאט מעהר וויפיעל מען קען פון איהם ערווארטען, הייסט ניט פערשטעהן די קאפיטאליסטישע אָרדנונג" — אזוי שרייבט ניט א רעוויזיאניסטישע צייטונג, נור טאקע דער רעוואָלוציאָנערער וויסענשאפטליכער אָרגאן פון דער עסטרייכישער סאציאל־דעמאָקראטי — דער „קאמפף".

4.

ארבייטער־פערזיכערונג אין פראנקרייך.

די לאנד, וואו די פראגע וועגען ארבייטער־פערזיכערונג האָט פערשאפט אם מייסטען קאָפּ־דרעהעניש און טראָבעל צו די פערטרע־טער פון די ארבייטער־אינטערעסען, צו דער סאציאל־דעמאָקראטי איז פראנקרייך. אין פראנקרייך שטעהט איין פארמע פון ארבייטער־פער־זיכערונג — די עלטער־פערזיכערונג, שוין מעהר ווי 3 יאהר־צעהנד־ליגע אויפ'ן „טאגעס־אָרדנונג", און שוין א יאהר־צעהנדליג ווי דער געזעץ־פּראָיעקט וועגען דיעזער פארמע פון פערזיכערונג האלט אין

איין פערענדיגט ווערען. און צום סוף... „דער וואגען איז נאָך היינט אויף דארט“. די פענסיע פאר די אלטע לייט איז נאָך אלץ א גזעץ־פּראָיעקט. די בורזשואזנע פארטייען אין ביידע געזעצגעבענדע קערפערשאפטען, צוזאמען מיט דער רעגיערונג וואלטען זיך שוין ווי עס איז געאייניגט, נור די צוויי צווייגען פון דער ארבייטער־בעוועגונג: די סאציאליסטישע פארטיי און די סינדיקאליסטישע (געווערקשאפטליכע) ארגאניזאציאנען קענען וועגען דער פראגע ניט מושוה ווערען. די סאציאליסטישע דעפוטאטען זיינען אין פראנקרייך, נאָך מעהר ווי אין עסטרייך, אייפריגע מיטארבייטער ביי דער שאפונג פון דער פערזיכערונג און מיטקעמפּפער פאר די ענדליכע דורכפיהרונג פון דעם פארגעשלאָגענעם געזעץ, ניט קוקענדיג אויף אלע זיינע פעהלערען. און — ווי עס האָט געוויעזען דער בעשלוס פון דעם לעצטען, אין פעברואר 1910 אבגעהאלטענעם פארטיי־טאג — געפינט זי אין דיעזער האלטונג איהרער די אנערקענונג און שטיצע פון דער מאיאָריטעט פון דער סאציאליסטישער פארטיי. די סינדיקאליסטען אבער, אין זייער פעראכטונג צו דער פארלאמענטארישער טהעטיגקייט בכלל און אין זייער ראָמאנטישען „רעוואָלוציאניזם“ האָבען אויפגעהויבען א שטארקע אגיטאציאן געגען דעם געזעץ־פּראיעקט צוליעב זיינע פעהלערען.

דיעזער געזעץ־פּראָיעקט שלאָגט פאָר די איינפיהרונג פון געצוואונגענער עלטער־פערזיכערונג — ניט אבער פון אינוואלידען־פערזיכערונג. דאס רעכט אויף פענסיע דארף אין פראנקרייך זיך אָנהויבען מיט 5 יאהר פריהער ווי אין דייטשלאנד, עסטרייך און ענגלאנד. נעמליך, פון 65טען לעבענס־יאהר אָן. אבער דערפאר זיינען די פענסיעס — בעזונדערס אין די ערשטע 40 יאהר — בעדייטענד קלענערע. די פענסיעס באטרעפען אין דיעזער ערשטער פעריאָדע נור פון 60 ביז 120 פראנק א יאהר. ערשט אין 40 יאהר ארום, ווען עס וועט זיך אָנקלייבען א גרויסער קאפיטאל — פון די אבצאהלונגען פון די ארבייטער און אונטערנעהמער — ערשט דאן וועט די פּרעמיע געהעכערט ווערען ביז 360 פראנק א יאהר. בעדייטענד קלענער איז אויך די צוצאָהלונג פון שטאאטס־קאסע שוין איצט, און די אידעע איז, אז שפּעטער

זאל די שטאאטס־קאסע גאר ניט דארפען צוצאהלען. דערפאר אבער װעלען די ארבייטער דארפען צאהלען צו ניין פראנק א יאהר פון יעדען ערװאקסענעם ארבייטער, זעקס פראנק פון יעדער ארבייטס־פרוי און פיער און א האלב פראנק פון יעדען מינדער־יאהריגען ארבייטער. די אבצאהלונגען דארפען געמאכט װערען פון ערשטען טאג אן. די אויס־צאהלונגען אבער אין בעדייטענדע סומען, ערשט פון 40 יאהר ארום. דערװייל זאל זיך אנקלייבען א גרויסער קאפיטאל פון צינזען און צינז־צינזען. דיעזער פרינציפ פון „קאפיטאליזאציאן“ איז עס װאס רופט ארויס דעם גרעסטען װידערשטאנד פון די ארבייטער. אויך געגען דעם װאס די פענסיע הויבט זיך אן נאכ'ן 65טען לעבענס־יאהר פראטעס־טירען די ארבייטער, װארום די סטאטיסטיק װייזט, אז נור 8 פראצענט פון די ארבייטער דערלעבען צו אזא עלטער אין פראנקרייך. די איבריגע 92 פראצענט װעלען מוזען צאהלען אומזיסט. דאס פרינציפ פון צאה־לען געפעהלט אויך זעהר שטארק ניט די ארבייטער, װעלכע פאדערען אז דער שטאאט זאל פאר דיעזע פפליכט זיינע צאהלען און ער זאל נעהמען די נויטיגע מיטלען פון פערשיעדענע טעקסעס אויף די פארמע־גענדע קלאסען. די פערטהיידיגער צװישען דער סאציאל־דעמאקראטי אין פראנקרייך טענה'ן אבער, אז נאך אזא לאנגע פערשלעפעניש איז נויטיג צו מאכען איין מאל שוין א סוף דערצו. זאל כאטש דאס װערען א געזעץ, דאן װעט זיין פיעל לייכטער דורכצופיהרען פערבעסערונגען אין דיעזען געזעץ, איידער איצט, װען די גאנצע זאך שטעהט אין גע־פאהר. די מאיאריטעט אויפ'ן לעצטען פארטיי־טאג, צושטימענדיג צו דיעזער ריכטונג, האט אויך פארפפליכטעט די סאציאליסטישע דעפו־טאטען באלד ארייִנצוטראגען פארבעסערונגס־פראיעקטען.

אט דיעזער, בעצם ארימזעליגער, געזעץ איז עס, װאס איז ארויסגעשטעלט געװארען פון די בורזשואזנע פארטייען אלס א געװאלטיגע סאציאל־רעפארמאטארישע פראגראם, און איהם דורכצו־ברייִנגען איז עס אזוי שװער, װי קריעת ים־סוף. כדי צו פערשטעהן, פאר װאס דאס איז אזוי, מוז מען געדענקען, אז „די געזעצגעבונג אויף דעם געביעט פון ארבייטער־פערזיכערונג איז אין פראנקרייך געשאפען געװארען אונטער דער טראדיציאנעלער נאכװירקונג פון די אידעען,

וואס זיינען איבערגענומען געווארען פון דער גרויסער רעוואלוציאָן מכח פרייהייט און גלייכהייט. דיעזע אידעען זיינען געווען אינדיווידואליסטיש, אנטי־סאציאל, און דערפאר איז די בעקעמפפונג פון נויטה איבערגעלאזען געווארען צו דער זארג פון די יחידים, אדער צו דער געמיינזאמער זארג פון פרייוויליגע פערזאָנען, וועלכע דער שטאאט האָט נור ביסלעכווייז אנגעהויבען אנצוערקענען און זאגאר צו שטיצען. ערשט אין דער גאנץ נייער צייט האָט פראנקרייך אויך זיך פארקירעוועט אויפ׳ וועג פון מאָדערנער סאָציאל־פאליטיק״ (זאבער).

דיעזעס „פארקירעווען אויפ׳ן וועג פון מאָדערנער סאציאל־פאָליטיק״ איז אבער פאר די פראנצויזען זעהר א שווערער פראצעס. דער איצטיגער געזעץ־פראיעקט מכח די פענסיעס אויף דער עלטער, איז ניט דער איינציגער געזעץ, וואס שפאציערט יאהרען ארום צווישען ביידע געזעצגעבענדע קערפערשאַפטען. דאס רעפארם־געזעץ מכח די הילפס־פעראיינען האָט ארומשפאצירט צווישען פארלאמענט און סענאט פון יאהר 1881 ביז 1888. דאס געזעץ פון 9טען אפריל 1888 מכח אונפאל־פערזיכערונג האָט געפאָרדערט א 20־יאהריגע פארבערייטונג. און אונצעהליגע פארשלעגע זיינען אין פערלויף פון 3 יאהר־צעהנדליגע געמאכט געווארען, איידער מען האָט אין יאהר 1901 זיך פרינציפיעל געאייניגט וועגען דעם, אז די אויסצאָהלונגען פון פענסיעס אויף דער עלטער דארפען זיין געגרינדעט אויף דעם פרינציפ פון געזעצליכען צוואנג. גאנצע 40 געזעץ־פראָיעקטען זיינען מכח דעם שוין אויסגעארבייט געוואָרען.

די געשיכטע פון דער ארבייטער־פערזיכערונג אין פראנקרייך איז געגאנגען אויף אַן אנדער וועג, ווי אין דייטשלאנד און עסטרייך. דאָרט איז די היסטאָרישע קייט צווישען די מיטעלאלטערליכע צעך־אָרגאניזאציאָנען און קאסען און דער מאָדערנער פערזיכערונג — ווי מיר האָבען געזעהען אין די פריהערדיגע קאפיטלען — ניט איבערגעריסען געווארען אין גאנצען. אין פראנקרייך אבער האָט דער בעזים פון דער גרויסער רעוואלוציאָן אויסגעקעהרט און אויסגערייניגט ביז׳ן גרונד אלע רעשטען פון די מיטעלאלטערליכע צעך־ארגאניזאציאנען און זייערע פערזארגונגס־אנשטאלטען. קיינע אנדערע ארגאניזאציאנען זיי־

נען אויף זייער פּלאַטץ ניט געשאפּען געווארען. פּארקעהרט, פּראָפּע־
סיאָנעלע פערײנען זיינען בכלל געווען פערבאָטען. כדי צו בעשיצען
זיך ווי עס איז נעגען נויטה און קראנקהייט, האָבען די ארבייטער־
מאסען גענומען שאפען פּריוואט־פעראיינען פאר געגענזייטיגע הילף,
און זיי זאגאר געהאלטען געהיים.

ערשט אין יאהר 1834 איז דורך דעם נייעם געזעץ מכח פעראיי־
נען ערלויבט געוואָרען צו גרינדען אזוינע פעראיינען; דאָך האָט די
רעגיערונג געהאט א רעכט זיי צו פערמאכען צו יעדער צייט. ביז צום
יאהר 1848 זיינען געשאפען געווארען 1,088 הילפס־פעראיינען. אבער
דיעזע פעראיינען, פון קיינעם ניט קאנטראלירט, און ניט זייענדיג גע־
צוואונגען צו געבען וועלכע עס איז גאראנטיען, פלעגען פּלאצען ווי
זייפענבלאָזען. עס איז דערפאר געווארען אלץ קלאָהרער, אז דער
שטאַאט מוז זיך ארײנמישען אין דער זאַך.

דאס געזעץ פון 15טען יולי 1850 איז געווען עפּאָכע־מאכענד
פאר די רעגולירונג פון דער ארבייטער־פערזיכערונג אין פראנקרייך:
די אין יענעם געזעץ פעסט־געלעגטע פּרינציפּען און די דאמאָלסט־גע־
גרינדעטע ארגאניזאציאן זיינען נאָך היינט אין קראפט און ביז דעם
יאהר 1898, ווען עס איז פארגענומען געווארען די גרויסע רעפאָרם
אין דער ארבייטער־פערזיכערונג, זיינען זיי קוים בעדייטענד געענ־
דערט געווארען.

דער הויפּט־פּרינציפּ פון דער ארבייטער־פערזיכערונג אין פראנק־
רייך איז די פרייוויליגקייט. דיעזע פרייוויליגע פערזיכערונג איז גע־
פּלאנעוועט געווארען ניט נור פאר ארבייטער, זאָנדערען פאר יעדען
בירגער. דער שטאַאט פון זיין זייט האָט געשאפען קאסען, פערוואל־
טעט די קאסען, פון זיין טרעזשורי זאָגאר דערלייגט צו זיי ניט קיין
בעדייטענדע סומען, און האָט איבערגעלאזען צו דעם פרייען ווילען פון
די בירגער דיעזע רעגיערונגס־קאסען צו בענוצען, אדער צו גרינדען
פּריוואטנע הילפס־פעראיינען.

פון די 39 מיליאן איינוואהנער פון פראנקרייך האָבען אין יאהר
1904 די הילפס־פעראיינען פאר קראנקען־פערזיכערונג געהאט 3,5
מיליאן מיטגליעדער. צוואנגס קראנקען־פערזיכערונג עקזיסטירט פון

יאהר 1894 אָן נור פאר מאַינערס. זיי האָבען געהאט אין 1904 199 קאסען מיט 205 טויזענד מיטגליעדער.

די אריגינעלע גרינדונג פון פראנצויזישען שטאַאט אויף דעם געביעט פון דער ארבייטער־פערזיכערונג איז די גרינדונג פון פערשיע־דענע רעגיערונגס־קאסען. פון זיי איז די עלטעסטע די עלטערס־רענטען קאסע, וועלכע איז געשאפען געווארען דורך דעם דערמאָהנטען געזעץ פון 1850 און נאכהער איינינע מאָל רעפארמירט געווארען. דיעזע קאַסע דיענט צום צוועק דורך פרייוויליגע איינצאָהלונגען צו זיכערען פאר זיך א הכנסה אויף דער עלטער. נאָך א בעשטימטען טאַריף קען יעדעס יאהר איינגעצאהלט ווערען א געוויסע סומע, כדי נאכהער, פון 50טען יאהר אָן אבצונעהמען יעדען יאהר א ענטשפרעכענדע רענטע. דיעזע קאַסע איז אבער געשאפען ניט נור פאר ארבייטער, זאנדערען פאר אלע בירגער מיט קלענערע הכנסות: דער שטאַאט האָט אין אָנ־פאנג פון זיין קעשענע נור אויסגעלייגט אויף די פערוואלטונג פון דער קאַסע אין פאריז. ערשט דורך דאס געזעץ פון 31טען דעצעמבער 1895 ווערט אנערקענט דער פרינציפּ, אז דער שטאַאט דארף צו די פענסיעס גופא וויפיעל ניט איז דערלייגען... אבער דער גאנצער צושוס איז דערוויל זעהר א אונבעדייטענדער: עס ווערען אבגעלאזען יעהרליך 2 מיליאָן פראנק, כדי צו דערלייגען דערפון ביז 360 פראנק יעהרליכע פענסיע צו אזוינע אלטע לייט, וועלכע זיינען שוין איבער 70 יאהר אלט, האָבען 25 יאהר געצאהלט אין דער קאסע, און האָבען קיין אנדערע הכנסות ניט, אויסער דיעזע פענסיע.

אן אנדער געזעץ פון 27טען דעצעמבער 1896 האָט געשאפען פאר די פערשיעדענע הילפס־קאסען, אונטערשטיצונגס־קאסען און פענסיאָנס־קאסען צו גונסטען פון די ארבייטער און אנגעשטעלטע די מעגליכקייט צו מאכען זייערע פערמעגענס זיכער, דורך דעם, וואס זיי קענען דעפּאזיטען זייערע פערמעגענס ביי דער רעגיערונגס־קאסע אונ־טער געוויסע גינסטיגע בעדינגונגען.

די לעבענס־פערזיכערונגס־קאסע, וועלכע איז געשאפען געווארען דורך דעם געזעץ פון 11טען יולי 1868, נעהמט אָן די פארפפליכטונג אויסצוצאהלען נאָכ'ן טויט סומען ניט העכער ווי 3.000 פראנק. די

פרעמיע דאפיר קען בעצאהלט ווערען מיט אמאָל אדער יעהרליך. קיין דאקטאָר־אונטערזוכונג ווערט ניט געפאדערט ביי דער פערזיכערונג, נור אויב דער פערזיכערטער שטארבט אין פערלויף פון די ערשטע 2 יאהר, דאן בעקומען די יורשים אויסגעצאהלט נור די איינגעצאָהלטע סומע מיט 4 פראצענט צינזען. די פערזיכערונג ווערט אָנגענומען פון 16טען ביז 60 יאהר.

די אונפאל־פערזיכערונגס־קאסע, געשאפען דורך דעם זעלבען געזעץ, צאהלט אוים פאר 3, 5 און 8 פראנק יעהרליכע פרעמיע (קיין געפאהר קלאסען) 320 מאָל אזוי פיעל ווי די יאהרעס־פרעמיע איז, אין פאל, ווען דורך אן אונגליק ווערט דער פערזיכערטער אונפעהיג פארצוזעצען ווייטער זיין ביז־איצטיגע בעשעפטיגונג. דיעזער חשבון איז געגרינדעט געווארען אויף דער ערפאהרונג פון די אונגליקען אין די מאינס, וועלכע האָט געוויעזען, אז 320 פערזאָן ווערען פעראונגליקט פון 100 טויזענד בעשעפטיגטע. אויב דער פעראונגליקטער ווערט איג־גאנצען אונפעהיג צו פערדיענען, דאן בעקומט ער אויסגעצאָהלט א דאָפעלטע סומע, אויפ'ן חשבון פון דער רעגיערונג. א בעזונדערער גע־ריכט, בעשטעהענדיג פון 1 דאקטאָר, 1 טעכניקער, 1 ארבייט־געבער און 1 ארבייטער, אונטער דעם פארזיץ פון דעם פרעפעקט דארף עס בעשטימען.

דיעזע פיעל־צווייגיגע פערזיכערונגס־קאסען האָבען אבער קיין גרויסען ערפאלג ניט געהאט. „דער אייגענטליכער ציעל, זיכער צו מאכען די ארבייטער געגען די נויטה, וואָס קומט ארוים דורך זייער לאגע אין דער איצטיגער געזעלשאפט איז — ווי עס באמערקט זאכער — ווייט ניט דערגרייכט געווארען. ניט קוקענדיג אויף דעם, דאס די רעגיערונג האָט געזוכט דורך אלערליי הנחות צו צוציהען די מאסען, איז דאך נאָך א האלבען יאהר־הונדערט פון דער עקזיסטענץ פון דיעזע קאסען קוים געלונגען צו פעראייניגען ארום דער פרייוויליגער פערזי־כערונג נור איין מיליאן פון די, לערך, צעהן מיליאן פון די פראנצויזי־שע ארבייטער. און נור א גאנץ קליינער טהייל פון דיעזע פעראיינע האָבען א רעגולערע פערזיכערונגס־און אונטערשטיצונגס־קאסען. אויך

די רעגיערונגס־קאַסע פאר די פענסיעס אויף דער עלטער, אפילו, האָט קיין גרויסע ווירקונג ניט געהאט“.

אונטער אזוינע אומשטענדען איז גאנץ נאטירליך, וואס סוף כל סוף האָט די אידעע פון שטאאטליכער צוואנג־פערזיכערונג אויך אין פראנקרייך געמוזט ערווערבען אלץ מעהר און מעהר אנהענגער. די צוואנגס־פערזיכערונג פון די מאַינערס, וועלכע איז איינגעפיהרט געווארען דורך דאס געזעץ פון 1894, איז געוועזן דער ערשטער גרויסער טריט אויף דעם נייעם וועג. דאס געזעץ פון 21טען אפריל 1898, וועגען געצוואונגענער פערזיכערונג פון די מאטראָזען איז געוועזן א ווייטערדיגער טריט אויפ'ן נייעם וועג.

דער יאהר 1898 איז בכלל זעהר א וויכטיגער רעפארם־יאהר אין דער געשיכטע פון דער ארבייטער־פערזיכערונג אין פראנקרייך, און אלס זיין גרעסטע טהאט ווערט פאררעכענט די גרויסע רעפארם פון אונפאל (עקסידענט) פערזיכערונג. דיעזער צווייג פון דער ארבייטער־פערזיכערונג האָט — ווי עס דריקט זיך אויס ווילאבי — זינט עס איז געשאפען געווארען נאפאלעאָנ'ס געזעצגעבונג ביז דעם יאהר 1898, כמעט א גאנצען יאהר־הונדערט, ניט געמאכט קיין פארשריט. און א רעפאָרם איז נויטיג געוועזן, ווארום דיעזעס נאפאלעאָנישע געזעץ־בוך („קאָדנאפאָלעאָן“) אנערקענט נור פרינציפיעל דאָס רעכט פון די, ביי דער ארבייט פעראונגליקטע ארבייטער אויפצומאָהנען ביי די אונטער־נעהמער פאר זייער שאדען, אויב זיי קענען בעווייזען, אז דער אונ־טערנעהמער איז שולדיג. דער רעזולטאט איז געוועזן, אז נור 5 פּראָ־צענט פון אלע פעראונגליקטע ביי דער ארבייט האָבען געקאָנט אויפ־מאָהנען פאר זייער שאָדען פון די באָסעס.

דאס געזעץ פון 9טען אפריל 1898 שטעלט מיט זיך פאר א צו־מישונג פון רעגולירטער פעראנטווארטליכקייט פון די אונטערנעהמער („אימפּלאָיערס לאיאביליטי“) און פון אייגענטליכער פערזיכערונג געגען אונפעלע: עס ווערט אנערקענט פאר די ארבייטער צו פאדערען אין פאל פון אן אונגליק דאס, וואס דער געזעץ בעשטימט. ווען עס פאסירט מיט וועמען עס איז אן אונגליק ביי דער ארבייט, מוז דער אונטערנעהמער אליין, אין פערלויף פון 48 שטונדען, דאריבער מעלדען

צו דער „נאַטשאַלסטוואָ". די זאַך ווערט איבערגעגעבען אין קאָורט און דאָרט ווערט אין אַ גאַנץ קורצען טערמין די קיים ענטשיידעט. דערביי האָט דאָס נייע געזעץ פאָראויסגעזעהען, אז פאַר אַלע אונגליקען איז דער אונטערנעהמער פעראַנטוואָרטליך, מיט אויסנאַהמע פון אַזוינע פעלע, וואו דער ארבייטער האָט אומישנע זיך אנגעמאַכט אַן אונגליק. אויב ער האָט עס געטהאָן אויס גראָבער אונפאָרזיכטיגקייט, דאַן איז אַלץ דער אונטערנעהמער פעראַנטוואָרטליך, נור די ענטשעדיגונג דאַרף זיין אַ קלענערע.

די ריכטער האָבען צו בעשטימען די הויך פון דער ענטשעדיגונג לויט פאָלגענדע בעשטימונגען פון געזעץ: דער פערוואונדעטער בעקומט, אויב ער ווערט אינגאַנצען און אויף שטענדיג אונפעהיג צו דער ארבייט — צוויי דריטעל פון זיין יעהרליכען פערדיענסט; אויב ער איז טהיילווייז ניט פעהיג צו ארבייטען, דאַן בעקומט ער אַ העלפט פון דעם, וויפיעל ער פערליערט אין ארבייטס־לוין; אויב ער איז נור צייט־ווייליג אונפעהיג צו ארבייט, דאַן בעקומט ער פון 5טען טאָג אָן אַ העלפט פון זיין ארבייטס־לוין.

אויב דער אונגליק ענדיגט זיך מיט דעם טויט פון דעם פעראונגליקטען, דאַן בעקומט די אַלמנה, אדער דער אַלמן 20 פראָצענט פון דעם פערדיענסט פון דעם פערשטאָרבענעם, קינדער ביז צו 16 יאהר אַלט בעקומען: איין קינד — 15 פראָצענט, צוויי — 25 פראָצענט, דריי — 35 פראָצענט, פיער — 40 פראָצענט פון פערדיענסט. אויב די קינדער האָבען ניט קיין פאָטער און ניט קיין מוטער, דאַן בעקומען זיי צו 20 פראָצענט יעדעס קינד. יעדענפאַלס דאַרף די רענטע ניט בעטרעפען מעהר ווי 60 פראָצענט אין לעצטען פאַל, און 40 פראָצענט אויב איינער פון די עלטערען לעבט. עלטערען און אנדערע קרובים (פאַלס עס זיינען ניטאַ ניט קיין אַלמנה, ניט קיין קינדער) בעקומען צו 10 פראָצענט, צוזאַמען ניט מעהר ווי 30 פראָצענט.

אויסער די רענטען מוזען די אונטערנעהמער נאָך צאָהלען פאַר'ן דאָקטאָר און מעדיצין און אויך קבורה־הוצאות ביז 100 פראַנק. נור אין פאַל, ווען די אונטערנעהמער בעווייזען, אז די פעראונגליקטע געהערען צו אַזוינע קראַנקען־קאַסען, אין וועלכע די אונטערנעהמער

צאָהלען ניט וועניגער ווי א דריטעל, דאן קענען זיי אין די ערשטע 30, 60 אדער 90 טעג זיך בעפרייען פון ערצטליכע בעהאנדלונג.

דאס געזעץ בעציהט זיך נור אויף די גרעסערע אונטערנעהמונגען, הויפּטזעכליך אין דער אינדוסטרי. כדי צו זיכערען, אז די פעראונגליקטע זאלען קענען ארויסקריגען דאס, וואס מען וועט זיי צו משפּט'ן, האָט די רעגיערונג איבערגענומען די גאראנטי פון א ספּעציעלען פאָנד, וועלכער איז געשאפען דורך א 4-פּראצענטיגען צוגאב צו דעם טעקס אויף אונטערנעהמונגען.

די רעפארם פון דער געזעצגעבונג מכח די אונגליקען ביי דער ארבייט איז געבליעבען שטעהן אויפ'ן האלבען וועג צווישען פערזיכערונג און „אימפּלאָיערס לאַיאביליטי“. ווען עס איז געקומען צו דער נאָך גרעסערער רעפארם פון די פענסיעס פאר אלטע לייט, איז מען נאָך א לאנגע, שווערע שקליה ותריה געקומען צום שלום, אז געצוואונגענע פערזיכערונג מוז אנערקענט ווערען. דאס איז געווען א ווייטערער, גרויסער טריט פאָרווערטס אין דער ענטוויקלונג פון מאָדערנעם סאָציאל-פּאליטיק אין פראנקרייך. די געשיכטע פון דיעזען געזעץ-פּראיעקט וויייזט, ווי שווער עס איז אין פראנקרייך דיעזע פארווערטס-טריט צו מאכען. און עס איז דערפאר צו ווינשען, אז די שטערונגען געגען דורכפיהרונג פון דעם געזעץ פון דער זייט פון די ארבייטער זאלען וואס גיכער אויפהערען, כדי כאָטש דיעזער צווייג פון ארבייטער-פערזיכערונג זאל שוין איין מאָל ווערען אלגעמיין אנערקענט אלס פפליכט פון שטאאט און פון די אונטערנעהמער געגען דעם ארבייטער-קלאַס.

.5

די ארבייטער-פערזיכערונג אין ענגלאַנד.

אין קיין לאנד פון דער וועלט האָט די לעצטע יאהרען די סאציאלע פראגע ניט פערנומען אזא אויבען-אָן אין אלגעמיין-פּאליטישען לעבען פון לאנד, ווי אין ענגלאנד. די סאציאלע קאנפליקטען האָבען דאר[illegible] אויסגעבראכען מיט א שוידערליכער קראפט און די פּאליטישע ערוו[illegible]

בונג פון די ענגלישע ארבייטער־מאסען האָט געהאט די ווירקונג, דאס די הויפּט־ארענא פאר דעם קלאסען־קאמפף האָט זיך איבערגעטראָגען אין פּארלאמענט. די סאציאלע פערזארגונג פון די ארבייטער דורך די מלוכה, דורך די געזעלשאפט איז געווארען דער לייט־מאָטיוו פון פּאָליטישען לעבען.

אלס ערשטער רעזולטאט פון דיעזער נייער ווענדונג אין ענגלאנד'ס פּאָליטיש־סאָציאלער געשיכטע, אלס ערשטער גרויסער זיעג פון דעם פּאליטיש־ערוואכטען פּראלעטאריאט איז געקומען די איינפיהרונג פון פענסיעס פאר די אלטע לייט דורך דעם געזעץ פון 1טען אוגוסט 1908, וועלכער איז אין קראפט זינט דעם 1טען יאנואר 1909.

די ענגלישע פענסיעס זיינען אייגענטליך קלענער ווי די דייטשע, און שטעלען אין דיעזען זינן קיין פאָרטשריט מיט זיך ניט פאָר. אָבער דער פונדאמענט פון דעם ענגלישען געזעץ איז א גאנץ אנדערער, א טיעפערער, א סאָלידערער. דאס געזעץ איז געבויט אינגאנצען אויפ'ן פּרינציפּ פון א סאָציאלער פערזאָרגונג, דאָס הייסט, דער אַלטער מאַן בעקומט זיין פענסיע, ניט ווייל ער האָט געצאהלט א געוויסע פּרעמיע, נור ווייל ער איז אן אלטער מאן און די מלוכה מוז איהם פערזארגען. קיינע פּרעמיען ווערען בכלל פון קיינעם ניט געצאהלט; די רעגיערונג מוז פון איהר קעשענע אויפנעהמען אויף זיך די הוצאה צו בעצאָהלען די אלטע לייט זייערע פענסיעס, ווי אלע אנדערע מלוכה־הוצאות.

דיעזער סאציאלער פּרינציפּ איז דאס נייע און דאס פּאָרטשריטליכע אין ענגלישען געזעץ. פון דער אנדערער זייט אבער זיינען די פענסיעס גאנץ ניעדריג, און שפּעט הויבט מען אן זיי אויסצוצאָהלען.

ניי איז די בעוועגונג פאר א פענסיע־געזעץ אויך אין ענגלאנד ניט. דער פערפאסער פון באריהמטען ראמאן „ראבענזאָן קרוזאָ“, דניאל דע פאָ, איז אין 17טען יאהר־הונדערט שוין ארויסגעטראָטען מיט א פּלאַן צו דעם צוועק. טהאָמאס פיין איז געוועז א צווייטער מיט עהנליכע פּארשלעגע. אין ענגלישען פּארלאמענט איז די פראגע בעארבייט און דיסקוטירט געווארען מיט קליינע הפסקות דורך דעם גאנצען לעצטען פיערטעל יאהר־הונדערט. אין יאהר 1885 איז די ערשטע פּארלאמענטס־קאָמיסיאן אפּאָינטעט געווארען די פראגע צו אונטער־

ויבען. אין יאהר 1887 האָט די קאָמיסיאָן איהר ערשטען בעריכט אָב־געגעבען. דאַמאָלסט איז די אידעע פון א מלוכה־פּענסיע נאָך ניט געווען פּאָפּולער. דער קאַמפּף האָט זיך געפיהרט צווישען א געצוואונגענער פערזיכערונג דורכ'ן שטאַאט און א פריייוויליגער פערזיכערונג.

קאָמיסיאָנען נאָך קאָמיסיאָנען זיינען אַפּאָינטעט געוואָרען דורכ'ן פּארלאמענט אין די ווייטערדיגע יאהרען, בעריכטען נאָך בעריכטען זיינען פּאַרעפענטליכט געוואָרען. די טרייד־יוניאָן־קאָנגרעסען האָבען רעזאָלוציאָנען אָנגענומען. די זאַך האָט זיך אבער ניט גערוהרט פון אָרט, ביז נאָך די היסטאָרישע וואהלען פון יאהר 1906, ווען אין פּארלאמענט איז ארייַנגעצויגען געוואָרען א נייע פּארטיי, די ארבייטער פּארטיי, און האָט אָנגעהויבען פאָדערען שטאַרק און הויך פון דער ליבעראַלער רעגיערונג סאָציאַלע געזעצען.

דאָך קיין גאַנץ נייע, אריגינעלע שעפּפונג איז דאָס ענגלישע פּענסיאָנס־געזעץ פון אויגוסט 1908 ניט. עס איז צוגעשניטען נאָך דעם מוסטער פון דעם אויסטראַלישען געזעץ פון 10טען יוני 1908, נור אין די וויכטיגסטע פּונקטען איז עס פאַרפּושערט און אבזיכטליך ערגער געמאַכט.

דאָס אויסטראַלישע געזעץ זאָגט: אַלע מענער פון 65 יאָהר אַלט און פרויען פון 60 יאהר אַלט, אויך מענער פון 60 יאהר אָן, אויב זיי זיינען אינגאַנצען אונפעהיג צו ארבייט — בעקומען פּענסיע.

דאָס ענגלישע געזעץ זאָגט: מענער און פרויען אָהן אויסנאַהמען בעקומען פּענסיע נור נאָך דעם, ווי זיי ווערען 70 יאהר אַלט.

דאס אויסטראַלישע געזעץ זאגט: א רעכט אויף פּענסיע האָבען אַלע אַלטע לייט, וואס האָבען אבגעוואהנט אין אויסטראַליען 25 יאהר, און נאַטוראַליזירטע פרעמדע, נאָך דעם ווי זיי זיינען 3 יאָהר בירגער.

דאס ענגלישע געזעץ זאגט: א רעכט אויף פּענסיע האָבען נור ענגלישע בירגער וואס זיינען שוין 20 יאהר בירגער און וואס וואהנען אין גרויס בריטאַניען.

דאס אויסטראַלישע געזעץ זאגט: די העכסטע פּענסיע דאַרף בע־טרעפען 10 שילינג א וואָך. אבער דער וואס בעקומט פּענסיע דאַרף צוזאַמען מיט זיין אייגענער הכנסה ניט האָבען מעהר ווי 52 פונט

שטערלינג א יאהר, אזוי, אז לפי ערך ווערט פערקלענערט די פענסיע. דער וואס האט פערמעגען מעהר ווי 310 פונט שטערלינג האט ניט קיין רעכט אויף פענסיע. פון די פערזאָנען, וואס בעקומען פענסיע ווערט געפאדערט נור איין זאך: זיי זאלען זיין מענשען מיט א גוטען כאראקטער און ניט פערלאָזען די „צווייטע העלפט", ניט די פרוי דעם מאַן, און ניט דער מאַן די פרוי.

דאס ענגלישע געזעץ זאגט: די העכסטע פענסיע דארף בעטרעפען ניט מעהר ווי 5 שילינג א וואך, זי קען בעטרעפען נור 1 שילינג אויך, אויב די פערזאָן האט אייגענע הכנסה. דער חשבון געהט אזוי: דער וואס האט אייגענע הכנסה וועניגער ווי 21 פונט א יאהר, בעקומט 5 שילינג א וואך. דער וואס האט הכנסה 23 פונט מיט 12 שילינג, בעקומט 4 שילינג א וואך. דער וואס האט הכנסה 26 מיט א פיערטעל פונט, בעקומט 3 שילינג א וואך. דער וואס האט הכנסה 28 פונט מיט 17 און א האלב שילינג, בעקומט 2 שילינג א וואך. דער וואס האט הכנסה 31 פונט א יאהר, בעקומט 1 שילינג א וואך און דער וואס האט הכנסה מעהר ווי 31 פונט א יאהר, ווערט אינגאנצען אויסגעשלאָסען פון דאָס רעכט אויף פענסיע. אויך ווערט אויסגעשלאָסען יעדע פערזאָן, וואָס בעקומט הילף פון א צדקה־אנשטאלט אויך דארף דער פענסיאָנער בעווייזען, אז ער פלעגט געוועהנליך ארבייטען און פלעגט פערזאָרגען זיך און זיין פאמיליע. אזוינע וואָס האבען בעגאנגען א פערברעכען, קענען אויסגעשלאָסען ווערען ביז 10 יאהר נאָכ'ן פסק; פון דעם גוטען ווילען פון די אָרטיגע געריכטע הייננט עס אָפּ.

דיעזע בעשרענקונגען פון ווירקונגס־פעלד פון דעם נייעם געזעץ האבען געבראכט דערצו, אז פון 985.000 אלטע לייט איבער 70 יאהר, וואס זיינען פאראן אין ענגלאנד בעקומען פענסיע נור 284,768.

די אנדערע צווייגען פון ארבייטער פערזיכערונג אין ענגלאנד רוהען הויפטזעכליך אויף דער פרייער איניציאטיווע, פארזיכטס און בארעכנונגס־געפיהל פון די ענגלישע ארבייטער אליין. זיי האבען זיך געשאפען דורך אייגענע איניציאטיווע און פון אייגענע מיטלען א גאנצע רייהע פון פערזיכערונגס־אינסטיטוציאנען. די וויכטיגסטע ראָלע שפיעלען די געגענזייטיגע הילפס־קאסען („פרענדלי סאָסייעטיס").

זיי זיינען בכלל די עלטעסטע פאָרמען פון ארבייטער־פערבאנדען. זייער ענטשטעהונג שטעהט אין גייסטיגער פערבינדונג מיט די מיטעל־אלטערליכע צעכען און גילדען. שוין צו ענדע פון 18טען יאהר־הונדערט זיינען אין ענגלאנד פארהאנדען געווען פיעלע טויזענדע פון אזוינע ארבייטער־פעראייניגונגען, וועלכע זיינען געווען בעקאנט אונטער דעם נאָמען קלאבס אדער באקסעס, אין 2 מעכטיגע ארדענס, וועלכע זיינען געווען נאָכגעבילדעט נאָך די פריימויערער.

די „פרענדלי סאָסייעטיס" טראָגען פאר זייערע מיטגליעדער כמעט אלע פאָרמען פון פערזיכערונג, הויפטזעכליך קראנקען־פערזיכערונג. אין דיעזע סאָסייעטיס געהען געוועהנליך אריין מענער און פרויען. עס זיינען אָבער דאָ אזוינע, וואָס נעהמען אָן נור מענער, אָדער נור פרויען.

לויט די אויסערליכע ארגאניזאציאנס־פארמען, לויט זייערע צוועקען און ציעלען, ווי אויך לויט זייערע אינערליכע ארדנונגען, צו־פאלען דיעזע סאסייעטיס אויף א גאנצע רייהע פון פערשיעדענארטיגע גרופען. עס זיינען דא לאקאלע און צענטראלע; אלגעמיינע און ספעציעלע פאר געוויסע טריידס א. ז. וו., א. ז. וו.

קראנקען־פערזיכערונגס־קאסען זיינען געווען אין יאהר 1905 27.615 מיט 5.952.000 מיטגליעדער.

אויסער דיעזע סאָסייעטיס גיעבען אין ענגלאנד זיך נאָך אנדערע אפ מיט ארבייטער־פערזיכערונג. זעהר א גרויסע ראליע שפיעלען אין דעם די טרייד־יוניאנס, וועלכע פערווענדען צוויי דריטעל ביז דריי פיערטעל פון זייערע אייננאהמען אויף אלערליי פארמען פון הילף צו זייערע מיטגליעדער. 100 פון די בעדייטענדסטע טרייד־יוניאנס האָבען אין יאהר 1901 איין פינפטעל פון אלע זייערע הכנסות, ד. ה., 1 מיט דריי פיערטעל מיליאן דאלאר פערווענדעט אויף קראנקען־פערזיכערונג. 14 פון די גרעסטע „פרענדלי סאסייעטיס" האָבען דאן אויסגעגעבען 10 מיליאָן דאלאר אויף דעם. פאר די אנדערע פאָרמען פון פערזיכערונג: פענסיעס אויף דער עלטער, קבורה־געלד, צוזאמען מיט קראנקען־פערזיכערונג האָבען דיעזע 100 גרעסטע טרייד־יוניאָנס אויסגעגעבען פון 1892 ביז 1903 35 מיליאן דאלאר, ד. ה., 37 מיט

א האלב פראצענט פון אלע זייערע הכנסות. פאר סטרייק־בענעפיטס — נור א העלפט דערפון, 18,3 פראצענט.

א גרויסע ראליע שפּיעלען אין ענגלאנד אויך די גרויסע פערזי־כערונגס־געזעלשאפטען, וואס בעשעפטיגען זיך מיט קליינע פאליסים, די „אינדאסטריאל אינשורענס קאמפּאניס“, וועלכע בעשעפטיגען זיך הויפּטזעכליך מיט פערזיכערונג פון פענסיעס אויף דער עלטער, מיט פערזיכערונג געגען אונגליקען און מיט פערזיכערונג פון קבורה־הוצאות.

די ענגלישע געזעצגעבונג האט שוין פריה זיך פאראינטערעסירט מיט די פערזיכערונגס־פראגען און פערזיכערונגס־אנשטאלטען. דורך דאס געזעץ פון 1793 איז געגעבען געווארען די פעראיינען א מעגליכ־קייט זיך צו לאזען פערשרייבען און פארלייגען זייערע סטאטוטען (ארויסנעהמען א „טשארטער“). דורך דעם פלעגען זיי בעקומען גע־וויסע פריווילעגיעס. 3000 פעראיינען — א העלפט אונגעפעהר פון די דאמאלסט־עקזיסטירענדע צאהל — האבען זיך דערמיט בענוצט ביז ענדע 1794. דורך די שפּעטערדיגע געזעצען איז געזוכט געווארען צו שאפען נייע פריווילעגיען פאר די רעגיסטרירטע פעראיינען. די געזעצ־געבונג האט פיעלע מאל געמאכט לאנגע און ערנסטע אונטערזוכונגען אויף דעם געביעט.

דאך, וויפיעל מען האט זיך ניט געמאטערט אויסצובעסערען די זאך, האבען דאך קלאגען ניט אויפגעהערט, און שוין אין יאהר 1833 האט די רעגיערונג זיך אליין געפּרובירט אנצונעהמען דורך א ספּעציע־לע קאסע, און שפּעטער דורך די פאסט־אפיסען, די פערזיכערונג פון פענסיעס צווישען 4 און 20 פונט סטערלינג, שפּעטער אויך פון קא־פּיטאלען ביז 100 פונט. אבער די רעזולטאטען זיינען געווען קלאגעדיגע. פון יאהר 1865 ביז 1882 האבען צ. ב. די פאסט־קאסען אבגעשלאסען נור 6524 לעבענס־פערזיכערונגס פאליסים און 11.646 רענטען־פער־זיכערונגס־פאליסים.

זעהר פיעל קאפּ־דרעהעניש האט ארויסגערופען די רעגולירונג פון פארזיכערונג פון די ארבייטער אין פאל פון אונגליקען ביי דער ארבייט. די אידעע, אז דער אונטערנעהמער איז פעראנטווארטליך פאר אזוינע

אונגליקען איז לאנג אָנגענומען געוואָרען אין דער ענגלישער געזעצ־געבונג. דאָס געזעץ פון 1898, מכח די פעראנטוואָרטונג פון די אונ־טערנעהמער („אימפּלאָיערס לאיאביליטי"), וועלכע איז אין יאהר 1906 בעדייטענד פערבעסערט געוואָרען, שיצט שוין זעהר שטארק די ארבייטער. כמעט דער גאנצער 13־מיליאָניגער ארבייטער־קלאַס פון ענגלאנד פאלט ארונטער אונטער דעם געזעץ. די ענטשעדיגונג פון בעטרעפען ביז 50 פּראָצענט פון פאַרדיענסט, פאלס דער פעראונגליק־טער ווערט אינגאנצען אונפעהיג צו ארבייט. אין פאַל פון טויד בע־קומען די יורשים דעם דריי־יאהריגען לוין־פערדיענסט צווישען 750 און 1.500 דאָלאר. דאָך דאס אלץ דארף איינגעמאָהנט ווערען דורך קאָורט. קיין פערזיכערונג איז עס נישט.

6.

די ארבייטער־פערזיכערונג אין די איבריגע לענדער פון אייראָפּאַ

די פיער גרעסטע שטאאטען פון אייראָפּאַ: דייטשלאנד, עסטרייך־אונגארן, פראנקרייך און ענגלאנד, מיט וועמענס געזעצגעבונג, אינ־סטיטוציאָנען און צושטענדע פון דער ארבייטער־פערזיכערונג מיר האָבען בעקאנט איינזערע לעזער — האָבען געליפערט דער וועלט דעם סכום פון ערפאהרונג און פון סאָציאלען פאָרטשריט אויף דיעזען געביעט. פיעל אינטערעסאנטעס און באלעהרענדעס וואָלט מען געקאָנט געפינען אויך ביי די אנדערע, קלענערע שטאאטען. דאָך, די גרויסע, שעפּפערישע אידעען און שטרעמונגען געהען ארויס פון יענע לענדער.

נעהמט צ. ב. ש. בעלגיען. קיין צוואנגס־פערזיכערונג איז נאָך נישטאָ. דער שטאאט האָט אבער פיעל געטהאָן צו העלפען די בירגער זיך פערזיכערען, אום צו בעקומען פענסיעס אויף דער עלטער און אין פאַל פון אינוואלידיטעט. ער האָט געגרינדעט אן אייגענע פערזיכע־רונגס־אנשטאַלט. ער צאָהלט צו 60 סאנטים צו יעדער איינגעצאָהלטען פראנק ביז 15 פראנק א יאהר איינצאָהלונג. דאָך דיעזער גאנצער פּלאַן איז געבויט נאָכ'ן פראנצויזישען מוסטער.

דער פּרינציפּ פון פרייוויליגקייט ווערט אין בעלגיען פעסט אָנגע־

האלטען. עס האבען זיך דארט געפונען אין יאהר 1907 אויף א בעפעל־קערונג פון 7 מיליאן און 300 טויזענד נפשות, פון וועלכע ארבייטער זיינען געווען 2 מיליאן מיט 100 טויזענד נפשות, 3,330 קראנקען־פערזיכערונגס־פעראיינען מיט 400 טויזענד מיטגליעדער. אין דער רעגיערונגס־אנשטאלט פאר פערזיכערונג פון רענטען זיינען אין יאהר 1906 צוגעקומען 86,151 אקאונטס. בכלל זיינען דארט געווען 850,000 פערזיכערטע.

אין איטאליען איז דער פארטשריט אויף דעם געביעט פון ארבייטער־פערזיכערונג, וועלכער מערקט זיך זעהר שטארק פון ענדע די 80ער יאהרען געגאנגען שטרענג אויפ'ן דייטשען וועג ביי דער אונפאל פערזיכערונג און אויפ'ן פראנצויזישען וועג ביי דער גרינדונג פון דער נאציאנאלער פערזיכערונגס־קאסע.

צוערשט איז געקומען אין יאהר 1886 די רעפארם מכח די הילפס־פעראיינען פאר געגענזייטיגע אונטערשטיצונג, וועלכע האט געשאפען א שטיקעל ארדנונג אין דעם תוהו ובוהו פון דיעזע פעראיינען. די צאהל פון פעראיינען, וואס צאהלען קראנקען־פערזיכערונג האט בעטראפען אין יאהר 1904 6535 מיט 1 מיליאן בערך מיטגליעדער. דאס ווייזט, אז אויף דעם וועג פון פרייוויליגע פערזיכערונג קענען די ארבייטער ניט איבערגעלאזען ווערען.

צו דיעזער איבערצייגונג איז מען אין איטאליען געקומען דערווייל מכח איין סארט פערזיכערונג, די פערזיכערונג אין פעלע פון אונגליקען ביי דער ארבייט. און נאך לאנגע שקלה וטריה'ת איז אין יאהר 1898 דורך דאס געזעץ פון 1טען אקטאבער, געשאפען געווארען די געצוואונגענע אונפאל־פערזיכערונג, דירעקט אונטער דעם איינפלוס און נאך דעם מוסטער פון דער דייטשער פערזיכערונג. די הויפט־ענדערונגען אין דיעזען געזעץ באציהען זיך צום גרעסטען טהייל אויף די ארגאניזירונג פון דיעזער פערזיכערונג: עס ווערט אין איטאליען איבערגעלאזען צום גוטען ווילען פון די אונטערנעהמער, וועלכע טראגען דעם גאנצען יאך פון דיעזער פערזיכערונג, ענטוועדער צו האבען זייערע ארבייטער פערזיכערט ביי דער רעגיערונגס־קאסע אדער ביי פריוואט־געזעלשאפטען, וועלכע זיינען געטשארטערט פון דער רעגיערונג, אדער

זיי קענען — אונטער געוויסע גאראנטיען — בילדען אייגענע געזעל־שאפטען מיט דעם צוועק. דיעזעס געזעץ פון 1898 איז דורך ווייטער־דיגע געזעצען פון 1904 און 1907 אין פיעלע פונקטען רעפארמירט, פארבעסערט און אויסגעשפרייט געווארען.

די צאהל פון אונגליקען ביי דער ארבייט האט בעטראפען אין יאהר 1905 156.205. פארזיכערט זיינען געווען 1.031.325 ארבייטער, וועמענס לוין עס האט בעטראפען 233 מיליאן פראנק. פון יעדע 1.000 פערזיכערטע זיינען פארגעקומען אונגליקען: 105 אין יאהר 1905; 95 אין יאהר 1904 און 72 אין יאהר 1903.

אין זעלבען יאהר 1898 איז אויך געשאפען געווארען דורך דאס געזעץ פון 17טען יולי, די נאציאנאלע קאסע פאר די אלטערס־און אינ־וואלידען־פערזיכערונג פון די ארבייטער. אין דיעזער קאסע קענען זיך פערזיכערן איטאליענישע לוין־ארבייטער, סיי מענער סיי פרויען. די פרעמיען דארפען בעטרעפען װעניגסטענס 6 פראנק א יאהר, אבער ניט מעהר ווי 100 פראנק. פון די הכנסות פון דיעזער קאסע — די רעגיע־רונג האט איהר אבגעלאזען יעהרליך 10 מיליאן פראנק — בעקומט יעדער פערזיכערטער צוגעשריבען צו זיין פרעמיע די ערשטע 5 יאהר ניט מעהר ווי 12 פראנק. דיעזע קאסע האט פערשיעדענע פארמען פון פערזיכערונג און פערשיעדענע פאנדס.

דאס געזעץ פון 1898 איז אין יאהר 1907 רעפארמירט און פאר־בעסערט געווארען. 255.127 פערזיכערטע ביי דיעזער קאסע האבען זיך געפונען אין יאהר 1907.

אין ניעדערלאנדען איז נאך מעהרערע אונגעלונגענע פראבעס אין יאהר 1901 דאך איינגעפיהרט געווארען די געצוואונגענע פערזיכערונג פון אונגליקען ביי דער ארבייט. ענדע 1905 זיינען דארט געווען פער־זיכערט 74.779 אונטערנעהמונגען. ענדע 1903 72.993 אונטערנעה־מונגען מיט 562.808 פערזיכערטע ארבייטער. אונגליקען זיינען פארגע־קומען אין יאהר 1905 55.523.

די קראנקען־פערזיכערונג ליעגט הויפטזעכליך ביי די ארבייטער־אונטערשטיצונגס־פעראיינען. די פערזיכערונג פון פענסיעס אויף דער עלטער קומט פאר אין נידערלאנדען נאך אלס אויסנאהמס־פעלען. דאך,

אויך דארט ארבייט מען שוין לאנג פאר די איינפיהרונג פון צוואנגס־פערזיכערונג דורך דעם שטאאט.

די שווייץ וועלכע איז דאך אזא פארטגעשריטענע לאנד בנגע סאציאלען פארטשריט בכלל און ארבייטער־פערזיכערונג בפרט, שטעהט אויף דעם געביעט פון ארבייטער־פערזיכערונג דורך דעם שטאאט נאך אוריק. די געזעצגעבונג מכח די קראנקען־פערזיכערונג ליעגט נאך אלץ אין די הענד פון די איינצעלנע קאנטאנען. אין יאהר 1903 האבען עקזיסטירט אין דער שווייץ 2.006 הילפס־קאסען מיט א האלב מיליאן מיטגליעדער, פון א בעפעלקערונג פון 3 מיליאן 391 טויזענד נפשות. דער געזעץ־פראיעקט פון 1899 מכח די איינפיהרונג פון אלגעמיינע, געצוואונגענע קראנקען־פערזיכערונג איז פערביטען געווארען דורך א פראיעקט פון 1906, וועלכער איז נאך עד היום א פראיעקט נור. פונקט אזוי איז דער פראיעקט פון 1900, מכח די איינפיהרונג פון געצוואונגענע פארזיכערונג געגען אונגליקען ביי דער ארבייט, פערביטען געווארען אויף אן אנדער פראיעקט פון 1906, וועלכער איז נאך אויך נור א פראיעקט ביז אויף היינטיגען טאג. אויף דעם געביעט פון פארזיכערונג פון פענסיעם אוף דער עלטער האט די נציאנאלע רעגיערונג גאר נים געטהאן, די איינצעלנע קאנטאנען האבען אבער פיעל געטהאן.

אין סקאנדינאוויען האט זיך אין פערלויף פון די לעצטע צוויי יאהר־צעהנדליגע ענטוויקעלט א גרויסער אינטערעס פאר ארבייטער־פערזיכערונג.

אין שוועדען איז נאך אין יאהר 1884 באשטימט געווארען א קעניגליכע קאמיסיאן, וואס זאל זיך בעשעפטיגען מיט דער פראגע וועגען ארבייטער־פערזיכערונג. די קראנקען־פערזיכערונג געפינט זיך דארט ביי פרייוויליגע פעראיינען, וועלכע עס זיינען געווען פערהאנדען אין יאהר 1906 2219 מיט 472.000 מיטגליעדער. דערפאר אבער איז געלונגען אין יאהר 1901 דורכצופיהרען געצוואונגענע אונפאל־פערזיכערונג, צו וועלכער עס געהערען אן ערך פון 300 טויזענד ארבייטער.

אין נארוועגען איז אויך אין יאהר 1885 בעשטימט געווארען א קעניגליכע קאמיסיאן צו אונטערזוכען די פראגע פון ארבייטער־פערזיכערונג, וועלכע האט אויך פארגעשלאגען פערשיעדענע פראיעקטען.

ראך, די קראנקען־פערזיכערונג איז נאָך אלץ ניט רעגולירט, כאָטש פּרינציפּיעל האָט דער פּארלאמענט שוין אין יאהר 1907 בעשלאָסען די איינפיהרונג פון געצוואונגענער פערזיכערונג. די געצוואונגענע אונפאל־פערזיכערונג איז אבער שוין איינגעפיהרט זינט דעם יאהר 1894, נאָכ'ן דייטש־עסטרייכישען מוסטער. שווערער געהט עס צו מיט דער איינפיהרונג פון דער אינוואלידען־פערזיכערונג, וועלכע שטעהט אויך שוין פון 1894 אויפ'ן טאָגעסאָרדנונג. דערפאר איז אין יאהר 1906 געמאכט געוואָרען אַ אָריגינעלע פּראָבע איינצופיהרען א פערזיכע־רונג געגען ארבייטס־לאָזיגקייט.

אין פינלאנד איז דורך דאס געזעץ פון 1895 געשאפען געוואָרען א צומישונג פון פערזיכערונג און פעראנטוואָרטליכקייט פון די אונ־טערנעהמער ביי אונגליקען פון דער ארבייט.

אין דענעמארק האָבען אין יאהר 1907 זיך געפונען 1419 קראנקען־פערזיכערונגס־קאסען מיט 514.000 מיטגליעדער, ד. ה., איין דריטעל פון דער גאנצער דערוואקסענער בעפעלקערונג האָט געהערט צו זיי. קיין פערזיכערונג פון פענסיעס אויף דער עלטער איז ניטאָ. אבער יעדע ארימע פּערזאָן איבער 60 יאהר אלט, וועלכע האָט ניט בע־קומען אין די לעצטע יאהרען קיין אונטערשטיצונג פון צדקה־אנשטאל־טען, האָט א רעכט אויף אַ קרעפטיגע אונטערשטיצונג פון שטאָט־קאסע. 50.000 אלטע לייט, ד. ה. א פינפטעל פון אלע אלטע לייט האָבען מיט ריעזען געזעץ זיך בענוצט אין יאהר 1905—6 און האָבען בעקומען דורכשניטליך צו 152 קראָנען (30 דאלאר) א יאהר. די אונפאל־פער־זיכערונג איז דאָרט נאָך ניט געלייזט.

אָט אזוי זעהען מיר, ווי דורך גאנץ אייראָפּא געהט דורך די אידעע וועגען געצוואונגענער פערזיכערונג דורך די מלוכה פון די גרויסע ארבייטער מאסען איהר זיגעס־צוג. אין דיעזער אָדער יענער געשטאַלט, אין דיעזען אדער יענעם צווייג קומט איין לאנד נאָך דער אנדערער און פיהרט די פערזיכערונג איין. די פּאָפּולאריטעט פון דיעזער אידעע איז געוואָרען אזוי גרויס, אז קיינער פון די אייראָפּעאישע שטאָאטען קען זיך געגען איהר ניט אָבשליסען. אנדערש איז אין אמעריקא. די אר־

בייטער־פערזיכערונג אין ענגערן זינן, ד. ה. די געצוואונגענע פערזיכע־רונג קען אמעריקא בכלל ניט. די גאנצע זארג, דער גאנצער לאסט פון זייער פערזיכערונג פאַלט אויף די פּלייצעס פון די ארבייטער־מאַסען אַליין.

„מען קען זאָגען — בעהויפּטעט פּראָפעסאָר מאנעס — אַז אמע־ריקא שטעהט בנגע צו סאציאַלע פערזיכערונג הינטער אַלע גרויסע אינדוסטרי־שטאַאטען אויפ'ן לעצטען פּלאַטץ. ניט נור קען אמעריקא ניט דעם בעגריעף פון ארבייער־פערזיכערונג אין ענגערן זינן, ד. ה., צוואַנגס־פערזיכערונג, זאנדערן די אינסטיטוציאָנען, וואס זיינען אויפ־געבויט אויך אויף דעם פונדאמענט פון פרייוויליגקייט, דאס וואס מען רופט ארבייטער־פערזיכערונג אין ברייטערען זינן, זיינען נאָך אויך ווייניג אויסגעבילדעט לערך נאָך דער קולטורעלער בעדייטונג פון די פעראייניגטע שטאַאטען“.

אונטער אזוינע אומשטענדען עפענט זיך פאר די זעלבסט־הילף און זעלבסט־פערזאָרגונג פון די ארבייטער־מאסען א גרויסע פעלד פון אונגעהויער נוצליכע טהעטיגקייט. די אַרבייטער־מאַסען דאַרפען גע־דענקען, אַז אין דיעזען לאַנד איז דער פּרינציפּ פון „העלפּ יור סעלף“, העלפט זיך אַליין, פאר זיי איינער פון די ביטערסטע אמת'ן... און דער־פאר, צוזאמען מיט דעם קאמפּף פאר בעסערע ארבייטס־בעדינגונגען, פאר העכערען לוין, פאר בעסערע בעהאנדלונג אין די שעפּער און פאר בעסערע, ריינערע, פארטשריטליכע צושטענדע אין די געזעצגעבונגען, מיט איין ווארט, צוזאמען מיט דעם קאַמפּף נאָך אויסן, דעם טרייד־יוניאָניסטישען און סאציאַליסטיש־פּאָליטישען קאַמפּף, מוזען זיי אויך ניט פערנאַכלעסיגען די אויפגאבען פון זעלבסט־פארהיטונג און זעלבסט פערזאָרגונג. איינער אליין איז דער ארבייטער הילפלאָז אין אלע פעלען פון אונגליק, ביי אלע קלעפּ פון שיקזאל. צוזאמען אבער, מיט די גרויסע מאַסען פון די קלאַסען־ברידער וועט דער פּראָלעטאַריאַט די וועלט עראָבערן.

1909 **Executive Committee** 1910



J. Cooperman. C. Hochberg. H. Feldman. B. Wolovitz. J. Weintraub. A. Raffalovsky W. Holen. R. Ginsberg. B. Fingerhood.
J. Epstein. A. Wolitzky. I. Cohen S. Boulgach. H. Sack. A. Smith. S. Savetsky

א. ש. זאקס.

צום 10-יעהרליכען יובילעאום פון ארבייטער רינג.

יט גרויס עהרפורכט און ניט מיט וועניגער פערגעניגען נעהם איך אן די איינלאדונג פון דער קאמיטע וועלכע רעדאגירט דעם סאוועניער צום 10טען יעהרליכען יובילעאום פון ארבייטער רינג, עטוואס בייצוטראגען צו דיעזער אויסגאבע.

דער ארבייטער רינג פערדינט געוויס מען זאל שרייבען איבער איהם א ערנסטע און גרויסע אבהאנדלונג—וואס דאס האפען מיר נאך צו טהון אין אן אנדער ארט. עס וואלט געווען פון אונזער זייט דער גרעסטער חלול-הקדש, ווען מיר וואלטען געוואלט אבקומען אונזער חוב מיט אייניגע ציילען. ליידער איז די צייט צו קורץ.

דא ווילען מיר נור שיקען אן ארימע אבער ערנסטע בעגריסונג אין'ם נאמען פון „די אידישע ארבייטער וועלט" לכבוד דיזען ארבייטער יובילעאום.

„א יובילעאום פון אונזער גרויסען ריזיגען ארדען ארבייטער רינג!" צו קען מען זיך פארשטעלען א גרעסערען און מעהר ערהאבענעם יום טוב אין אונזער גאס? דער ארבייטער רינג איז דער שטאלץ פון דער אידישער בעוועגונג דא אין אמעריקא. ער איז די מעכטיגסטע פעסטונג, וועלכע פערטהיידיגט און בעשיצט אלע אונזערע סאציאליסטישע עראבערונגען און זיין יובילעאום הייסט א זיעג פון'ם פרייהייטס געדאנק און פון'ם פארשריט.

דער ארבייטער רינג האט ארום זיין באנער קאנצענטרירט דאס בעסטע און שעהנסטע, וואס ס'איז פאראן אין אונזער אידישען לעבען און אין דער צייט פון זיין עקזיסטענץ, האט ער בעוויזען אז ער פער־

שטעהט ניט נור די כחות צונויפצוזאמלען, נור אויך אויפ'ן בעסטען ארט זיי צו ערציהען און אויסנוצען פאר אונזער בעוועגונג. דער ארבייטער רינג איז דער וויכטיגסטער קולטור־פאקטאָר אין אונזער לעבען. יעדער ניי געגרינדעטער ברענטש ארבייטער רינג איז א נייער שטראהל ליכט פון דער אויפקלעהרונגס־זונן, וואס וואקסט צוזאמען מיט דער פערצווייגונג פון אונזער אָרדען.

אויב מיר זעהן, אז אין אלע שטעדט און שטעדליך וואקסט די בעדערפניס נאָך גייסטיגע שפייז און דער דורשט נאָך אויפקלעהרונג שטארקט זיך — טאָ איז דאָס אין דער ערשטער ליניע צו פערדאנקען דעם ארבייטער רינג, און דער אהנאונטערבראָכענער, ענערגישער טהעטיגקייט פון זיינע גרינדער און פיהרער, וועלכע ערפילען הייליג זיין גרויסע און ערהאבענע אויפגאבע צו זייען קולטור־קערנער אפילו אין די סאמע פערוואָרפענע ווינקעלעך פון אונזער לאנד.

א בליק אויף די פעלזען־שטארקע אָרגאניזאציאָנען פון'ם ארבייטער רינג און די מוסטערהאפטע דיסציפלין, וואָס דאָ הערשט א דאנק דער ערנסטקייט פון די וועלכע שטעהען אן דער שפיצע, איז גענוג צו צוטרייבען ווי א רויך געוויסע פעסימיסטישע געדאנקען, וועלכע פאנגען צייטענווייז אן צו נאָגען אונזער הארץ איבער די ניט גענוגענדע פאָרשריטע פון אונזער בעוועגונג.

„אַט זעהט, וואָס ערנסטע און אפפערוויליגע ארבייט קען אויפטהון" — קענען מיר מיט־פאָלקאָמען רעכט אבשניידען אלע פערצווייפלער און פעסימיסטען, אָנווייזענדיג אויף דעם שטארקען וואוקס און איינפלוס פון דעם ארבייטער רינג.

איך בעגריס דעם יובילעאום פון אונזער ארבייטער רינג צו זיין 10־יעהריגען זיעגרייכען מארטש, וועלכער האָט אין די שוואכסטע צייטען ניט ארונטערגעלאָזען דעם הייליגען פאקעל פון אויפקלעהרונג און ערציהונג פון די ארבייטער מאסען און צוזאמען מיט די צעהנדליגע טויזענדע ארבייטער און ארבייטערינעו, וועלכע זיינען קאָנצענטרירט און פעראייניגט אונטער זיין פאָהן, שריי איך אויס:

עס לעבע אונזער מעכטיגער ארבייטער אָרדען דער ארבייטער רינג!

1909 CONTROL COMMITTEE. 1910



ס. ק. שנעעפּאל.

אידיש, דער אידישער אַרבייטער און די הויפּט אויפגאַבע פון דעם אַרבייטער רינג.

ס זיינען פאַראַן ביי אונז איינינע „פערשאַלטענע' פראַגען, וואָס ווערען קיין מאָל ניט אַלט. און בעת עס ווערט א ביסעל שטיל אין אונזער ווענטעל, קיין נייע גזרות אויף אידען הערען זיך עפּעס ניט, שרייענדע סענזאַציעס לאָזען אויף זיך אויך עטוואָס ווארטען, און „טהעאָריעס“ ווערען אויך ניט פאַבריצירט אזוי שנעל אַז מיר זאָלען האָבען לפּחות צו יעדען מיטאָג עפּעס א נייע „טהעאָריע“, פרישט מען אָפּ איינע פון די דאָזיגע אומגליקליכע „פראַגען“, וואָס בלאָנ־דזשען אַרום, ווי פערשאַלטענע נשמות אויף דער זינדיגער וועלט און קענען קיין רוה ניט געפינען, מען נעהמט זי נעבעך ווידער אַרויף אויפן „טאָגעס אָרדנונג“ און עס ווערט ווידער א רעש און א קאָך אין אונזער ליטעראַרישער ווענטעל, גלייך ווי עס וואָלט פּאַ־סירט א שפּאָגעל נייע זאַך. און צום הונדערט און צעהנטען מאָהל, לאָמיר זאָגען, ווערען איבערגעקייט און איבערגעדראָשען די אַלטע חקירות און די אַלטע דרשות מיט דעם זעלבען ניגון, מיט דעם זעל־בען טראָפּ . . .

איינע פון דיזע נע־ונד פראגען, וועלכע האט שוין דעם אומ־גליק צו פערנעהמען דעם אויבען־אן אין אונזער פרעסע אין א צייט פון שטילשטאנד בעת אן הפסקה צווישען איין גזרה און דער צווייטער אדער, להבדיל, צווישען איין שפאגעל נייער „טעאריע“ און דער אנדע־רער איז די שפראכען־פראגע אדער, ריכטיגער, די קולטור־פראגע.

דאכט זיך, דעם אמת געזאגט, איז די פראגע גאר ניט אזוי שטארק פערפלאנטערט און דאך איז זי יעצט אויפ'ן „טאגעס־ארדנונג“ אין אונזער פרעסע אויף ביידע זייטען אקעאן.

און די פראגע איז בעצם גאר קיין פראגע ניט. עס וועגדעט זיך בלויז אין וואס פאר א סדור'ל מען דאווענט. אויב איהר פער־גלאצט אייערע אויגען בשעת איהר דערמאנט דעם „ולירושלים עירך“ און באמקעט צו דערביי דעם נעא־חסידיסטישען נגון על פי נוסח המאדערני, וועט דאך שוין אייך אפילו א טאטער ניט העלפען און איהר וועט אייער מאמע־לשון פיינט האבען תכלית שנאה איינפאך דערפאר ווייל אויף שריט און טריט דערמאנט זי אייך מיט איהר געזונדען לאכען און מיט איהר ניט וויינינער געזונדען וויינען, אז איהר זייט א בעל־חלומות; אויב, פערקעהרט, איהר זייט גאר רחמנא־לצלן א כופר בעיקר און, צו קיין גנאי זאל עס אייך ניט זיין, איהר ווערט אפילו ניט נתפעל פון דעם חאסלאוויטשער נגון און פון דער נעא־חסידיסטישער תורה ווילט איהר לגמרי ניט וויסען, איז דאך ווידער קלאהר ווי דער טאג, אז איהר זייט א פערלארענע נשמה און איהר וועט שוין מוזען אזוי אויסלעבען אייערע טעג און יאהרען טאקע מיט דער „שפחה“־זשארגאן.

דאכט זיך די ארגומענטען און, וואס עס איז וויכטיגער, די פסי־כאלאגיע פון די ארגומענטאטארם זיינען שוין אזוי קלאהר, אז עס לוינט זיך ניט א ווארט צו פערלירען. ווייל באמת, ניט נאר וועגען די שפראכען אליין רעדט דער פסוק. דאס זיינען זיך מתוכח און האמפערן זיך צוויי בעזונדערע וועלטען אויף בעזונדערע ש פ ר א־כ ע ן. און וויפיעל איהר וועט זיך ניט שפארען וועט איהר זיך קיין מאל ניט קענען צוזאמענריידען מיט א מענשען, וועלכער ריידענדיג, דאכט זיך, מאמע־לשון אזוי גוט ווי איהר, רעדט אבער צו דערזעל־

בער צייט אויף זיין א י י ג ע נ ע ר שפּראַך, וועלכע וועט אייך
תמיד פרעמד זיין אזוי ווי עס וועלען אייך תמיד זיין פרעמד זיינע
וועלטען און זיינע טרוימערייען...

די, ווידער, וואָס טענה'ן אַז די לאַנדעס־שפּראַך דאַרף ווער'ען
די שפּראַך פון דעם אידישען פאָלק איבעראל וואו ער איז צוזעצט
און צושפּרייט ווייזען מעהר נישט מיט דעם ווי נאאיוו זיי זיינען.
זיי פערשטעהען ניט אַז אַ פאָלק קען ניט מיט אמאָל פון העלער־
הויט אויפהערען צו ריידען זיין אייגען לשון, וואָס דריקט אויס זיין
גאַנצען איך, וועלכער קען בשום אופן ניט א י ב ע ר ז ע צ ט
ווערען אויף אַ פרעמדער שפּראַך, אַ שפּראַך וואָס ווייס ניט פון זיין
פסיכאָלאָגיע און פון זיינע לעבענס־נויטען. איבריגענס, דער גרעס־
טער טהייל פון פאָלק האָט גאָר ניט די מעגליכקייט גרינדליך צו
ערלערנען אַ פרעמדע שפּראַך אויף אזוי פיעל אַז זי זאָל איהם קע־
נען דיענען ווי זיין מוטער־שפּראַך.

און וועהרענד פערשיעדענע געזעלשאַפטס־גרופּען אין דעם אי־
דישען פאָלק וואַקלען נאָך אַלץ ניט וויסענדיג ווי צו ענטשיידען ווע־
מען קומט די בכורה: דער אידישער, דער העברעאישער אָדער גאָר
דער לאַנדעס־שפּראַך, איז דער אידישער בעל מלאכה און דער אי־
דישער ארבייטער גלייך פון אנפאנג אָן געווען דער פריינד און בע־
שיצער פון דער אידישער שפּראַך. ווייל ער, דער אידישער ארבייטער
האָט נאָר איין שפּראַך — א י ד י ש. זי איז זיין מוטער־און־זיין־
פאטער שפּראַך. העברעאיש האָט פאַר איהם קיין מאָל ניט געלעבט,
די לאַנדעס־שפּראַך, ווי שוין געזאגט, האָט ער ניט קיין מעגליכ־
קייט זי ערלערנען. און בעת דער ארבייטער האָט ערוואכט האָט
אויך ערוואכט זיין לשון. די געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַ־
טור איז געוויסער מאָסען די געשיכטע פון דעם גייסטיגען וואוקס
פון דעם ארבייטער. זיי זיינען, ווי א צווילינג, ביידע גלייכצייטיג
געוואקסען. זיי האָבען איינע אויף די אנדערע געהאַט איינע און
דיזעלבע השפּעה. דער אידישער ארבייטער איז געוואָרען פּראָגרע־
סיוו, ווייל ער האָט זיך ערצויגען אויף דער פּראָגרעסיווער אידישער
ליטעראַטור, די אידישע ליטעראַטור האָט ג ע מ ו ז ט ז י י ן

פראָגרעסיוו ווייל זי איז די ליטעראַטור פון דעם ערוואַכטען ארבייטער. און דאריבער טאַקע איז אלעס וואָס עס איז טאַלענטפאָל אין אידיש אויך מעהר־ווייניגער פראָגרעסיוו.

* * *

אין רוסלאנד אָבער זיינען ביי דער וויגעלע פון דער אידישער ליטעראַטור און פרעסע געשטאַנען פיעלע צייטווייליגע אָדער, באמת געזאָגט, „געצוואונגענע“ פריינד. זיי זיינען געצוואונגען געווען צו „פערשוועכען“ זייער פעדער בעת זיי האָבען געוואָלט רייען ניט בלויז צו דעם קליינעם הויפעלע פון דער בעל־הבית'ישער אריסטאָקראַטיע, נאָר צום גרויסען פאָלק. פיעלע פון די דאָזיגע אמאָליגע שונאים וועלכע האָבען בעטראַכט אידיש אלס קיך־און־יאַטקע שפראַך זיינען נאכהער געוואָרען איהרע פאַרקעמפפער און איבערגעבענע פריינד. פיעלע אָבער פיהרען נאָך אלץ אָן די פערביסענע ווינד־מיהל מלחמה געגען אידיש.

גליקליכער איז אין דיזען פאַל די אידישע אמעריקא. די אידישע פרעסע און די אידישע ליטעראַטור, די אידישע און ניט די דייטשמערישע,*) איז גלייך פון געבורט אָן געווען אן ארבייטער־ליטעראַטור אין אמעריקא.

אמת, די דאָזיגע פרעסע איז אין פיעלעם הינטערשטעליג אין פערגלייך מיט איהר שוועסטער אין רוסלאנד. עס איז אָבער ניט אין גאַנצען איהר אייגענע שולד. זי האָט אָפּגעשפּיגעלט דעם קול־

*) מיר וועלען אגב אורחא בעמערקען, אז דער „ארבייטער רינג“ איז דער ערשטער אידישער אָרדער אין אַמעריקאַ וואָס האָט זיך אין זיינע בעריכטען און שריפטען בעפרייט פון דעם קאַלוואַריער דייטשמערישען אידיש, וועלכער ווערט נאָך ביז היינטיגען טאָג געברויכט פון די איבריגע אידישע אָרדערס. אויף אן אנדער פּלאַץ גיבען מיר איניגע אינטערעסאַנטע אויסציגע פון דער ערשטער קאָנסטיטוציאָן פון ארבייטער רינג, געדרוקט אין 1892, וועלכע האָט געטראָגען דעם זעלבען דייטשמערישען כאַראַקטער. דער ארבייטער רינג האָט זיך אָבער פון דעם גלייך בעפרייט.

י. וו.

טור מעמד, די נויטען און גייסטיגע פאָדערונגען פון איהר דאמאלס־ריגען לעזער. איך געהער ניט צו די וואָס ווילען בשום אופן ניט זעהען דעם גרויסען קולטורעלען מהלך וואָס ליגט צווישען דעם לעזער פון די בעסערע צייטשריפטען אין רוסלאנד און צווישען דעם לעזער פון די היגע צייטונגען. נאָך ביז היינטיגען טאָג זיינען משכילים און האלבע־אינטעליגענטען א גרויסער טהייל פון די וואָס לעזען די בעסערע פרעסע אין רוסלאנד, וועהרענד דער רוב מנין ובנין פונ׳ם היגען לעזע־פובליקום בעשטעהט פון ארבייטער, וואָס האָבען מייסטענס ניט גענאָסען פון קיין שום בילדונג אין זייער יוגענד.

איך בין אָבער אויך ניט איינפערשטאַנען מיט די טענות פון אייניגע פון די אמעריקאנישע אידישע שרייבער וואָס ווארפען ארויף די גאנצע שולד פון דער פרעסע אויף דעם לעזער׳ס עם־הארצות און וואולגאריטעט.

דיזע שרייבער האָבען פערזעהען איין קלייניגקייט. זיי האָבען פערזעהען אָדער מאכען זיך ניט זעהענדיג, אז גאָר א נייער לעזער איז אויסגעוואקסען, אז דער אינטעליגענטערער ארבייטער־לעזער פון היינטיגען טאָג איז ווייט פון דעם ארבייטער־לעזער פון 20 יאָהר צוריק כרחוק מזרח ממערב. זיי ווילען ניט פערשטעהן, דאָס פאר די לעצטע צוואנציג יאָהר האָט זיך צוזאמען מיט דער ענטוויקלונג פון דער אידישער ליטעראטור אויך ענטוויקעלט דער אידישער ארבייטער; זיי ווילען ניט וויסען אז דיא אידישע ארבייטער־מאסע האָט פון זיך אויסגעטהיילט א גרויסע ארבייטער־אינטעליגענץ, וועלכע וויל און דארף וויסען אלעס וואָס אן אינטעליגענטער מענש מוז וויסען; אז די קאַפּיקענע און סענטיגע וויסענשאפט און ליטעראטור איז שוין ניט אימשטאנד צו בעפרידיגען די גייסטיגע בעדירפניסען פון דעם פראָגרעסיווען אידישען ארבייטער.

עס איז לייכט צו ענטפערן דעם געוויינליכען גוט־בעקאנטען תירוץ, אז די וואָס קומען מיט די אויבענדערמאָנטע טענות קענען ניט דעם לעזער, אז דער היינטיגער לעזער איז נאָך אויך ניט קיין גרויסער למדן, מען דארף נאָך מיט איהם לערנען „אלף בית“, אז ער וויל פון ערנסטעס ניט וויסען, אז ער לעזט שונד פיעל גערנער פון

אמת'ע ליטעראַטור, אַז ער בעזוכט אַ נבול־פּה אָדער סתם נאַרישע „לעקטשור", במחילה, מיט מעהר חשק אײדער ער געהט הערען אַן ערנסטען פאָרטראַג, אַז, מיט אײן וואָרט, דער אידישער אַרבײטער שטעהט אויף דעם זעלבען קולטור־מעמד ווי ער איז געשטאַנען מיט 25 יאָהר צוריק, ווי עס ערקלעהרען טאַקע אײניגע בעת זײ קומט אוים בײ אַ געלעגענהײט צו רײדען וועגען דעם.

ווען אָבער וועט שוין דיזער אָבערגלויבען בנוגע די גײסטיגע פאָדערונגען פון דעם אידישען פּראָגרעסיווען אַרבײטער צושטערט ווערען, ווער וועט ענדליך עפענען די אויגען פון די אַלע וואָס לעבען נאָך אַלץ אין מלך סאָביעצקי'ס צײטען און זעהען ניט וואָס עס קומט פאָר אונטער זײער נאָז?

* * *

מיר שײנט, אַז דער אַרבײטער רינג קאָן פיעלעס אויפטהאָן אין דיזען פּרט.

מיר שײנט, אַז אַן ענטפער אַ קלאָרען און אַ דײטליכען וואָס זאָל אָבקלינגען איבער דעם גאַנצען קוואַרטאַל, אַז טויבע זאָלען אפילו דערהערען, קען געבען און דאַרף געבען דער אַרבײטער־רינג. און דער ענטפער קען געגעבען ווערען אויף פאָלגענדען אופן.

אויב עס קענען נאָך זײן מײנונגס־פערשיעדענהײטען צו דאַרף זיך דער אַרבײטער רינג בעשעפטיגען מיט פּאָליטישער טהעטיגקײט, קענען אָבער שוין קײן צװײ מײנונגען ניט זײן, דאָס דער אַרבײטער רינג קען נאָר דאַן זײן בערעכטיגט אויף זײן ריזיגען ערפאָלג ווען ער וועט זיך אָבגעבען ערנסט און פּלאַנמעסיג מיט אַלגעמײן קולטורעלער אַרבײט. ווען „בילדען און אויפקלעהרען" וועלען זײן די הױפּט עיקרים פון זײן אני־מאמין. און, װירקליך, ווער האָט נאָך אַזאַ גלענ־צענדע מעגליכקײט אָנצופיהרען אַ שטאַרק אָרגאַניזירטע קולטורעלע בעוועגונג אין אידיש צווישען די אידישע אַרבײטער אין אַמעריקאַ ווי דער אַרבײטער רינג!

דער אַרבײטער רינג ווערט פון טאָג צו טאָג די גרעסטע און שטאַרקסטע פעסטונג פון דעם אידישען אַרבײטער און פון דעם פּראָגרעסיווען אידען בכלל. ער ווײס ניט פון קײן קלײזעל מחלוקות,

פון קיין „גדולים“ צאַנקערייען, ער האָט פאַר זיך די גאַנצע סימפּאַטיע פון אַלע פּראָגרעסיווע מענשען, ער איז געזונד און שטאַרק און אויף דעם געביעט פון קולטורעלער טהעטיגקייט קען ער צוזאַמענקלייבען און פעראייניגען די בעסטע, די פּראָדוקטיווסטע און די ערנסטעסטע כחות וואָס מיר האָבען נאָר אין לאַנד.

אַז מיר האָבען אין אַמעריקא אַ היבשע אידישע אינטעליגענץ איז איבריג צו זאָגען. דער אומגליק איז נאָר וואָס זי איז צוברעקעלט, צוריסען אויף שטיקלעך, צוזעעט און צושפּרייט, ניט האָבענדיג פאַר זיך קיין פּאַסענדע געזעלשאַפטליכע קולטורעלע טהעטיגקייט וואָס זאָל זי פעראייניגען.

עס פעהלט ביי אונז די גייסטיגע אַטמאָספערע.

און דיזע אַטמאָספערע קען דער ארבייטער רינג שאַפען ווען נאָר ער וועט גענוג וועלען.

קאָנצענטרירענדיג ארום זיך דאָס בעסטע און שענסטע וואָס מיר פערמאָגען אין קוואַרטאַל, קען דער ארבייטער רינג ווערען דער טאָנגעבער פון דעם אידישען פּראָגרעסיווען לעבען אין אַמעריקא. וועקענדיג און בילדענדיג די אידישע מאַסען וועט ער צו דערזעלבער צייט אויסבילדען אַ שטאַרקע עפענטליכע מיינונג. די אינטעליגענץ וועלכע געהט אין ניוועץ אין איינזאַמקייט און עלענד וועט האָבען פאַר זיך גענוג קולטורעלע ארבייט. די ענערגיע פון איינצעלנע וואָס געהט איצט לאבוד וועט ניט פערלאָרען געהן.

דאָס איז דער איינציגער פערנינפטיגער ענטפער וואָס דער ארבייטער רינג דאַרף געבען די אַלע חכמים פון דער הגדה, דעם „תם“ ווי דעם „רשע“ וואָס פרעגען: וואָצו די גאַנצע ארבייט, עס געהט דאָך אַלץ איינס פערלאָרען אין דעם גרויסען ים . . .

דר. טש. ראַיעווסקי.

בלעטלאַך פון דער געשיכטע פון סאַנאַטאָריען פאַר שווינדזיכטיגע.

עגען דער געשיכטע פון סאַנאַטאָריען קען מען זאָגען, ווי אין פיעלע אַנגעלעגענהייטען, „אין חדש תחת השמש“, עס איז ניטאָ קיין נייעס אונטער דער זונן, „דאָס אַלעס איז שוין לאַנג דאָ געווען“. נאָך אין יאָהר 1747, דאָס הייסט מיט 163 יאָהר צוריק האָט דר. אַנדריו סטוארט פון סקאָטלאַנד פאָרגעשלאָגען מעהר פרייע לופט פאַר בע־האַנדלונג אין לונגען שווינדזוכט, דאָס זעלבע האָט אויך געפּרעדיגט דר. וויליאַם בוקען, אין יאָהר 1783. אויך דער וועלט־בעריהמטער אַמע־ריקאַנער דאָקטאָר בענדזשאַמין ראַש, וועמענס נאָמען טראָגט יעצט איינער פון די בעסטע קאָלעדזשעס אין שיקאַגאָ, האָט דאָס זעלבע געפּרעדיגט אין 1794־טען יאָהר. דאָס זיינען אַלץ געווען וועלט־בע־ריהמטהייטען. מען האָט זיי ניט שטאַרק אָפּגענירט, מען האָט זיי אבער אויך ניט געהערט. מען האָט זיך געטראַכט, אַז גרויסע חכמים קענען אַמאָל זאָגען אַ נאַרישקייט, און די מיינונג זייערע וועגען קאָנסאַמפּשען האָט מען גערעכענט פאַר דער נאַרישקייט, צו וועלכע זיי, די געלעהרטע, זיינען ענטייטעלד.

גאָר אַנדערש האָט עס פּאַסירט מיט דר. דזשאָרדזש באָרדינגטאָן



אדמיניסטריישיאָן בילדינג — ארבייטער רינג סאַנאַטאָריום ליבערטי, נויאָרק.

אין ענגלאַנד. ער איז געווען אן ארימער אונבעקאַנטער קאָונטרי־דאָק־טאָר, וועלכער האָט געהאַט די „פּרעכהייט" אין 1840 צו לאָזען דרוקען זיינעם אן ארטיקעל אונטער דעם נאָמען: „די היילונג פון לונגען־שווינדזוכט אויס די פּרינציפּען פון נאַטור, ראַציאָנאַליזמוס און ערפאָלג". ער האָט דאָרט אָנגעצייגט, אז גוטעס געשמאַקעס עסען, פרייע לופט ביי־טאָג און ביי־נאַכט, אז סיסטעמאַטישער עקסערסייז פאַר די פּאַציענטען זיינען די הויפּט־זאַכען אין דער בעהאַנדלונג, ער האָט געהאַט דעם עזות דאָרט צו זאָגען, אז קעלט, קען עס זיך זיין ווי קאַלט עס איז, איז אבסאָלוט ניט שעדליך פאַר דעם פּאַציענט, פאַר־קעהרט, גאָר פיעלע מאָל גוט. ער האָט גע'טענה'ט, אז די פענסטער, טירען דאַרפען גאָר זיין אָפען, און אז די אינסיידיגע לופט מוז זיין אזוי עהנליך ווי נור מעגליך צו דער וואָס איז דרויסען. אין ענגלאַנד האָט שוין דענסטמאָל עקזיסטירט א היבשע צאָהל האָספּיטעלער פאַר קאָנסאָמפּטיווע, אונטער דער אויפזיכט פון אויטאָריטעטען אין קאָנ־סאָמפּשען. אין יענע האָספּיטעלער האָט מען זיך זעהר שטאַרק געהיט פון פרישע לופט און קעלט, די קראַנקע זיינען איבערגעגעבען געוואָרען צו נוירסעס, נור אום צו פערלייכטערען זייערע שמערצען. קאָנסאָמפּשען האָט מען בעטראַכט אלס אן אונהיילבאַרע חלאת. מען האָט בעטראַכט דאָרום דר. באָרדינגטאָן אָנפאַנגס אלס פייקער, נאָכהער אלס לונאַ־טיקער, מען האָט איהם פערפאָלגט אויף טריט און שריט, ביז מען האָט ענדליך חרוב געמאַכט זיין סאַנאַטאָריום, די קראַנקע האָט מען פון דאָרט צוטריעבען, און דר. באָרדינגטאָן, איין מאַרטירער פאַר סאַנאַ־טאָריום בעהאַנדלונג איז גע'שטאָרבען פון האַרץ קלעמעניש. ניט בעסער איז עס געגאַנגען מיט א 10 יאָהר שפּעטער, מיט דר. הענרי מעקאַרמאַק אויך אין ענגלאַנד.

געוויס זיינען זייערע פערשטענדניסע וועגען סאַנאַטאָרישע בע־האַנדלונג נאָך געווען אין די קינדער יאָהרען, אין פערגלייך מיט דעם היינטיגען בעגריעף פון בעהאַנדלונג קען מען זיי פערגלייכען בלויז צו פוטאָל שיפּעל, ווען מען וויל זי פערגלייכען מיט די היינטיגע שנעל־ראַמפּפער. די גרונד־פּרינציפּען אָבער זיינען די זעלבע ווי היינט. וואָס

די ווייטערע פֿאַרשער האָבען אויפגעטהאָן איז בלויז די אויסאַרבייטונג פון די דעטאַלען פון די פּרינציפּען.

דער גורל אויסצואַרבייטען די דעטאַלען וועגען די סאַנאַטאָרישע, דאָס הייסט די דיעטעטישע און היגיענישע בעהאַנדלונג, איז געפאַלען אויף אונזערע דייטשע חברים. און אויך זיי איז עס ניט אַזוי לייכט אָנגעקומען. אויך זיי האָט מען פערפאָלגט, אַבגעלאַכט, און צייטענווייז בעטראַכט אַלס שאַרלאַטאַנעס. אפילו דר. קאָך האָט געהאַט פיעלע גע־ברענטע צרות ווען ער איז אַרויס מיט זיין טובערקולין. אַזעלכע גרויסע געלעהרטע ווי ווירכאָוו, האָבען פון איהם געמאַכט אַש און בלאָטע. פיעלע פון קאָכ'ס יעצטיגע אַנהענגער און בעוואונדערער זיינען געווען זיינע ביטערע געגנער מיט 15—20 יאָהר צוריק.

דער ערשטער אָנצונעהמען דר. בארדינגטאָנ'ס טהעאָריען אין דייטשלאַנד איז געווען דר. ברעהמער, און גראַדע ווי פון באַרדינגטאָנ'ען, אַזוי אויך פון איהם האָט מען געמאַכט פיעל חוזק; ברעהמער האָט זיך אָבער געהאַלטען ביי זיינעס, און נאָך פיעל מיהע האָט זיך איהם איינ־געגעבען צו געווינען דעם צוטרוי פון אַלעקסאַנדער פאָן הומבאָלדט און פּראָפעסאָר שענליין, און מיט זייער פּראָטעקציאָן איז איהם געלונגען אַרויסצונעהמען איין ערלויבנים צו עפענען איין סאַנאַטאָריום.

יעצט איז זיין סאַנאַטאָריום אין גערבערסדאָרף, דער גרעסטער אין דער וועלט. ער האָט דריי אַבטהיילונגען: איינע פאַר די גאַנץ רייכע, די צווייטע פאַר די מיטעלע קלאַסע און איין דריטע פאַר חברה אביונים. די לעצטע איז אויך די לעצטע איינגעפיהרט געוואָרען. זיין שילער, דר. דעטווייל ער, האָט פיעלעס אויך אויפגעטהאָן אין דער זעלבער ליין. און פון זייער סוקסעס אין די 60־ער און די 70־ער יאָהרען פון לעצטען יאָהר־הונדערט זיינען פיעלע איבערצייגט געוואָרען אין דער ריכטיג־קייט פון דער סאַנאַטאָרישע בעהאַנדלונג.

אין אַמעריקאַ ויינען זייערע טהעאָריען אויך שנעל פערפּפלאַנצט געוואָרען. מען האָט זיך דערמאָהנט אין אַלטען דר. ראש'ס טהעאָריען. די אַרט פון היילען קאָנסאָמפּשאָן איז אַבער ניט געווען גוט אָרגאַני־זירט און מיט דעם סאָרט היילען האָבען זיך געקענט בענוצען בלויז די רייכע לייט, וועלכע זיינען געווען אימשטאַנד אָפּצופאָהרען אין דער

קאָונטרי און בויען פאר זיך אזעלכע סאָרטען הייזער און אויף אזעלכע פלעצער ווי די קראנקהייט פאָדערט, און אויך האָבען איבער זיך די שטענדיגע אויפזיכט פון איין געניטען ארצט אין דער ווייסער פלאָג. די ארימערע קלאסע פלעגט אויסגעהן אין די פערמאכטע האָספיטעלער, אויב מען האָט זיי ארייגענומען, אדער פלעגען אויסהויכען זייער לעצטען אטהעם־צוג אין די טענעמענט הייזער, פארפעסטענדיג דאָרט די לופט און איבערגעבענדיג די קראנקהייט די ארומיגע מענשען.

ווען די ארימע האָט זיך דער ערשטער פארטראכט דר. עדוואַרד ל. טרודא, דער ערשטער אמעריקאנער אנהענגער פון ברעהמער און דעטוויילער, און דער ערשטער פראפאגאנדיסט פאר פאָלקס־סאנאטאָריען. מען מוז אָבער גלייך דאָ צוגעבען, אז די פאָלקס־סאנאטאָריום האָט זיך איהם פערזענליך ווייניג איינגעגעבען. דער פּלאַץ, וואו ער האָט אויסגעקליבען איז גלייך פארפלייצט געוואָרען מיט רייכע פאציענטען, און סאראנאק לייק איז יעצט שווער אָנצורופען איין פאָלקס־סאנאטאָריום. די אידעען אבער פון טרודא זיינען אָנגענומען געוואָרען ביי אנדערע, וועלכע האָבען דאָס דורכגעפיהרט אין איין גרעסערען מאסשטאב. וועגען זיי וועלען מיר ריידען שפעטער. יעצט וועלען מיר געבען איין קליינע געשיכטע פון זיין פאלקס־סאנאטאָריום.

דר. טרודא'ס וואונש איז געווען צו גרינדען איין סאנאטאָריום, וואו ארימערע מענשען זאָלען קענען זיין פאר א 7—8 דאָלאר א וואָך. דאָס האָבען איייניגע געקענט צאָהלען, דאָס וואלט געדעקט די קאָסטען פון אויפהאלטען דעם סאנאטאָריום, אבער אויף בויען איין סאנאטאָריום האָט ער דעם מזומן ניט געהאט. אמת, פראפעסאר לומוס האָט איהם צוגעזאגט הילפע, און האָט איהם אויך געגעבען, אבער דאָס איז געווען מעדיצינישע הילפע, און מיט איהר קען מען בילדערס ניט צאָהלען, קיין קיה ניט קויפען און אויך די אנדערע בילס ניט סעטלען. נאָך גרויסע מיהע האָט ער דאָך געפונען אייניגע גוטע מענשען, וועלכע האָבען בייגעשטייערט, און ער האָט אויסגעבויט אין יאהר 1884 צוויי קאָטעדזשעס ; ווי גרויס די קאָטעדזשעס זיינען געווען, און ווי בעקוועם זיי זיינען געווען, קען מען זיך שוין פארשטעלען פון דעם, וואס יעדער

פון זיי האט געקאסט 350 דאלאר, דאס איז שוין מיט די פארטשעס. באהייצען פלעגט מען זיי אין די קאלטע ווינטער נאכט מיט האלץ אין איין בלעכענע אייוועלע, און בעלייכטען מאנכעס מאל מיט א קעראסין־לעמפעל אדער איין חלב'דיגע ליכטעל, איך זאג מאנכע מאהל, ווייל פיעלע מאהל האט מען זיך געמוזט באגעהן אהן בעלייכטונג. עס האט איהם אויך געקאסט זעהר פיעל מיה, און ער האט געמוזט זיך בענוצען



דער אנפאנג פון סאנאטאריען אין אמעריקא, איינער פון די ערשטע קאטעדזשעס אין סאראנאק לייק.

מיט זיין גאנצען אראטארישען טאלאנט, אום צו פועל'ן ביי זיינע ערשטע פאציענטען, זיי זאלען פערברייינגען זייער צייט אין דרויסען אויף דעם פארטש. מיט די אלע צרות האט דר. טרודא דאך געהאט



ווי די פאַרם פון ארבייטער רינג סאַנאַטאָריום האָט
אויסגעזעהען ווען מען האָט איהר גע קויפט.

א גרויסען ערפאָלג. ביםלעכווייז איז זיין סאנאטאָריום פערגרעסערט געוואָרען, און יעצט איז ער דער גרעסטער און שעהנסטער סאנאטאָריום אין די יונייטעד סטייטס.

דר. טרודא'ס אידעען זיינען אויף אָנגענומען געוואָרען דאן פון מעהרערע, און אין אמעריקא איז געוואָרען איין גאנצע בעוועגונג צו גרינדען פאָלקס־סאנאטאָריען, ענטוועדער פאָלקאָמען פרייע פאר דעם ארימען עולם, אָדער אזעלכע, וואו מען דארף ניט צאָהלען קיין גרויסע פרייזען.

דר. לומיס, וועלכער האָט געהאָלפען און געארבייט צוזאמען מיט דר. טרודא, האָט איינגעזעהען, אז מיט בלויז ביליגע סאנאטאָריומס קען מען ניט דורכקומען מען מוז אויך האָבען מיטעל פיר שטודירען קאָנסאָמפּשאָן, מען מוז האָבען גרויסע לאבאָראטאָריעם אויף דעם, און די 7 דאָלאר א וואָך, וואָס די ארימע צאָהלען, טראָגען ניט אויף אזעלכע זאכען. ער האָט דארום דאן געגרינדעט דעם סאנאטאָריום אין ליבערטי, מיט דעם הויפּט־צוועק צו שטודירען די קראנקהייט און אויך די בעסטע מיטלען געגען איהר. דער לומיס סאנאטאָריום איז פון אָנפאנג אָן געווען געגרינדעט הויפּטזעכליך פאר די רייכערע קלאסע, וועלכע קענען צאָהלען גענוג אום אויפצוהאלטען די לאבאָראטאָריען. שפּעטער אָבער האָט מען צום לומיס סאנאטאָריום צוגעזעצט נאָך צוויי אבטהיילונגען פאר ארימערע מענשען, איינע וואו מען צאָהלט 10 דאָלאר א וואָך (פאר 14 פּערזאָן) און איין אנדערע, וואו מען צאָהלט בלויז 5 דאָלאר א וואָך. אין דער אבטהיילונג זיינען יעצט דא איבער 40 פאציענטען.

גלייך נאָך דער עפענונג פון לומיס סאנאטאָריום האָבען אויך פערשיעדענע סטייטס און טשאריטי־געזעלשאפטען אָנגעפאנגען צו עפענען סאנאטאָריען פאר אָרימע קאָנסאָמפּטיווע, מייסטענטהיילס זיינען זיי געווען גאנץ פריי פאר די פאציענטען. די בעוועגונג אָבער פאר פאָלקס־סאנאטאָריען, וואו די פאציענטען זאָלען אליין בעצאָהלען פאר זייער בעהאנדלונג האָט אויך ניט געשטאפּט. אלס איינעם פון די גרעסטען און ערפאָלגרייכסטען עקספּערימענט אין דעם קען מען רעכענען דעם ווהייט הייווען סאנאטאָריום לעבען פילאדעלפיא. זיין

הויפט גרינדער, בעסער געזאגט דער לייטענדער גייסט אין דער גרינ־רונג פון סאנאטאָריום איז געווען פּראָפעסאָר פליק.

די סאָסייעטי וואָס סופּאָרטעט דעם ווהייט הייווען סאנאטאָריום איז אָנפאנגס געגרינדעט געוואָרען פון איין גייסטליכען אין פילאדעלפיא אויסצוהעלפען די שווינדזיכטיגע פון זיין קהלה, זיי פלעגען שיקען די פּאציענטען אין האָספּיטעלער. ביסלעכווייז איז די סאָסייעטי פערגרע־סערט געוואָרען און זיי האָבען אָנגעפאנגען אויסצוהעלפען אויך לייטע, וואס האָבען ניט בעלאנגט צו זייער טשורטש. עס איז געוואָרען איין אלגעמיינע סאָסייעטי, וועלכע האָט געהאָלפען יעדען, ניט קוקענדיג אויף זיין רעליגיאָן אדער ראסע, און זייער טהעטיגקייט האָט שוין זיך ניט באגרענצט בלויז מיט פילאדעלפיא, זאָנדערען האָט זיך צושפּרייט איבער דעם גאנצען שטאאט פּענסילווייניא. זעקס יאָהר האָבען זיי עקזיסטירט, שיקענדיג די קראַנקע אין האָספּיטעלער. זיי האָבען אָבער ענדליך איינגעזעהען, אז זיי מוזען האָבען אן אייגענעם גוט אָרגאני־זירטען סאנאטאָריום. און אָט פאר דער ארבייט האָט זיך גענומען דר. פליק.

קיין סענט געלד האָבען זיי ניט געהאט ביים גרינדונג פון סאנא־טאָריום. דער אפּיעל זייערער און זייער פריהערדיגע טהעטיגקייט האָט אָבער געווירקט אויף אייניגע וואהלהאבענדע פּערזאָנען און זיי האָבען איינגעקאָלעקטעט א פאָנד פון 25 הונדערט דאָלארס. מיט דעם געלד האָבען זיי געקויפט אן אלטע פערלאָזענע פארם אין ווהייט הייווען. אללעס וואָס זיי האָבען געהאט אויף דער פארם איז געווען איין אלטע צובראָכענע הייזקע און איין בארן. פאר קיין שטימען־שרייבער אין דעם „טעגליכען שקר“ האָבען זיי קיין פורכט ניט געהאט. די אנשטענ־דיגע בעלי־בתישע קאָמיטעטשיקעס האָבען אויך גלייך פערשטאנען, אז זיי זיינען ניט קיין סאנאטאָרען, אז אלעס וואס זיי קענען טהאָן, איז אויפפּאסען געגען „גרעפט“, גראָבע בעהאנדלונג, און רייזען מיטלען און אז די אראנדזשעמענטס מוזען זאפּארט איבערגעגעבען ווערען אין הענד פון לייטע וואס האָבען איין ידיעה וועגען סאנאטאָריען, צו די ערצטע, און אזוי האָט מען עס אויך געטהאָן.

אין דער אלטער, צובראָכענער הייזקע האָט מען גלייך אריינגע־

שטעלט אן אויווען און אראנזשירט דאָרט אויף שנעל איין קיך מיט איין אדמיניסטריישאָן־אָפיס. די פארטש האָט מען א ביסעל פערגרע־סערט און געמאכט פאר איין דיינינג פאוויליאָן, און אין בארן האָט מען אריינגעשטעלט בעטען און געמאכט פון איהם איין שלאָף פא־וויליאָן. די רעזולטאטען, גאנץ נאטירליך, זיינען געוועזן גוטע פון אָנ־פאנג אָן. די קאָמיטע האָט אריינגעקראָגען מעהר דאָנייטשאָנס און מען האָט זיך גענומען צו בילדען קאטעדזשעס. זייער סוקסעס איז געוועזן אזוי גרויס, אז ווען דער מיליאנער פיפס האָט זיי בעזוכט, איז ער אזוי איבערראשט געווארען פון דער ערפאָלג דאָס ער האָט גלייך בעשלאָסען אָנפאנגען איין קאמפיין געגען דער שווינדזוכט און האָט געגרינדעט דעם פיפס אינסטיטוט אין פילאדעלפיא, און נאכהער דעם אגנעס מע־מאָריאל־האָספיטאָל אין קאָלאָראדאָ. ער האָט אויך מנדר געווען 85 הונדערט דאָלאר אויף דעם ווייט הייווען סאנאטאָריום. אויף דעם געלד אייגענטליך האָט מען אויסגעבויט די ערשטע קאטעדזשעס.

דער רושם, וואָס דער סאנאטאָריום האָט אָנגעמאכט איז געוועזן איין זעהר גרויסער. אפליקיישאָנס האָט ער געהאט אין די הונדערטע, און פלאַץ בלויז אין די צעהנדליגע. מען האָט דארום אָנגעפאנגען זוכען גרעסערע מיטלען. מען האָט זיך געווענדעט צו דער לעדזשיסלייטשור און געבעטען געלד. מען האָט עס אויך אין יאהר 1903 באקומען, נעמליך, 65 טויזענד דאלאר אויף בילדינגס און 50 טויזענד דאלאר אויף אויסצוהאלטען צוויי יאהר. מען האָט גלייך אָנגעפאנגען צו מאכען אקאָמאָדיישען פאר 350 פאציענטען. מיט 2 יאהר שפעטער האָט דער סאנאטאָריום ווידער בעקומען 60 טויזענד דאלאר אויף צוויי יאהר פיר עקספענסעס און 10 טויזענד דאלאר אויף ריפיירס און נייע ביל־דינגס.

די געלדער אבער, וואס מען האָט בעקומען פון סטייט פלעגען אָפט אויספאלען באָקאָם, דער סטייט פלעגט זיך האָבען זיינע קאָמי־טעטשיקעס, וואָס פלעגען דאָך מוזען עטוואָס צייגען אז זיי זיינען ניט אבי ווער, האָבען זיי זיך געמישט צופיעל אין סאנאטאָריום, און די ענדע איז געוועזן, אז די עקספענסעס זיינען געוואָרען צו הויך. אויסער דעם האָט דער סאנאטאָריום געמוזט אויפהאלטען 100 פאציענטען

פריי. די פאציענטען פלעגען זיין ארייננעשיקט פון סטייט. נעמענדיג דאָס לעצטע אין אנבעטראכט, האָט דער ווייט הייווען סאנאטאָריום אייגענטליך גאר ניט בעקומען, ווארום דעם אויפהאלטען פון די פאציענטען האָט געקאסט פאסט דאָס, וואָס זיי האָבען בעקומען פון סטייט. די אריינמישען זיך אין די סאנאטאָרישע אנגעלעגענהייטען פון ניט־



די ערשטע שלאָף־צימערען אין „ווייט הייווען סאנאטאָריום" איבערגעמאַכט פון אַ סטייבעל.

פראָפעסיאָנעלע מענשען האָט געפיהרט צו פיעלע סכסוכים, וועלכע האָבען זיך געענדיגט מיט דעם, וואָס דער סאנאטאָריום האָט פאר א יאָהרען זיך איינגאנצען אָבגעזאָגט פון דער הילפע וואָס דער סטייט האָט איהם ווידער אַנגעבאָטען.

דער סאנאטאָריום ווערט יעצט געפיהרט אזוי, דאָס יעדער פאַציענט מוז צאָהלען פאר זיין אויפהאלטען. די פרייזען זיינען דאָרט



FARM HOUSE ORIGINAL PURCHASE USED AT FIRST FOR DINING ROOM; NOW USED FOR HOUSING LABORERS.

פאָלגענדע: ארבייטס-אונפעהיגע צאָהלען 7 דאָלאר א וואָך, נאָך איין מאָנאט זיין אין סאנאטאָריום 5 דאָלאר א וואָך, אויב דער פאציענט קען ארבייטען פון 1 ביז 4 שטונדען א טאָג, און נאכהער 3 דאָלאר א וואָך — אויב ער קען ארבייטען מעהר ווי 4 שטונדען, און אינגאנצען פריי אויב דער פאציענט קען ארבייטען 8 שטונדען א טאָג. די לעצטע סאָרט פאציענטען האלט מען געוועהנליך בלויז איין מאָנאט, דאָס איז אויך די לעצטע פּראָבע, אז דער פאציענט איז קורירט. פאָלקאָס הילפלאָזע פאציענטען, וועלכע מוזען האָבען מעהר אטענדענס, און וועמענס אויסזיכטען איז ניט פון די בעסטע, צאָהלען דאָרט 9 דאָלאר א וואָך.

דער זעלבער סאָרט עקספּערימענט פון איין סאנאטאָריום וואָס זאָל זיך אליין בעצאָהלען, ווערט יעצט אויך געמאכט אין נויאָרק סטייט. ער איז אבער בלויז פיר פרויען און קינדער, די פּרייזען זיינען דאָרט 7 דאָלאר א וואָך, קיין ארבייט טהוען די פאציענטקעס דאָרט דערווייל ניט, אויסער אויסנעהען און פלעכטען בעסקעטס און נאָך אזעלכע ארבייט. דער עקספּערימענט מיט איהם איז נאָך ניי, מען דאַרף נאָך געלד פאר בילדינגס און אנדערע איינריכטונגען, און ער בעקומט שטיצע פון פּריוואט-פּערזאָנען אויף דעם. ער האָט יעצט 100 פאציענטען.

די אויבען-דערמאָהנטע סאנאטאָריען זיינען פאָלקס-סאנאטאָריען נור אין איין געוויסען גראַד, ווייל אויף איינריכטונג האָבען זיי גע־מוזט קלייבען דאָנײשאָנס פון פרעמדע מענשען. אויב זיי ווּעלען זיך בעצאָהלען פון די געביהרען וואס די פאציענטען צאָהלען, איז אויך ניט פעסט-געשטעלט, אבוואָהל די סטאטיסטיק פון דעם לומיס אננעקס צייגט, אז זיי דארפען זיך בעצאָהלען, ווייל דער דורכשניטליכער קאָסט פון אויפהאלטען איין פאציענט האָט זעלטען איבערשטייגט 6 דאָלאר א וואָך.

די אמת'ע פאָלקס-סאנאטאָריען בעוועגונג דאַרף מען דארום רע־כענען פון יאהר 1892 ווען דער טיפּאָגראפיקאל יוניאָן האָט איינגע־פיהרט אזעלכען, וועלכער ווערט אויפגעהאלטען פון די בייטרעגע און פון די פאָנדען פון דער יוניאָן; ביי אידען דאַרף מען רעכענען דעם אָנפאנג פון דער צייט, ווען דער „ארבייטער רינג“ האָט בעשלאָסען



ליענטו „ליבערטי“. ארבייטער רינג סאנאטאריום, פעברואר 12, 1910.

רעיבאלדסגרין. הייל־אנשטאלט פיר לונגען־קראַנקע אין סאַקסאָניא.

בויען אן אייגענעם סאַנאַטאַריום, און ניט דורך דאָניישאָנס, זאָנדערען דורך איין רעגעלען אינשורענס־אַססעססמענט, וואס יעדער מעמבער דאַרף צאָהלען. אונגעפעהר אין דער זעלבער צייט, אבער עטוואָס שפּעטער, האָבען אויך די מאָדערן וואודמען, אויך איין פראטוירנאַל אָרגאַניזיישאָן באַשטעהענד מייסטענס פון קריסטען, בעשלאָסען צו בויען אן אייגענעם סאַניטאַריום. זיי נעהמען אָבער אָן פּריוואַט דאָניישאָנס. די דאָניישאָנס זייערע קומען אָבער בלויז פון די מעמבערס פון זייער אָרדען. גלייך נאָך דער עפענונג פון דעם „אַרבייטער רינג“ סאַנאַטאָריום האָט דער אידישער אָרדען „אינדעפּענדענט ברית אברהם“ אויך אָנגעפאַנגען צו פּלאַנעווען איין אייגענעם פאָלקס־סאַנאַטאָריום, און ווי עס איז צו זעהען, וועט ער פאָלקאָם נאָכטהאָן דעם אַרבייטער־רינג און וועט איינפיהרען איין אַלגעמיינעם אַססעסמענט צו דיעזען צוועק, אזוי, אז די אונגליקליכע, וואס מוזען אהין אָנקומען זאָלען ניט ערהאַלטען טשאַריטי, זאָנדערען דאָס וואָס קומט זיי, דאָס — פאַר וואָס זיי האָבען פריהער געצאָהלט זייערע אַססעסמענטס.

לאָמיר האָפען, אז די אידעע פון איינפיהרען אמת'ע פאָלקס־סאַנאַטאָריען, ווי דער אַרבייטער רינג טהוט עס, וועט זיך פערשפּרייטען אין אונזערע אונגליקליכע מיט־מענשען וועלכע קענען ניט אָנקומען אין פּריוואַט־סאַנאַטאָריען וועלען קענען קומען אין זייערע אייגענע פאָלקס־היילאַנשטאַלטען, באַקומען זייער געזונג און ניט דאַרפען אָנקומען אין סטייט אָדער טשאַריטי־אינסטיטושאָנס.

General Office Staff.



D. Blitz. H. German. A. Avrutov. A. Karoff A. Zucker. A. Shamaskin. S. Goldman.
S. Fruchter. S. S. Schlesiger. M. Winchevsky. J. Weintraub. B. Fingerhood. I. Halpern.

י. וויינטרויב.

דער אַרבייטער רינג.

(אַ קורצער היסטאָרישער איבערבליק).

ער אריגינעלער פּלאַן פון דיעזען זאמעל־בוך איז געווען, צו האָבען א פאָלקאָמענעם איבערבליק איבער דער פיעל־פערצווייגטער טהעטיגקייט פון ארבייטער רינג. פאָרבערייטונגען זיינען געמאכט געוואָרען דיעזע ארבייט צו מאַכען. די מאַטעריאַל איז אבער זעהר צושפּרייט און צוזעעט, עס האָט זיך געפאָדערט אונגעהויער פיעל צייט צו ברייגנען עס אין אָרדנונג, און נאָך מעהר צייט דעם פערשיעדענעם מאַטעריאַל פאָרזיכטיג צו בעארבייטען. עס איז דערפאַר געווען אונמעגליך ארויסצוברייגנען אַ פאָלקאָמענע ארבייט פאר אזא קורצע צייט. מיר האָבען דארום אָבגעלעגט דיעזע ארבייט פאר אן אנדער פּאסענדע און גינסטיגע געלעגענהייט.

דיעזער זאמעל־בוך וועט אבער געוויס ערווייכען פיעלע קרייזען, וועלכע זיינען מיט דעם ארבייטער רינג ווייניג בעקאנט, וואס ווייסען ניט ווער און וואס דער ארבייטער רינג איז. מיר געפינען דארום פאר נויטהיג צו געבען א קורצען היסטאָרישען איבערבליק אין אַלגעמיינע שטריכען איבער דעם ארבייטער רינג, ווי ער איז ענטשטאנען, זיין ענטוויקלונג, וואס ער איז געווען און וואָס ער איז איצט.

* * *

דער ארבייטער רינג איז געגרינדעט געוואָרען דעם 4טען אפּריל 1892, אלס איינצעלנער פעראיין פון אידישע ארבייטער אין נויארק (דער איצטיגער ברענטש 1), מיט דעם צוועק צו אונטערשטיצען זיינע מעמבערס אין קראַנקהייט און נויט, און זיך פערשאפען גייסטיגע ענט־וויקלונג אין דעם סאָציאַליסטישען גייסט.

מיר גיבען דאָ אויסציגע פון דער ערשטער קאָנסטיטושאָן פון ארבייטער רינג, געדרוקט אין 1893, אין די דאַמאָלסדיגע „ארבייטער־צייטונג"־דרוקעריי:

קאָנסטיטוציאָן
דער
ארבייטער רינג אף נויאָרק
געגרינדעט דעם 4טען אפּריל 1892
אויסגעבעסערט אונד אָנגענומען דעם 1טען יולי 1893

ארטיקעל 1.
נאָמען אונד שפּראַכע

1) דיעזער פעראיין זאָל דעם נאָמען „ארבייטער רינג אף נויאָרק" פיהרען.

2) אלע פערהאנדלונגען און שריפטען דיזעס פער־איינס זאָלען אויף דייטשער שפּראַכע און שריפט גע־פיהרט ווערדען. יעדאָך איזט עס דען מיטגליעדערען גע־שטאַטעט זיך איינער אנדערען שפּראַכע צו בעדיענען.

ארטיקעל 2.
צוועק דעם פעראיינעס

1) צוועק דעם פעראיינעס איזט:

1) געגענזייטיגע אונטערשטיצונג דער מיטגליעדער אין אללע נאָטה אונד אונגליקספאללען,

2) פאָרטבילדונג די מיטגליעדער אונד

3) גרינדונג קאָ־אָפּעראַטיווער געשעפּסטס אונטער־נעהמונגען.

2) דיזע צוויי ארטיקלען (1 אונד 2) זאָללען ניכט גיענדערט ווערדען קעננען זאָ לאנגע 9 גוטשטעהענדע מיטגליעדער דיזעלבען אויפרעכט צו ענטהאלטען וואָללען.

ארטיקעל 3.

פערזאמלונגען

3) פאָרטבילדונגס פערזאמלונגען זאָלען 2 מאָהל מאָנאטליך אן טאגען די דער פעראיין צו בעשטימען האָט שטאטפינדען.

ארטיקעל 8.

אויפנאהמע בעדינגונגען

1) יעדע פערזאָן אָהנע אונטערשיעד דער רעליגיאָן, אבשטאמונג, געשלעכטס אָדער איבערצייגונג, דאָס 20טע לעבענס יאָהר עררייכט האָט אונד דאָס 45טע ניט איבערשריטען האָט קאנן אין דיזעס פערין אלס פריינד אויפגענומען ווערדען, ווען ער זיך אונבעשאלטענעס רופעס ערפרייט איין גוט מאָראלישעס כאראקטער בעזיצט ער מוס אויך קערפערליך אונד גייסטליך געזונד זיין און זיין פאמיליע ערנעהרען צו קאננען.

ארטיקל 10.

רעגולירונג דער צופליעסנדער געלדער.

5) די אונטערנעהמונגס פאָנד זאָל נור צור גרינדונג קאָ־אָפעראטיווע געשעפטס אונטערנעהמונגען פערווענדעט ווערען, די צוגונסטען דער מיטגליעדער דיענען זאָלען, דורך וועלכען איינע מעגליכסט גרעסערע צאָהל מיטגליעדער מיט איינער עקזיסטענץ פערזאָרגט ווערדען זאָללען, אונד דען איבריגען די געלעגנהייט גיגעבען ווערדען זאָל זיך די פראָדוקטע צו איהרען טעגליען געברויך ביי מעגליכסט גינסטיגערען בעדינגונגען צו פערשאפפען.

ארטיקעל 11.

רעכט דער מיטגליעדער.

1) יעדעם מיטגליעד דאָס דיעזעם „ארבייטער רינג“ בערייטס 3 מאָנאטע אנגעהערט גוטשטעהענד איזט אונד ערקאנט דאָס עס זיינע בערופס געשעפטע נאכצוגעהן אונפעהיג איזט, איזט צו 8 וואָכען בענעפעיט בערעכטיגט דאָך קען דער פעראיין בעשליסען איהן אויך נאָך אבגעלויפענען פריסט צו אונטערשטיצען.

2) דאָס קראנקע בענעפיט דיעזעס פעראיינעס זאָל אויף 5 דאָלאר די וואכע בעשטעהען.

מיר האָבען איבערגעגעבען דיעזע אויסציגע פון דער ערשטער קאָנסטיטושאָן וועלכע כאראקטעריזירען צו וועלכען צוועק דער פעראיין האָט זיך געגרינדעט. מיר האָבען אויך ניט געענדערט די שפראַך. דער פונקט אז אלעס אין פעראיין דארף געפיהרט ווערען אין דער דייטשער שפּראַכע ווערט אויף די לעצטע בלעטער אין די „פּעהלער אויסבעסערונגען“ פעררינכט, נעמליך: עס האָט געזאָלט שטעהן „אין דער דייטשער אָדער יודישער שפּראַך“.

אונטער די קאָנסטיטושאָן זיינען פאָלגענדע נעמען אונטערשריעבען:

ב. מאַרגאָליעס, טשערמאַן; ע. וואַרשאָוו, סעקרעטאר; מ. גאָלדרייך; מ. בעקער; ל. קאָהלמאַן; י. גאָלדסמיטה; ה. לאָססי; מ. ליוויי; און ד. גינגאָלד, דאָס גרעסטע טהייל פון זיי, נעמליך: ב. מאַרגאָליעס, מ. גאָלדרייך, מ. בעקער, י. גאָלדסמיטה און ד. גינגאָלד זיינען נאָך איצט מעמבערס אין ארבייטער רינג און קענענדיג זיי וואונדערט אונז טאקע פון וואנען האָבען זיי גענומען דיעזע דייטשמעריש-אידישע שפּראַך אין די קאָנסטיטוציאָן. ניט אנעדרש וויל דיעזע שפּראַך איז צו יענער צייט געווען די הערשענדע לאַדזשען-און פעראיין-שפּראַך.

אין גיכען איז די זאַגענאַנטע דייטשעשע שפּראַך פערשוואונדען.

פון 1892 ביז אָם ענדע פון נייַנצעהנטען יאָהר-הונדערט האָט דער אַרבייטער רינג עקזיסטירט אלס איינצעלנער זעלבסשטענדיגער פעראיין.

שפּעטער האָט זיך געגרינדעט א צווייטער ברענטש אַפּטאָון (דער איצטיגער ברענטש 2) און א דריטער ברענטש אין ברוקלין (דער איצטיגער ברענטש 3).

דיעזע 3 ברענטשעס האָבען דעם 4טען סעפּטעמבער 1900 זיך אָרגאַניזירט אַלס א צענטראַל פערבאַנד מיט דעם צוועק צו גרינדען און אריינצונעהמען ברענטשעס איבער'ן גאַנצען לאַנד.

באַלד ביי די גרינדונג האָט זיך אָנגעשלאָסען אַלס 4טע ברענטש דער „אינטערנאַציאָנאַלער קראַנקען אונטערשטיצונגס־פעראיין פון ברוקלין". צוזאַמען האָבען די 4 ברענטשעס געהאַט ארום 400 מיט־גליעדער.

עס איז אויסגעארבייט געוואָרען די פּרינציפּען ערקלעהרונג. די אויפגאַבען וואָס דער ארבייטער רינג שטעלט זיך צו ערפילען, קענען אויסגעדריקט ווערען אין די פאָלגענדע עטליכע ציילען: „אויסבילדען די ארבייטער דורך בעלעהרונג און אויפקלעהרונג וועגען זייער עקאָנאָמישע און פּאָליטישע לאַגע אין די איצטיגע געזעלשאַפט, און אָבצושאַפען דיעזע געזעלשאַפטליכע סיסטעם, העלפען די טרייד־יוניאָנס אין זייערע קעמפּפע געגען קאַפּיטאַל.

העלפען יעדע וויכטיגע סאָציאַל רעפאָרם, וועלכע די ארבייטער ווילען מיט זייער מאַכט דורכפיהרען".

עס איז אָנגענומען געוואָרען א פּאַרלויפיגע קאָנסטיטושאָן. די בענעפיטס וועלכע זיינען בעשטימט געוואָרען צו געבען די מעמבערס זיינען געווען זעקס דאָלאַר א וואָך קראַנקען בענעפיט, 12 וואָכען א יאָהר, 400 דאָלאַר טויטען בענעפיט פאַר א מאַן און 200 דאָלאַר פאַר א פרוי. ווי אויך לויה קאָסטען פיר אַלע מיטגליעדער פון דער פאַמיליע.

* * *

אין מאָנאַט מערץ 1901 איז אָבגעהאַלטען געוואָרען די ערשטע יעהרליכע קאָנווענשאָן. ביי דיעזער קאָנווענשאָן זיינען אנוועזענד גע־ווען דעלעגאַטען פון 9 ברענטשעס וועלכע האָבען פערטראָטען 644 מיטגליעדער. אין דיעזער קורצער צייט זיינען צוגעקומען 5 ברענטשעס און 244 מיטגליעדער.

די קאָנווענשאָן האָט נאָך אַמאָל אָנגענומען די פּרינציפּען ער־

קלעהרונג וואס זיינען אנגענומען געווארען ביי דער גרינדונגס־קאנ־ווענשאן. איניגע ענדערונגען זיינען געמאכט געווארען אין דער קאנ־סטיטושאן. די עקזעקוטיוו, וועלכע איז בעשטאנען פון 9 פערזאן, איז אינסטרואירט געווארען ארויסצוגעהמען א טשארטער פאר דעם „ארבייטער רינג" אלס א פראטוירנאל ארדער.

אויסער די עקזעקוטיוו קאמיטע איז אויך געווען א קאנטראל קאמיטע וואס איז בעשטאנען פון 1 דעלעגאט פון א ברענטש פון די גרייטער ניו יארק ברענטשעס.

די צווייטע און דריטע קאנווענשאנס זיינען געהאלטען געווארען אין מאי 1902, און 1903. ביי דיעזע קאנווענשאנס זיינען פערהאנ־דעלט געווארען פראגען, וועגען קינדער ערציהונג, ארגאניזירונג פון פרויען, ספעציאל האט זיך אבער געהאנדעלט וועגען דעם וואס דער ארב. רינג האט נאך אלץ קיין טשארטער ניט געהאט און דאס האט געשטערט זיין ענטוויקלונג.

אין דיעזע 2 יאהר זיינען צוגעקומען בלויז 13 ברענטשעס און 1069 נייע מיטגליעדער. דער צואוואוקס פון מעמבערס איז געווען 577 מיטגליעדער. צו דער דריטער קאנווענשאן האט דער ארב. רינג געהאט 22 ברענטשעס מיט 1221 מיטגליעדער.

בענעפיטס זיינען אין דיעזער צייט געווארען אויסגעצאהלט:

קראנקען בענעפיט 3720 דאלאר

טויטען בענעפיט 2400 "

פיונעראל קאסטען 841 "

עס איז בעשלאסען געווארען אז די צענטראלע פערוואלטונג זאל צאהלען די בענעפיטס, די גייסטיגע ארבייט איז אינגאנצען איבערגעלאזען געווארען צו די איינצעלנע ברענטשעס. דער צוועק דערפון איז געווען: די ברענטשעס וועלען ניט האבען פיעל ארבייט וועגען די בענעפיטס, וועלען זיי זיך דארום קענען אבגעבען מעהר מיט די גייסטיגע און קולטורעלע ארבייט.

אויף ווי ווייט די ברענטשעס האבען זייער מיסיאן דורכגעפיהרט איז שווער צו בעשטימען ווייל עס איז ניטא קיין גענויער מאטעריאל.

* * *

די 4טע קאָנווענשאָן איז אָבגעהאַלטען געוואָרען אין ברוקלין אין מאָנאַט מאַי 1904. ביי דיעזער קאָנווענשאָן איז בעשלאָסען געוואָרען צו צאָהלען קאָנסאָמפּשאָן בענעפּיט, 100 דאָלאַר צו א מעמבער וועז ער ווערט קראַנק אויף קאָנסאָמפּשאָן און דאַרף פאָהרען קורירען זיך אין די ווייטע וועסטערן שטעדט. פון דאַנען פאַנגט זיך אָן די געשיכטע פון ארבייטער רינג סאַנאַטאָריום.

אונגעפעהר צו דער זעלבער צייט האָט זיך געגרינדעט אין דענווער, קאָלאָראַדאָ דער סאַנאַטאָריום פאַר קאָנסאָמפּטיוו קראַנקע. עס האָבען זיך אָבער באַלד פעראינטערעסירט אייניגע דאָקטוירים, ראַדיקאַל געזאָנענע מענשען, די סאַנאַטאָריום האָט זיך גענויטהיגט אין פינאַנציעלע שטיצע, און ביי דיעזער קאָנווענשאָן איז געוואָרען בעשלאָסען אז יעדער מעמבער זאָל צאָהלען 20 סענט א יאָהר פאַר דער נייער סאַנאַטאָריום.

עס זיינען שוין געווען 57 ברענטשעס מיט 2688 מיטגליעדער וויל אין דיעזען יאָהר איז געווען א ריינער צוואוואוקס פון 35 ברענטשעס מיט 1467 מיטגליעדער.

ביי דיעזער קאָנווענשאָן איז געמאכט געוואָרען א פּראָבע די קולטורעלע ארבייט צו צענטראַליזירען, עס איז ערוועהלט געוואָרען א עדיוקיישיאָנאַל קאָמיטע אָבער די קאָמיטע האָט לאַנג ניט עקזיסטירט.

די קולטורעלע ארבייט איז ווידער איבערגעלאָזען געוואָרען צו די ברענטשעס און יעדער ברענטש בעזונדער האָט געטהון לויט די קרעפטען און מעגליכקייטען, אויב די ברענטשעס האָבען ניט געקענט האָבען סיסטעמאַטיש־ארגאַניזירטע לעקטשורס האָבען זיי אָבער פינאַנציעל אונטערשטיצט אַלעס וואָס איז געווען פּראָגרעססיוו, סאָציאַליסטיש און ראַדיקאַל, האָבען אונטערשטיצט די פּרעסס, „די צוקונפט“ איז כמעט אינגאַנצען אויסגעהאַלטען געוואָרען פון די ברענטשעס נאָך דעם ווי זיי האָבען פינאַנציעל געהאָלפען איהר אויפלעבען.

קיין טשאַרטער האָט דער ארבייטער רינג נאָך אַלץ ניט געהאַט, און עס האָט געדראָהעט צוליעב דעם א געפאַהר דעם ארבייטער־

רינגס עקזיסטענץ, און די נייע ערוועהלטע עקזעקוטיוו איז געוואָרען אינסטרואירט צו קריגען א טשארטער אזוי שנעל ווי מעגליך.

די נייע ערוועהלטע עקזעקוטיוו קאָמט. האָט אָנגעפאנגען דעם בעשלוס דורכצופיהרען, עס האָבען זיך אָבער געגויטהיגט איינינגע וויכטיגע ענדערונגען אין די קאָנסטיטושאָן פאר דיעזען צוועק. האָבען זיי גערופען א ספּעשעל קאָנווענשאָן וועלכע איז געהאלטען געוואָרען דעם 9טען אָקטאָבער 1904.

די צייט, פון קאָנווענשאָן ביז ענדע אפּריל 1905, קען ווערען אָנגערופען די שטורם־פּעריאָדע פון ארבייטער רינג, א מינאָריטעט ברענטשעס, א בעדייטענדע מינאָריטעט, האָבען זיך אָרגאניזירט און אָבגעהאלטען א רייע קאָנפערענצען ביי וועלכע עס איז בעשלאָסען געוואָרען ניט צוצולאָזען אז די עקזעקוטיוו זאָל ארויסנעהמען דעם טשארטער, ווייל זיי זיינען ניט געווען איינפערשטאנען מיט די ענדערונגען וועלכע האָבען געמוזט געמאכט ווערען, אום צו קריגען א טשארטער.

די פּראָטעסטירענדע ברענטשעס האָבען זיך אָרגאניזירט און אויפגערודערט דעם גאנצען מעמבערשיפּ צו זיי זיינען אויך צוגעשטאנען די פּרויען ברענטשעס וועלכע האָבען עקזיסטירט פאר זיך זעלבסט און וועלכע האָבען אָבער געוואָלט גלייכבערעכטיגונג, געגען וואָס פיעלע זיינען געווען דאגעגען צוליעב פיעלע טעכנישע און עקאָנאָמישע אורזאכען.

די עקזעקוטיוו קאָמיטע, די אדמיניסטראציע, איז געווען ענטשיעדען דאפיר, די נויטהיגע רעפאָרמען דורכצופיהרען, און האָבען אָנגעצייגט אז אָהן א טשארטער קען דער ארב. רינג ניט עקזיסטירען, און אום צו קריגען דיעזען טשארטער מוזען די רעפאָרמען דורכגעפיהרט ווערען, די מיטלען וועלכע די אָפּאָזיציאָן לעגט פאָר קענען ניט און וועלען ניט העלפען.

דיעזע שטורם פּעריאָדע, האָט זיך געענדיגט מיט דעם וואָס דער ברענטש 1, שטעהענדיג נייטראל אין דעם קאמפּף פון דער אפּאָזיציאָן געגען די אדמיניסטריישאָן, האָט צוזאמענגערופען א קאָנפערענץ פון אלע ברענטשעס, די אָפּאָזיציאָן האָט ענדליך איינגעזעהן אז די

עקזעקוטיוו קאָמיטע האָט רעכט, און האבען זייער קאמפף אויפגע־נעבען.

די עקזעקוטיוו קאָמיטע האָט אונגעשטערט פאָרטגעזעצט די ארבייט, און דעם 27טען מאי 1905 באלד נאָך דער 5טער יעהרליכער קאָנווענשאָן, וועלכע איז געהאלטען געוואָרען אין ניו יאָרק, איז גע־מאכט געוואָרען שוין צום 3טען און אויך צום לעצטען מאָל די אפּלי־קיישאָן פאר א טשארטער צום אינשורענס דעפּארטמענט פון ניו יאָרק סטייט.

* * *

די 5טע קאָנווענשאָן איז געהאלטען געוואָרען אנפאנג מאי 1905.

ביי דיעזער קאָנווענשאָן האָבען שוין עקזיסטירט 86 ברענטשעס מיט א מעמבערשיפּ פון 4550.

ביי דיעזער קאָנוועשאָן איז דער פאָנד פאר דענווער סאנאטאריום פערגרעסערט געוואָרען פון 20 סענט א יאָהר פער מעמבער אויף 40 סענט א יאָהר, עס איז געשאפען געוואָרען דער פאָנד פאר די רוסישע רעוו. פּארטייען, 12 סענט א יאָהר פער מעמבער, עס זיינען געמאכט געוואָרען אייניגע ענדערונגען אין די קאָנסטיטושאָן, די פּרויען ברענ־טשעס האָבען געקראָגען גלייכבערעכטיגונג, אפילו ניט אינגאנצען, אבער עס איז געווען א גרויסער שריט פאָרוועדטס.

דעם 22טען נאָוועמבער 1905 האָט דער אר. רינג געקראָגען דעם טשארטער, און דאָ פאנגט זיך אָן א נייער קאפּיטעל אין דער געשיכטע פון ארב. רינג.

* * *

ביז ענדע יאָהר 1905 האָט דער ארב. רינג שוין געהאט אויס־געצאָהלט די סומע פון 75.130 דאָלאר אין בענעפיטס, איבער 3.000 דאָלאר איז געגעבען געוואָרען דער דענווער סאנאטאָריום, ארום 1500 דאָלאר די רוסישע רעוו. פּארטייען און דעם זעלבסט פערטהיי־דיגונגס פאָנד פון בונד געגען פּאגראָמען.

ענדע פון זעלבען יאָהר זיינען געווען 90 ברענטשעס מיט 4713 מעמבערס.

פון דאן פאַנגט אָן דער ארבייטער רינג צו וואקסען אין דער צאָהל מעמבערס וואָס ווייטער אַלס שטארקער און שטארקער.

עס זיינען אריינגעקומען נייע מעמבערס

אין יאָהר 1906 — 2733 מעמבערס
״ ״ 1907 — 6469 ״
״ ״ 1908 — 7278 ״
״ ״ 1909 — 14814 ״

נייע ברענטשעס זיינען צוגעקומען

אין יאָהר 1906 — 21 ברענטשעס
״ ״ 1907 — 72 ״
״ ״ 1908 — 79 ״
״ ״ 1909 — 150 ״

פון 90 ברענטשעס מיט 4713 מיטגליעדער וואָס עס זיינען געווען אם ענדע פון יאָהר 1905, זיינען אויסגעוואקסען 435 ברענטשעס מיט במעט ארום 38 טויזענד מיטגליעדער צו דער צייט ווען דיעזער זאַמעל־בוך געהט צום פרעס, אנפאנג מאָנאט אפריל 1910.

מיט די פערגרעסערונג פון די מיטגליעדער איז אויך געוואָרען פערגרעסערט די אויסגאבען פאר בענעפיטס.

עס איז אויסגעצאָהלט געוואָרען קראנקען בענעפיט

אין יאָהר 1906 — 13314 דאָלאר
״ ״ 1907 — 19455 ״
״ ״ 1908 — 35211 ״
״ ״ 1909 — 62301 ״

קאָנסאָמפּשיאָן בענעפיט:

אין יאָהר 1906 — 1745 דאָלאר
״ ״ 1907 — 1600 ״
״ ״ 1908 — 4025 ״
״ ״ 1909 — 8100 ״

טויטען בענעפיט:

אין יאָהר 1906 — 6800 דאָלאר
״ ״ 1907 — 11400 ״

" 12200 — 1908 " "
" 20000 — 1909 " "

פיונעראל בענעפיט:

אין יאָהר 1906 — 1931 דאָלאר
" 3270 — 1907 " "
" 4975 — 1908 " "
" 8899 — 1909 " "

פאַר די גאַנצע צייט פון „א. ר." עקזיסטענץ אלס אָרדער איז געוואָרען אויסגעצאָהלט צו מעמבערס 263.867 דאָלאר.

די זעקסטע קאָנוועגשאָן איז געהאלטען געוואָרען אין ניו יאָרק. קיין פיעלע נייע ענדערונגען זיינען ניט געמאכט געוואָרען, עס איז אָבער ארויפגעשוואומען די פראגע, וועלכע איז אין ארבייטער־רינג בעוואוסט אונטער דעם נאָמען די מאססאטשוזעטס פראגע, וועל־כע געג. ווינטשעווסקי בעריהרט אין שלוס פון זיין אַרטיקעל.

מיר ווילען דאָ איצט ניט בעשפרעכען דיעזע פראגע. עס איז נאָך אין אלגעמיין ניט די צייט די פראגע צו בעשפרעכען.

די 7טע קאָנווענשאָן איז געהאלטען געוואָרען אין מאָנאט מאי אין נוארק, נ. דזש., צו דיעזע קאָנווענשאָן איז די עקזעקוטיוו־קאָמיטע געקומען מיט 3 גרויסע פאָרלאגען.

1) א אייגענע סאַניטאריום פאַר קאָנסאָמפּטיוו קראנקע מיט־גליעדער.

2) א אייגענע האָם אפיס אין ניו יאָרק, עס זאָל דיענען אלס גייסטיגער צענטער פאַר די אידישע ארבייטער, און

3) א פאָנד פאַר אלטע מעמבערס.

דיעזע 3 פלענער ווי די איבעריגע רעקאָמענדיישאָנס פון דער עקזעקוטיוו, זיינען אָנגענומען געוואָרען ביים קאָנווענשאָן.

א ספּעציעלע קאָמיטע איז ערוועהלט געוואָרען ביים קאָנווענשאָן צו מאַכען אן אויספאָרשונג וועגען די קאָסטען פון אויפבויען א סאַנא־טאריום, און די קאָסטען פון אויפהאלטען, דורך דעם יאָהר צייט ביז דער קומענדער קאָנווענשאָן וואָס איז געהאלטען געוואָרען אין מאי 1908 אין פילאדעלפיא איז די אונטערזוכונג געמאכט געוואָרען און

דורך א אבשטימונג פון אלע מעמבערס איז בעשלאָסען געוואָרען דער ארב. רינג זאָל בויען אן אייגענעם סאנאטאָריום פאַר שווינדזוכט־קראנק געוואָרענע מיטגליעדער.

אָנפאנג האָט מען גערעכנט צו מאכען אן איינפאכע פארם, עס זאָל ניט זיין פערבונדען מיט גרויסע קאָסטען, ביי דער אכטער קאָנווענשאָן איז ערוועהלט געווארען א קאָמיטע פון 5, וועלכע איז בעאויפטראגט געוואָרען דעם פלאן פון סאניטאריום דורכצופיהרען אין פראקטיקע.

אין אָקטאָבער 1908 איז געקויפט געווארען א פארם פון 160 אקער לאנד, לעבען ליבערטי נויאָרק, פאר דעם פרייז פון ארום 7.000 דאָלאר. די פארם געפינט זיך אויף בערג 18 הונדערט פוס הויך איבער די אויבערפלעכע פון ים.

צוליעב פערשיעדענע אורזאכען האָט מען ניט געקענט באלד צו־טרעטען צו בויען די נויטיגע געביידען וואָס א סאנאטאָריום פאר שווינדזיכטיגע דארף האָבען.

ביי די 9טע קאָנווענשאָן, וואס איז אָבגעהאלטען געוואָרען אין באלטימאָרע, אין מאי 1909, איז בעריכטעט געוואָרען, אז די סאנא־טאָריום איז נאָך ניט פארטיג, אין נאָוועמבער 1909, פיער יאָהר נאָך דעם, ווי דער ארבייטער רינג האָט געקראָגען די ערלויבעניש צו עקזיס־טירען, האָט דער ארבייטער רינג געקראָגען די ערלויבעניש פון דער סטייט נויאָרק צו בויען א מאָדערנע סאנאטאָריום. די ארבייט האָט אָנגעפאנגען צו געהן שנעלער. און דעם 12טען פעברואר איז די סא־נאטאָריום געווען פארטיג אריינצונעהמען 25 פאציענטען. דעם 10טען אפריל 1910 זיינען שוין געווען 25 פאציענטען.

ביז דיעזער צייט האָט די סאנאטאָריום שוין געקאָסט צוזאמען מיט די לאנד און בילדינגס ארום 30 טויזענד דאלאר, און די גאנצע געלד איז געגעבען געווארען פון די מיטגליעדער, וועלכע בעשטעהען 90 פראָצענט פון ארבייטער.

וועהרענד דער פלאן פון סאנאטאָריום איז פאָלקאָם געווארען דורכ־געפיהרט, איז אָבער דער פלאן פון א גייסטיגען צענטער ניט דורכגע־פיהרט געוואָרען. טאקע אין זעלבען יאָהר 1907, נאָך דער 7טער קאָנ־ווענשאָן איז געווארען געקויפט א הויז פאר דער סומע פון 66 טויזענד

דאלאר אבער דיעזע הויז, ווי עס איז שפּעטער אויסגעפונען געווארען, קען ניט ווערען איבערגעבויט פאר דעם צוועק, צו וועלכען זי איז גע־קויפט געווארען.

אויך דער פּלאן צו שטיצען די אלטע מעמבערס איז ניט פאָלקאָם ווי עס האָט געדארפט זיין.

ביי דער 8טער קאָנווענשאָן איז אויך בעשלאָסען געווארען צו האָבען א נאַציאָנאַלע באארד פון דירעקטאָרען, צו 1 פערטרעטער פון א סטייט, וועלכע זאָלען זיך פערזאמלען 2 מאָהל א יאהר. איינע פון די אויפגאבען פון דיעזע דירעקטאָרען זאָל זיין צו עפענען א עדיוקיי־שאָנאַל ביוראָ, וועלכע זאָל איינפיהרען א פּלאַנמעסיגע סיסטעם אין די קולטורעלע ארבייט. פאר דיעזען צוועק איז זיי בעוויליגט געוואָרען די סומע פון 1.000 דאלאר, און, צום בעדויערען, האָט דיעזע ביוראָ נאָך ניט עקזיסטירט אפילו אם ענדע פון יאהר 1909. אם אָנפאנג פון 1910 פאנגט אָן אזא ביוראָ צו צייגען לעבען.

ביי די קאָנווענשאָנס אין פילאדעלפיא אין יאהר 1908, אין באַל־טימאָרע אין יאהר 1909, די 8טע און 9טע קאָנווענשאָנס, זיינען פיעלע אויסבעסערונגען געמאכט געווארען אין דער פערוואלטונג, אין דער סיסטעמע און אין די מעטהאָדען. פיעלע גייסטרייכע פּלענער זיינען ביי דיעזע קאָנווענשאָנס געווארען פארגעלייגט, אויף דעם געביעט פון קאָאָפּעראַציאָן, בילדונג, פּראָפּאגאנדע. די פערווירקליכונג פון סאַנאַטאָריום האָט אָבער אָבגעהאלטען נייע אונטערנעהמונגען פארצו־נעהמען. אמת, דער ארבייטער רינג פערמאָגט ארום 200 טויזענד דא־לאָר, אבער דיעזע געלד קען ניט און טאָר ניט ווערען רעזיקירט, און עס איז דארום געוועזן די מיינונג פון די טהוער פאָרלויפיג ניט פאָר־צונעהמען קיינע נייע גרויסע אונטערנעהמונגען. עס איז אבער קיין פראגע ניט, אז דער ארבייטער רינג האָט גענוג ווילען און קרעפטען, פאָרצונעהמען און דורכפיהרען גרויסע אונטערנעהמונגען.

מיט דעם וואוקס פון די מעמבערס, מיט דער טהעטיגקייט פון יעדער ברענטש בעזונדער און די טהעטיגקייט פון דעם ארבייטער רינג

אלס גאנצעס, איז ער געוואקסען אין מאכט, איינפלוס און אין אלגע־מיינעם רעספעקט.

פון דעם איינציגען פעראיין אין נויאָרק איז דער ארבייטער רינג אויסגעוואקסען אין 435 ברענטשעס, צואווארפען אין 32 שטאאטען און 134 שטעדט פון די פעראייינגטע שטאאטען און קענעדע.

דער ארבייטער רינג וועט זיך ניט בעגניגענען מיט די ערפאָלגען וואס ער האָט געהאט ביז איצט. דער ארבייטער רינג וועט שטענדיג האלטען אין זינען נייע מיטלען, נייע וועגען ווי צו פראָגרעסירען. דער ארבייטער רינג קען ניט בלייבען שטעהן. דער שפרוך פו ארבייטער רינג מוז זיין דער שפרוך פון דער אלגעמיינער ארבייטער בעוועגונג: פאָרווערטס! שטענדיג פאָרווערטס!

מאיר לאַנדאַו.

דער ראַדיקאַלער איד און זיין נייער היים.

די לעצטע 25 יאָהר זיינען די רייכסטע אין דער היסטאָרישער ערפאַהרונג פון אידישען פאָלק. די ענטשטעהונג פון א אידישען אינדוסטריעלען פּראָלעטאַריאַט, דאָס אָפּרייסען זיך פון אלע אַלטע טראַדיציאָנען, די פערניכטונג פון רעליגיעזע אידעאַלען, די פלוצלונגע מאַסען־איינוואַנדערונג אין א נייער לאַנד, צווישען א פרעמדען פאָלק, האָבען ארויסגערופען שווערע און ערנסטע פּראָבלעמען.

די גייסטיגע שטרעבונגען, די פּאָליטישע אידעאַלען וועלכע אַנדערע פעלקער האָבען ענטוויקעלט אין פערלויף פון יאָהר־הונדערטע האָט דער איד דורכגעמאַכט אין פערלויף פון איין דור. ער איז מיט א מאָל געוואָרען א געגנער פון מאָנאַרכיזם, א געגנער פון רעליגיאָן, א געגנער פון קאַפּיטאַליזמוס, ער איז אין איין טאָג געוואָרען דעמאָקראַט, אַטעאיסט און אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסט, און דאָס אַלעס אויף זיין אייגענעם שטייגער.

ער איז פערליבט אין דעמאָקראַטישע אידעאַלען, און האָט נית די מינדעסטע דעמאָקראַטישע ערפאַהרונג. נית נור בעזיצט ער נית, נאָר ער הויבט גאָר נית אָן צו פערשטעהן די נויטווענדיגקייט פון זעלבסט־בעהערשונג און זעלבסט דיסציפּלין, אָהנע וועלכע דעמאָקראַטיע איז א נאַרישער וויטץ. אלס פריידענקער האָט ער פיינד גאָט און בעטראַכט איהם ווי א פערזענליכען שונא. ער קוקט אויף

אלע רעליגיעזע מענשען ווי אויף היפאָקריטען אָדער נאררען. ער ענטזאגט זיך צו פערשטעהן, אז די אונלעזבארע געהיימניסע פון לעבען און טויט וועלען אימער פערבלייבען אן אונערשעפליכע קוועלע פאר רע־ליגיעזע שטרעמונגען.

אלס סאָציאליסט, איז ער איינפאך אונערטרעגליך — אללע ניט־סאָציאליסטען זיינען נאך זיין מיינונג, נויטווענדיגערווייזע גנבים — די סאָציאלע רעוואָלוציאָן קען געוואונען ווערען אין א טאָג — אין דעם האָט ער קיין צווייפעל ניט.

דאָס וואָס ער האָט ניט די מינדעסטע פּאָליטישע בילדונג האלט איהם ניט אָפּ צו בויען פּלענער פאר די אינטערנאציאָנאלע סאָציאלע רעפּובליק.

אָהן א גראָשען אין דער טרעזשורי, רופט ער אידישע יוניאָנס ארויס אין גענעראל סטרייקס, ניט האָבענדיג אליין קיין סיטיזען פּייפּערס שטעלט ער ארויס קאנדידאטען צו עראָבערען די פּאָלי־טישע מאכט פון לאנד.

ער וויל איינשלינגען יאהרהונדערטע, דורכלעבען יעדע שטונ־דע א נייע עפּאָכע, ער לעבט אימער אין דער צוקונפט, ער חלומ'ט שטענדיג וועגען דאָס וואָס וועט זיין, ער ווייס ניט, ער שטודירט ניט, ער בעגרייפט ניט וואס עס טהוט זיך דאָ און יעצט.

פון דער געגענווארט ענטזאגט ער זיך. צו דער צייט , ווי דער קאָנסערוואטיווער, בורזשואזנער איד האָט זיך צוגעכאפּט צו אמע־ריקא און אם ווייניגסטען אויבערפלעכליך זיך אסימילירט מיט דעם אמעריקאנעם פאָלק, איז דער ראדיקאלער איד פערבליבען א „גרינער“.

אז עס זאָל וואָס זיין אין אמעריקא וואָס איז ווערטה צום לער־נען, צו פערשטעהן און נאכצוטהון — דאָס איז איהם קיינמאָל ניט אריין אין זינען — ער איז געבליבען פרעמד אין אמעריקא, און אמעריקא איז פערבליבען א פרעמדע מדינה פיר איהם —

ער פערגעסט אז אויב אמעריקא איז די לאנד פון גרויס קאפּי־טאל, איז זי אויך, מיט די אויסנאהמע פון פראנקרייך, די איינציגע גרויסע לאנד אין דער וועלט וואו א רעפּובליק עקזיסטירט אלס פאקט, און ניט נור אין טהעאָריע, אז דעמאָקראטישע אינסטיטוציאָנען

האָבען זיך דאָ ענטוויקעלט אין פערלויף פון יאהרהונדערטע און זיינען געוואָרען אַ טהייל פון גייסט פון פאָלק. —

ער רעדט וועגען די אמעריקא פון דאָלער, פון קאפּיטאל, פון טאמאַני, פון פּאָליטישענס, פון גרעפט, ער פערגעסט אָבער פון די אמע־ריקא וועלכע האָט אויסגעקעמפּפט רעליגיעזע פרייהייט, וועלכע האָט געשטירצט דעם מאָנארכיזם, וועלכע האָט געגעבען פּאָליטישע רעכטע, וועלכע האָט צובראָכען די קייטען פון שקלאַפערייּ.

ער פערגעסט די אמעריקא פון בענדזשאמין פרענקלין, וויליאם ללאיד גאַרייסאָן, טהאָמאס דושעפערסאָן, וועגדעל פיליפס, אבראהאם לינקאָלן.

ער קען ניט זיין נייע היימאטה — אמעריקא.

ער שטודירט ניט איהרע אינסטיטושאָנס, איהר קולטור, איהרע אידעאַלען, איהרע טראַדיציאָנען.

ער בעשאפט פיר זיך זיין אייגענעם געטאָ, שטעלט זיך צו־פריעדען מיט סעקאָנד הענדיגע צייטונגען, זאָ לאנג ווי זיי זיינען אין אידיש.

ער לעזט 20 מאָל דעם זעלבען דוצענד אידישע ביכלעך, הערט יאָהרען נאָכאנאנד דיעזעלבע אויסגעניטשעוועטע לעקטשורס.

קיין ענגליש דארף ער ניט קענען. איהם קימערט זעהר ווענינ דאָס.

די אוצרות פון די רייכסטע פון אלע ליטעראַטורען פון דער וועלט זיינען בעהאַלטען פון איהם.

ער לאָזט איבער צו די רבנים און די היברו אינסטיטוט דעם שיקזאל פון דעם אידישען יונגען הור.

איך וויל ניט אז דער מוח פון אידען זאָל פער'סם'ט ווערען מיט פאַלשען פּאַטריאָטיזם, מיט ליבע צו א שטיקעל לאנד אויף דעם ערד קוגעל, איך וויל אָבער אז דער ראַדיקאַלער איד זאָל ניט אָבגעריסען

ווערען פון דעם פאָלק, צווישען וועלכען ער לעבט, אז ער זאָל ניט אויפבויען א כינעזישע וואנד צווישען זיך און דער קולטור פון לאנד.

מיר האָבען שוין דורכגעמאכט די טראגעדיע פון ראדיקאלע קינדער פון קאָנסערוואטיווע עלטערן.

זאָלען מיר זיך פערשפאָרען די פיעל שרעקליכע טראגעדיע פון „גרינע" עלטערן און אמעריקאנער קינדער.



Secretary's Office.



Information Dep't.

צביון.

דער אַרבייטער רינג און זיינע קולטור-אויפגאַבען.

יט דעם וואוקס פון ארבייטער רינג וואַקסען אויף זיינע אויפגאבען. ווען דער אַרבייטער רינג איז געווען קליין און שוואך האָט מען זיך געקענט פּלפּול'ען און פּשט'לען, אויב דער אַרבייטער רינג איז ניט מעהר ווי אַן „אינשורענס אָרדען" אָדער ער איז עטוואָס מעהר. היינט אַז דער אַרבייטער רינג איז אויסגעוואַקסען צו אַזאַ גרויסע און מעכטיגע אַרגאַניזאַציאָן און האלט אַלץ אין גרעסער און מעכטי־גער ווערען, האָט דיזער פּלפּול וועגען דעם וועזען פון אַרבייטער רינג כמעט אינגאַנצען אויפגעהערט. דאָס לעבען, די ענטוויקלונג פון אַרבייטער רינג האָט בעוויזען, אַז ער איז עפּעס מעהר ווי אַן אָרדען צו צאָהלען זיינע מיטגליעדער קראַנקען־און טויטען בענעפיט. און עס איז אַלעמען קלאָהר, אַז דאָס „עפּעס" מיט וואָס דער אַרבייטער רינג איז מעהר ווי אַן איינפאַכער אינשורענס־אָרדען איז די הויפּט־אורזאַכע פון זיין אונגעהויער שנעלע ענטוויקלונג און פון זיין גרויסען איינפלוס, וואס ער האָט געוואונען צווישען דער אידישער בעפעל־קערונג פון אַמעריקאַ.

און דיזעס „עפּעס", וואָס ליעגט אויסער די בענעפיטס פון אַרבייטער רינג און וואָס האָט זיך נאָך פאַרלויפיג ניט פאַרמירט אין אַ קלאָרען אויסדרוק, טרייבט דעם אַרבייטער רינג צו פערשיעדענע

אונטערנעהמונגען, טהעטיגקייטען און אויפגאבען, וועלכע האבען בכלל מיט אן ארדען, אלס א זעלבען קיין שום שייכות ניט.

ווען מיר וואלטען דא געהאט א געזונדטע אידישע סאציאליסטישע ארגאניזאציאן, שטארקע פארמירטע אידישע יוניאנס, אן ארגאניזירטע קולטורעלע טהעטיגקייט פאר די פאלקס־מאסען, וואלט דאן דער טהע־טיגקייטס־קרייז פון ארבייטער רינג געווים געווען פיעל בעשרענקטער ווי היינט און ער וואלט אויך בעוואוסטער און קלערער געווען אין זיינע אויפגאבען. פון די דריי אויסגערעכענטע זאכען האבען מיר אבער קיין איינע ניט, מיר האבען נור איין איינציגע געזונטע, שטארקע ארגאניזאציאן, וואס האט א פעסטען באדען אונטער זיך און דאס איז —דער ארבייטער רינג. און זייענדיג די איינציגע שטארקע ארבייטער־ארגאניזאציאן אין דער אידישער גאס און האבענדיג אין זיינע רייהען צום גרעסטען טהייל סאציאליסטישע און ראדיקאלע מיטגליעדער, האט דער ארבייטער רינג גאנץ אונבעוואוסט פאר זיך, אזוי צו זאגען אינסטינקטיוו, אנגעפאנגען אויסצופיהרען די פונקציאנען, וועלכע זיינען שייך צו אזעלכע ארבייטער־ארגאניזאציאנען, וואס דארפען זיין ספעציעל דערצו געגרינדעט, אבער ניט צו איהם. ער האט עס געמוזט טהון, ווייל די טהעטיגקייטס־ענערגיע פון אזא גרויסע צאהל ארגא־ניזירטע סאציאליסטען האט ניט געקענט בלייבען ניט אויסגענוצט. זי האט זיך געמוזט אויסברעכען א וועג אום ארויסצוקומען אין פרייען. די זעלביגע סאציאליסטען, יוניאניסטען, ראדיקאלען וואס האבען גאר נישט געקענט אויפטהון אין די סאציאליסטישע ארגאניזאציאנען און די יוניאנס צוליעב דער שוואכקייט און די דיסציפלינלאזיגקייט, וואס דארטען הערשט, האבען פאר זיך געפונען זעהר א פרוכטבארען באדען פאר זייער טהעטיגקייט און ענערגיע אין דעם שטארק ארגאניזירטען און גוט דיסציפלינירטען ארבייטער רינג. און ביי דיעזען צושטאנד איז עס גאנץ נאטירליך, וואס דער ארבייטער רינג האט אין זיך סא־ציאליזם, יוניאניזם, קולטור־טרעגעריי און א גאנצע רייהע אנדערע געזעלשאפטליכע פונקציאנען, וואס פארמעל אלס צו אן ארדען, האבען זיי מיט איהם קיין פערבינדונג ניט.

און ווי לאנג די אידישע סאציאליסטישע ארגאניזאציאנען וועלען

זיין שוואך, ווי לאנג די יוניאָנס וועלען נישט בעקומען קיין פעסטען באָדען אונטער די פיס און ווי לאנג מיר וועלען ניט האָבען קיינע ספּעציאל ארגאניזירטע אידישע קולטור־אינסטיטוציאָנען פאר'ן פאָלק, וועלען די אויפגאבען פון דעם ארבייטער רינג און זיין ווירקונגס־קרייז מוזען גרעסער און ברייטער ווערען צו מיט זיין ווילען צו אפילו נעגען איהם. דער ארבייטער רינג וועט מוזען שטעהן אויף דער וואך פון די ארבייטער אינטערעסען, ער וועט מוזען זאָרגען פאר די ערפי־לונג פון קולטורעלע אויפגאבען פאר די ארבייטער מאסען, ווייל זיין אינערליכע ענערגיע וועט איהם דערצו טרייבען

און ווען אפילו די סאָציאליסטישע בעוועגונג זאָל אין גיכען שטארקער ווערען, ווען די יוניאָנס זאָלען אפילו געפינען אַ פעסטען באָדען אונטער זייערע פיס, וועט דער ארבייטער רינג אלץ נאָך בלייבען ביי אַ גרויסע וויכטיגע אויפגאבע, וואָס ניט די סאָציאליסטישע אָרגאניזאציאָנען און ניט די יוניאָנס קענען איהר מיט אזא ערפאָלג אויספיהרען, ווי דער ארבייטער רינג קען עס טהון. איך מיין דאָ די קולטורעלע אויפגאבען. דער ארבייטער רינג איז היינט שוין ביז צו אַ געוויסען גראד געוואָרען אַ קולטורעלער צענטער פאר די אידישע אר־בייטער מאסען אין אמעריקא און ער וועט עס ווערען נאָך מעהר אין דער נאָהענטער צוקונפט. ווען אפילו די סאָציאליסטישע בעוועגונג זאָל ווערען שטארק, קען זי זיך ספּעציאל מיט קולטור־טרעגעריי ניט אָבגעבען. די סאָציאליסטישע בעוועגונג איז אין איהר יסוד אַ פּאָליטי־שע בעוועגונג, די הויפּט אויפגאבע איהרע איז פּאָליטיק, קולטור־טרעגעריי קען זיין ביי איהר נור אַ נעבען־זאַך, בעת ביי דעם ארבייטער רינג, וואָס דארף ניט און קען זיך ניט אריינוואַרפען אין פּאָליטישען קאמפּף, איז די קולטור־טרעגעריי איינע פון די הויפּט אויפגאבען. און וואָס שטארקער עס וועט ווערען די סאָציאליסטישע בעוועגונג, וואָס פעסטער עס וועלען ווערען די יוניאָנס, וועט זיך דער ארבייטער רינג אלץ מעהר קענען בעפרייען פון אַ גאנצע רייהע פונקציאָנען, וועלכע געהערען צו די סאָציאליסטישע ארגאניזאציאָנען און צו די יוניאָנס, וואָס ער דארף איצט אויספיהרען געגען זיין ווילען און אויך ניט צו זיין גונסטען, און וועט זיך קענען איבערגעבען מעהר צו קולטור־אר־

בייט צווישען די ארבייטער־מאסען און ער וועט עס טהאָן אָהן א צוויי פעל מיט דעם גרעסטען ערפאָלג.

* * *

איינער, אן ארבייטער, וואָס איז ניט לאנג אין לאנד, האָט מיך געפרעגט, איך זאל איהם ערקלעהרען דעם אונטערשיעד צווישען די סאָציאַליסטישע פארטיי און דעם ארבייטער רינג. ניט קענענדיג דעם ארבייטער רינג, איז ביי איהם אויסגעקומען, אז דער ארבייטער רינג איז א אידישע סאָציאַליסטישע פארטיי אין אמעריקא, א משל דער „בונד“ אין רוסלאנד. וועלענדיג איהם אין קורצע ווערטער ערקלערען דעם אונטערשיעד, האָב איך געמאכט דעם פאלגענדען חלוק:

די סאָציאַליסטישע פארטיי האָט איהר הויפט־אויפגאבע די עולם־הבא פאר'ן ארבייטער־קלאַס, די סאָציאַליסטישע פארטיי קעמפט פאר די בעפרייאונג פון ארבייטער פון זיין שקלאַפעריי, דאָס איז אָבער אַן אויפגאבע ניט פאר איין טאָג, ניט פאר איין יאהר און ניט איין צעהנדליג יאהרען. מיט אַן ערפאָלג וועט זיך דער קאמפף ערשט קרוינען אין א סך צעהנדליג יאהר ארום. פאר דעם היינט קען די סאָציאַליסטישע פארטיי דעם ארבייטער קלאַס ניט זעהר פיעל פערשפרעכען, און דאָס, וואָס זי פערשפרעכט איהם יאָ, פערגעסט זי זיך ניט צו מאכען גלייך ביי דער זייט די בעמערקונג, אז ניט אין די היינטיגע קליינע פערבעסערונגען איז דער ציעל פון קאמפף, דער ציעל, די אויפגאבע איז די צוקונפט.

דער ארבייטער רינג האָט אָבער זיין הויפט־אויפגאבע — די עולם־הזה פאר'ן ארבייטער. דאָס וואָס ער טהוט, טהוט ער הויפטזעכליך פאר'ן היינט, ער זוכט היינט זיין לעבען לייכטער און זיכערער צו מאכען. און ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס דער ארבייטער רינג איז דורכגעדרונגען מיט סאציאליסטישע אידעען, קאָנצענטרירט זיך דאָך זיין הויפט־טהעטיגקייט ארום דעם היינט און ניט ארום די ווייטע צוקונפט.

אויף וויפיעל מיין פראגע־שטעלער האָט מיין אנטוואָרט ריכטיג פערשטאַנען, ווייס איך ניט, נאָר ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס דער געמאכטער אונטערשיעד איז א ביסעל, אדער טאקע מעהר ווי א ביסעל,

סכעמאַטיש און ווען מען זאָל וועגען איהם אָנפאַנגען א דיסקוסיע, וועט מען אויסגעפינען, אז די פאָרמולירונג איז ניט אינגאַנצען ריכטיג, דאָך וויל איך בעהויפּטען, אז דער גרונד־געדאַנק איז א ריכטיגער, אמ־וועניגסטענס אין דער פאָרמולירונג פון ארבייטער רינג אלס עולם־הזה אָרגאַניזאַציאָן אין זיין יסוד. ער מעג האָבען פיעל ווייטערדיגע ציע־לען, ער מעג זיין ביי דער מיינונג, אז זיין גאַנצע ארבייט איז ניט א ציעל פאר זיך נאָר א פאָרבערייטונג, א הילפע פאר א העכערען ציעל, פאר די הערליכע צוקונפט פון דער מענשליכער געזעלשאַפט, אבער סוף כל סוף מוז זיך זיין גאַנצע טהעטיגקייט דאָך קאָנצענטרירען ארום דעם היינט, און דער היינט מוז אויך זיין די הויפּט־אויפגאַבע פון זיין ארבייט.

און אויב אזוי, איז דער ארבייטער רינג טאַקע די פאַסענדסטע אָרגאַניזאַציאָן פאר קולטור־ארבייט צווישען די אידישע מאַסען. די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציאָנען, די יוניאָנס קענען זיך פערנעהמען מיט קולטור־ארבייט נור אלס א נעבען־זאַך, זיי קענען עס ניט מאַכען אלס איינע פון זייערע הויפּט־אויפגאַבען, בעת דער ארבייטער רינג קען און דארף עס מאַכען פאר איינע פון זיינע הויפּט־אויפגאַבען.

* * *

ווען איך האָב ביז איצט אלץ גערעדט, אז דער ארבייטער רינג קען און דארף זיך פערנעהמען מיט קולטור־טרעגעריי, האָב איך דער־מיט ניט געוואָלט אויסדריקען דעם געדאַנק, אז ביז איצט האָט ער עס ניט געטהאָן. אין גענענטהייל, איך וועל ניט איבערטרייבען, ווען איך וועל זאָגען, אז שטאַרקע ניינציג פּראָצענט פון דער קולטורעלער אר־בייט, וואס ווערט געטהאָן צווישען די אידישע ארבייטער און פאָלקס־מאַסען אין אמעריקא געהערט צום ארבייטער רינג. און אויב דאס זעהט זיך אזוי ניט אן אין נויארק, איז דאָס זעהר בעמערקבאַר אין דער קאָונטרי. די יעניגע, וואס האָבען די געלעגענהייט ארומצופאָהרען אין די קאָונטרי־שטעדט און זיך צוקוקען צו דעם לעבען פון די אידישע מאַסען דאָרט, ווייס פון זיינע ערפאַהרונגען, אז די הויפּט־ארבייט אויף דעם קולטורעלען געביעט ווערט געטהאָן כמעט אין גאַנצען פון די ארבייטער רינג ברענטשעס. עס דארף זיך נור אין א שטעדטיל גרינדען

אן ארבייטער רינג ברענטש, און עס פאנגט זיך שוין אָן א קולטורעלע טהעטיגקייט, עס ווערט געגרינדעט א אידישע ביבליאָטהעק, עס ווערען פערשפרייט אידישע סאציאליסטישע צייט־שריפטען און בראָשורען, עס ווערען אָבגעהאלטען לעקטשורס און מען קען זאגען, אז דאס גאנצע שטעדטיל בעקומט אן אנדער פנים.

עס ווערט היינט זעהר פיעל געטהאָן פון ארבייטער רינג אויף דעם געביעט פון קולטור־טרעגעריי, עס ווערען גרויסע סומען געלד אויס־געגעבען אויף קולטור־צוועקען, די צרה אבער איז, וואס ביז היינט האָט זיך די ארבייט געפיהרט אהן א טאָלק און האָט ניט געקענט ברייג־גען די געוואונשטע נוצען, וואס א פלאנמעסיגע ארבייט וואָלט גע־בראַכט.

די גרעסטע סומען ווערען אויסגעגעבען פון די ברענטשעס אויף לעקטשורס, און דא איז גראָד נויטיג צו זאגען א פאָר ווערטער.

אויף די לעקטשורס, ווי זיי ווערען ביז היינט געפיהרט, קען מען נור זאָגען, אז זיי זיינען בעסער ווי גאר ניט, קיין אנדער שבח קען מען אויף זיי ניט געפינען, און אין געוויסע פעלע קען מען זאָגען, אז אָהן זיי וואלט געווען בעסער ווי מיט זיי.

צוויי הויפּט־פעהלערען געפינען זיך אין דעם איצטיגען לעקטשור־סיסטעם. ערשטענס, וואס דער סיסטעם האָט לחלוטין קיין סיסטעם ניט, און צווייטענס, וואָס די לעקטשורס ווערען צום גרעסטען טהייל אָבגע־האלטען פאר אן עלעמענט, פאר וועלכען זיי זיינען ניט צוגעפּאסט.

די סיסטעם־לאָזיגקייט פון דעם איצטיגען לעקטשור־סיסטעם בע־שטעהט אין דעם, וואס כמעט אלע לעקטשורס, מיט קליינע אויסנאהמען, ווערען אָבגעהאלטען צופעליג, אָהן אן אויסגעארבייטען פלאן. א וועלכער עס־איז בעשטימטער ציעל עקזיסטירט ניט. דער ברענטש האָט בעשלאָ־סען, אז עס זאל זיין א לעקטשור, און עס איז דא א לעקטשור. צוליעב וואָס די לעקטשור ווערט אָבגעהאלטען און צוליעב וועלכען ציעל אין פאָר וועמען, — איז קיינעמ׳ס עסק ניט. עס איז דאָך עפּעס פאראן אן „עדיוקיישאָנאל קאָמיטע“ אין יעדען ברענטש, מוז זי דאָך עפּעס טהאָן, מילא טהוט זי.

און דער ערגסטער רעזולטאט פון דער סיסטעם־לאָזיגקייט איז,

וואָס צום גרעסטען טהייל זיינען די לעקטשורס ניט צוגעפּאסט צום עלעמענט, פאַר וועלכען זיי ווערען געהאלטען. דער ברענטש, וועלכער בעשטעלט א לעקטשורער האָט, דורך געוואָהנהייט שוין, אין אויג צוויי ציעלען. ערשטענס, וויל ער געבען אויפקלעהרונג זיינע מיטגליעדער, צווייטענס וויל ער מאכען פּראָפּאגאנדע פאַר דעם ארבייטער רינג. מיט דעם לעקטשור אָבער עררייכט ער עפּטער ווי אלץ ניט איינעם פון דיעזע ביידע ציעלען. אום צו מאכען פּראפּאגאנדא איז נויטיג, אז אויף דער לעקטשור זאָל קומען א גרויסער עולם, דער לעקטשורער, הייסט עס, „דארף ציהען א קראוד“. יאָ, דעם „קראוד“ דארף מען אויך האָבען דערצו, אז מען זאל קענען דעקען די קאָסטען. דער גרויסער „קראוד“ אבער, הויפּטזעכליך אין די קאנטרים, איז גראַד ניט קיין עלעמענט פאַר א לעקטשור. ווי פּאָפּולער דער לעקטשורער וועט ניט וועלען זיין, וועט איהם דער גרעסטער טהייל פון עולם ניט פערשטעהן, ווייל דעם גרעסטען טהייל פון עולם דארף מען ערשט לעהרנען אלף־בית, און אין א לעקטשור איהם אויסלערנען דעם אלף־בית, און דערצו נאָך א שטיקעל חומש, איז לחלוטין אונמעגליך. אין גאנצען ניט נעהמען אין בעטראכט דעם גרויסען עולם און נור לעקטשורען פאר די עטליכע, וואס פערשטעהען יאָ, איז ווידער שלעכט, ווארום דאן הייסט די לעקטשור א דורכפאַל. די לעקטשורער מוזען זיך, אלזאָ, מאטערען צו געפינען אַן אויסוועג, און די געניטע פון זיי האָבען עס שוין לאנג אויסגעפונען. מען רופט עס „ענדזשאָיען“. מען דערצעהלט אנעקדאָטען, מען מאכט וויצען, און דער עולם „ענדזשאָיעט“ זיך. דער סוף איז אָבער, אז דעם „קראוד“, וועמען מען האָט געוואלט פּראפּאגאנדירען, האָט מען ניט פּראָפּאגאנדירט, און די יעניגע, וועמען מען האָט געדארפט בעלעהרען, האָבען קיין זאך ניט געלערנט.

אונזער־ע ברענטשעס פון ארבייטער רינג ווייסען נאָך ביז איצט ניט צו מאכען דעם אונטערשיעד צווישען א רעדנער און א לעקטשורער. פאַר דעם גרויסען „קראוד“ טויג ניט קיין לעקטשורער, פאַר איהם דארף מען האָבען א רעדנער, אַן אגיטאַטאָר, זיין אויפגאבע — איז מעהר ערוואַרימען דעם עולם ווי איהם אויפקלעהרען, מעהר איהם אָנרעגען צו אויפקלעהרונג ווי איהם דאָס געבען שוין אויפ׳ן אָרט. א לעקטשורער

איז נור נויטיג פאר א קליינע צאָהל, פאר די יעניגע, וואס זיינען פעהיג צו פערשטעהן א וויסענשאפטליכע לעקטשור, ווען זי ווערט ניר פאפו־לער געהאלטען. פאר א בעלעהרענדע לעקטשור איז ניט נור ניט נויטיג קיין „קראוד", נאָר ער איז אויך איבריג, ער איז ניט ווינשענסווערטה, ווייל ער שטערט.

און וואלטען די ברענטשעס געוואוסט צו מאכען דעם אונטערשיעד צווישען אן אגיטאטאָר, א רעדנער און צווישען א לעקטשורער, ווען זיי וואָלטען גענומען דעם רעדנער פאר'ן „קראוד" און דעם לעקטשורער פאר א קליינע צאָהל „אויסדערוועהלטע", ווי פאר די מיטגליעדער פון ברענטש, וועלכע זיינען מייסטענטיילס, אין די קאָונטרי־שטעדט אמ־ווענינגסטען, דער אויפגעקלעהרטער טהייל פון די ארבייטער, און פאר נאָך עטליכע, אויף וועלכע מען קען האָפען, אז זיי וועלען ווערען מיט־גליעדער, אזעלכע, וואס סימפאטיזירען שוין, אדער מען קען האָפען, אז זיי וועלען אמאָל סימפאטיזירען מיט דעם ארבייטער רינג — דאן וואָלט מען ביידע ציעלען עררייכט. דעם „קראוד" וואלט מען געגעבען דאס זייניגע — אגיטאציע, און די שוין אגיטירטע וואלט מען געגעבען דאס זייעריגע — אויפקלעהרונג.

נאָר ניט דאָס ניט וויסען צו מאכען קיין אונטערשיעד צווישען דעם רעדנער און דעם לעקטשורער איז דאָ אליין שולדיג. איך האָב שוין פריהער בעמערקט, אז דעם „קראוד" האָט מען נויטיג צו דעקען די קאסטען. אין די קאָנטרי־שטעדט קאָסט אָב א לעקטשור א שעהנע עטליכע פאָר דאלאר. א לעקטשורער דארף מען, געוועהנליך, ברייננען פון נויארק, עס פיהרט זיך שוין אזוי, אגב איז טאקע נויאָרק במעט דער איינציגער פלאץ וואו מען קען קריעגען א לעקטשורער, וואָרום דאָס ביסעל אינטעליגענץ האָט זיך צונויפגעשפארט אין דער אידישער נויאָרק און אין די איבריגע גרעסערע שטעדט אפילו איז אין זיי א מאנגעל, שוין אבגערעדט פון די קלענערע. און עס איז זעלבסט־פערשטענדליך, אז מען דארף דעם לעקטשורער א חוץ פאר זיין טרחה, אויך אומקעהרען רייזע־קאָסטען, און אויב דער אָרט איז ניט גאַנץ נאָהענט פון נויארק, קאסט אב א לעקטשור ארום און ארום פון 30 ביז 35 דאלאר, ווען שוין א מציאה איז 25 דאלאר. א קליינער ברענטש

אין א קאָנטרי קען ניט נעהמען אזא אומקאָסטען אויף זיינע אייגענע פּלייצעס, מען מוז האָבען דעם „קראוד“, אז ער זאל ארויסהעלפען.

* * *

דער איינציגער מיטעל, אז די לעקטשורס זאלען האָבען די געוויגשטע רעזולטאַטען, איז נור דער, דאָס דער אָרדען אלס אזעלכער, אלס גאנצער, זאָל נעהמען די זאך אין זיינע הענד. ווען דער ארדען זאָל איבערנעהמען די לעקטשורס אין זיינע הענד, וועט ער קענען, ערשטענס, אויסארבייטען א געוויסע פּלאַנמעסיגקייט אין דעם גאנצען לעקטשור־סיסטעם און צווייטענס, וועלען פערשפּאָרט ווערען גרויסע סומען געלד, וואס די ברענטשעס לייגען צו. איך וויל דא ניט אויפוואַרפען קיין פּלענער ווי די זאך דארף און קען געפיהרט ווערען, איך וואָלט נור וועלען בעמערקען, אז פאר דער קאָנטרי וואלט געווען אמבעסטען, ווען דער אָרדען זאָל אָנשטעלען צוויי אדער דריי פּערזאָן מיט א בעשטימטען וועכענטליכען געהאלט, אז זיי זאלען אַרומפאָהרען איבער די ברענטשעס. איינער פון זיי דארף אונבעדינגט זיין א רעדנער, אָן אגיטאַטאָר. א העלפט פון די קאָסטען וועלען שאפען די ברענטשעס און די צווייטע העלפט זאל געבען דער אָרדען פון זיין קאסע. די אויפגאבע פון דעם לעקטשורער וועט זיין ניט נור אבצוגעבען זיין לעקטשור און זיך גלייך אוועקפאָהרען. וואו עס וועט זיין נויטיג, זאל ער אויך בלייבען א טאָג אדער א פּאָר טעג לענגער. ער קען איינפיהרען אין די ברענטשעס, וואו עס איז פאראן די מעגליכקייט, א סיסטעם פון דיסקוסיאָנען, ער קען רעקאָמענדירען די נויטיגע ביכער און בראָשורען, וועלכע קענען זיין א הילף פאר די פיהרונג פון די דיסקוסיאָנען, און ער קען אויך טהאָן אנדערע ארגאניזאציאָנס־ארבייט.

ביי אזא סיסטעם וועט דער לעקטשורער ניט דארפען זיין אָנגעוויזען אויפ'ן „קראוד“, די לעקטשורס וועלען שוין דערמיט אליין קענען געפיהרט ווערען פּלאַנמעסיגער און וואס בעזאָנדערס וויכטיג איז, וואס דער לעקטשורער גופא וועט ניט זיין קיין צופעליגער, ער וועט זיין א פּראָפעסיאָנעלער און ער וועט אויך דאן קענען זיינע לעקטשורס בעסער בעארבייטען און סיסטעמאַטיזירען.

עס איז נאך וועגען דיזען נעגענשטאנד פאראן זעהר פיעל

צו ריידען, ווייל גראד אין דעם פונקט האב איך א רעכט ביסעל פראק־טיקע, און הויפטזעכליך וואס אנבעטרעפט דער קאנטרי. עס איז איינפאך אונפערצייהליך, וואס עס ווערט געשאנקען אזוי ווניג אויפ־מערקזאמקייט די ברענטשעס פון דער קאונטרי. מיר האבען דארט אן אויסגעצייכענטען עלעמענט ארבייטער, איך וויל זאגען, אז דער געזינדסטער, דער אידעאלסטער און דער איבערגעגעבענסטער ארבייטער איז נור אין דער קאנטרי. עס איז איינפאך אן ערפרישונג פאר איינעם, ווען ער קומט פון נויארק אין א קאנטרי־שטעדטעל, צווישען די דארטיגע ארבייטער. די ערנסטקייט, וועלכע איהר געפינט דארט, די גאנצקייט און זאגאר די נאאיווקייט, וועלכע מען בעגעגענט אפט אין דער קאונטרי, דערמאהנט אייך אן דעם אידישען ארבייטער פון רוסלאנד אין די רעוואלוציאנערע טעג. דער ארבייטער אין דער קאנטרי לעזט אויך מעהר און אינטערעסירט זיך אויך מעהר מיט אלעס, וואס עס קומט פאר אין דער ארבייטער־בעוועגונג בפרט און אין געזעלשאפטלי־כען לעבען בכלל. די ארבייטער־מאסען אין דער קאונטרי — דאס איז א גוטער באָדען צום זעען און צו ערווארטען גוטע פרוכט, עס דארפען זיך נור געפינען די הענד, וועלכע זאלען דיזע נוצליכע און נויטיגע ארבייט טהאן.

אלזא, ווי געזאגט, וועגען דעם ענין איז פאראן נאך פיעל צו ריידען, איך מוז אבער איבערגעהן צו א צווייטען פונקט, וועלכען איך האלט פאר ניט ווניגער וויכטיג און וועלכער פאָרדערט א גאנץ בעזונ־דערע אויפמערקזאמקייט.

* * *

אזוי ווי עס איז נויטיג צו ערציהען די ערוואקסענע ארבייטער און אויסבילדען פון זיי, ווען ניט גענעראלען, איז כאָטש גוטע אפיציערען פאר די ארבייטער־ארמעע, ווען עס איז נויטיג בילדונג, אויפקלעהרונג פאר די מיטגליעדער פון ארבייטער רינג, כדי דער אלגעמיינער קולטור־רעלער צושטאנד פון דיזען גרויסען ארבייטער־ארדען זאל געהויבען ווערען און דערמיט וועלען אויך געשאפען ווערען די נויטיגע צאהל אינטעליגענטערע פערזאנען פון די ארבייטער גופא אנצופיהרען זייער אייגענע זאך מיט ערפאלג, און ניט דארפען ביי יעדער געלעגענהייט

זיין אנגעוויעזען אויף די הילף פון אויסען און ניט אלע מאָל זי אויך בעקומען — אויב דיעזע אויפגאבע איז א וויכטיגע, איז ניט־וועניגער וויכטיג די אויפגאבע פון דער יוגענד־ערציהונג.

און איך מוז דאָ מאכען גלייך אין אָנפאנג א בעמערקונג, אז מיט דעם וואָרט „ערציהונג פון דער יוגענד" מיין איך ניט קיין סאָציאליס־טישע ערציהונג, ווי דאס ווערט געגעבען אין די איצטיגע זונטאָג־שוהלען, די זאגענאָנטע „סאָנדיי־סקוהלס". פון פעדאגאָגישען שטאָנד־פונקט האלט איך דאס פרעדיגען סאציאליזם פאר קליינע קינדער פאר שעדליך, און פון סאציאליסטישען שטאָנד־פונקט האלט איך דיעזען „קינדער־סאָציאליזם" פאר א וואולגאריטעט און פאר אַ פערשוועכונג פון דעם סאציאליזם אין אלגעמיין. און ווען איך האָב דורכגעלעזען דעם „סאציאליסטישען פריימער", וואס איז פערפאסט געווארען פאר קליינע קינדער צו לערנען מיט זיי אין די זונטאָג־שוהלען, האָב איך מיר גע־פרעגט: צו דען זיינען פון אונזערע סאציאליסטען און ראדיקאלען, וועלכע בעשעפטיגען זיך מיט די זונטאָגס־שוהלען, ניטאָ אפילו איינער, וואס זאל זיך אָבגעבען מיט פעדאגאָגיק און זאל האָבען דעם מוטה ארויסצוטרעטען געגען אָט דיעזען „סאציאליסטישען פריימער"? לויט דעם סטיל און דער פאָרם איז דער בוך געשריעבען פאר 8—9 יאָהריגע קינדער, ווי עס שיינט האָט דער פערפאסער טאָקע געהאט אין זיין אויג אזעלכע שילער פון דעם עלטער און דאך איז ביי איהם רעכט געוואָרען אָט דיעזע יונג־ווארג צו פראפאגאנדירען דעם סאציאליזם און אפילו זיי ערקלעהרען די בעדייטונג פון פאליטישען קאמפף מיט'ן שטים־קאָסטען!... דעם שטים־קאסטען, דעם „באקס", האָט איהר שוין אין צווייטען לעסאָן!!

און ווען מיר האָבען אין רוסלאנד געהאלטען די בעטהייליגונג פון דער יונג־ווארג אין דער סאציאליסטישער בעוועגונג אלס אן אונ־נאָרמאלע ערשיינונג פון אוננאָרמאלע לעבענס־בעדינגונגען, מוז יעדער איינער געוויס צוגעבען, אז דאס בעשטרעבען בעוואוסטזיניג אריינציהען קליינע קינדער אין דער סאָציאליסטישער בעוועגונג אין אמעריקא איז איינפאך אן אוננאָרמאלע אידעע, וואס קען געבאָרען ווערען נור אין אוננאָרמאלע קעפּ. דאס האָט דער מיסערפאָלג פון דער סאָציאליסט־

שער בעוועגונג אין אמעריקא פערטומעלט די מחות. ווען עס געהט ניט מיט די ערוואקסענע, דארף מען זיך נעהמען צו קינדער, מען דארף אין זיי איינפלאנצען דעם סאָציאליזם ווען זיי געפינען זיך נאָך אין די ווינדעלאך, מען דארף ערציהען דעם „וואָוטער", ווען ער האָט זיך נאָך ניט געשיידט פון דער מילך־באַטעל... און ליידער, מוזען מיר מודה זיין, אז די „בורזשואזנע פריימערים" זיינען א סך פעדאגאָגישער צונויפגע־שטעלט, און ווען איך וואָלט דארפען אויסקלייבען פאַר מיינעם א קינד א „פריימער" און עס וואָלט ליגען פאַר מיר די וואהל צווישען דעם „סאָציאליסטישען פריימער" און דעם געוועהנליך „בורזשואזנעם פריי־מער", וואלט איך גיכער גענומען דעם צווייטען, ווי דעם ערשטען.

נאָר ווען דער „סאָציאליסטישער פריימער" געפעהלט מיר ניט, און ווען איך בעהויפטע, אז מיט קליינע קינדער דארף מען קיין סאָציאַ־ליזם ניט לערנען, מיין איך דערמיט ניט צו זאגען, אז די זונטאָגס־שולען זיינען איבערהויפט איבריג. אין געגענטהייל, איך געפין זיי פאַר זעהר נויטיג, און אויב ניט פאר 8—9 יאָהריגע קינדער, איז פאַר 11—12 יאהריגע, און אויב ניט צו לערנען זיי דארט דירעקט דעם סאָציאליזם און זיי ערציהען אלס רעוואלוציאָנערען פון יוגענד אָן, איז צו העלפען זיי זיך ענטוויקלען אלס פרייע מענשען, אלס פרייע בירגער פון לאנד, און הויפטזעכליך העלפען זיי זיך געוועהנליך זעלבסטשטענדיג דענקען און אורטהיילען.

נאָר ניט וועגען די פעדאגאָגיק פון די זונטאָגס־שוהלען איז דאָ מיין ציעל צו ריידען. דער וויכטיגער פונקט, וועגען וועלכען איך וויל ריידען איז א גאנץ אנדערער, און איך מוז שוין פאראויסזאָגען, אז ער שמעקט מיט גרויס „אפקורסות".

און כדי מיר זאל זיין לייכטער אויסצופעקלען מיין טריפה'נע סחורה, וועל איך איבערגעבען א געשפרעך, וואס איך האָב מיט אייניגע צייט צוריק געהאט מיט א גענאָסע, וועלכער בעשעפטיגט זיך מיט די „סאָנדיי סקולס".

אָט איז עס:

דער גענאָסע: פאר וואס נעהמט איהר דאס קיין אנטהייל ניט

אין די „סאַנדיי סקולס“, געפינט איהר דען ניט, אז זיי זיינען א נוצ־ליכע זאך?

איך: אָהן א צווייפעל זיינען די „סאַנדיי סקולס“ נוצליך, אָבער ווען איך זאָל נעהמען אין זיי אנטהייל, וואלט איך שטעלען געוויסע בעדינגונגען און איך האָב מורא, אז איהר וועט פון זיי שטאַרק ניט צופריעדען זיין.

דער געגנאָסע: וועלכע בעדינגונגען קענט איהר עס שטעלען, אז מיר זאָלען ניט צופריעדען זיין?

איך: מיינע בעדינגונגען וואלטען זיין, אז אין די סאַנדיי־סקולס זאָל מען, א חוץ אנדערעס, אויך לערנען אידישע געשיכטע אין אידיש.

דער געגנאָסע: אפשר אויך דאַווענען, ציצית בענטשען און מעביר זיין די סדרה?

איך: דאַווענען טאַקע ניט, אָבער א ביסעל העברעאיש וואָלט אפשר ניט געשאַדט...

דער געגנאָסע האָט אנשטאַט אן ענטפער אויסגעשטעלט אויף מיר א פּאָר אויגען, וועלכע האָבען דייטליך גערעדט: משוגע צו חסר דעה? וואָס א מענשען קען ניט איינפאלען אין קאָפּ, אין „סאַנדיי־סקולס“ פון ראַדיקאַלען, זאָל מען גאר לערנען אידישע געשיכטע אין אידיש?!

איך בין איבערצייגט, אז דיזער געגנאָסע איז ניט דער איינציגער, וואס האלט, אז לערנען אידיש און אידישע געשיכטע, שוין אָבגערעדט פון העברעאיש, אין די זונטאַגס־שולען פאר א ווילדען משוגעת, און דעריבער וויל איך זיך ניט נאַרען און ניט האָפען, אז דאס וועט אין קורצען דורכגעפיהרט ווערען, איך בין אבער זיכער, אז דיזער „ווילדער משוגעת“ וועט ענדליך געשטעלט ווערען אויף דער טאָגעס־אָרדנונג און וועט אויפהערען זיין א משוגעת, נאָר א גאַנץ נאָרמאַלע און נוצ־ליכע פאָדערונג. — וואָס זיינען מיינע ארגומענטען? ווען איך וואָלט געדאַרפט ריידען ניט צו אמעריקאנער אידישע ראַדיקאַלען, וואָלט איך געענטפערט גאַנץ פשוט: אידישע קינדער דאַרפען קענען אידישע געשיכטע און אידישע ליטעראַטור, אזוי ווי רוסישע קינדער דאַרפען קענען רוסישע געשיכטע און רוסישע ליטעראַטור און אזוי ווי דייטשע קינדער דאַרפען קענען דייטשע געשיכטע און דייטשע ליטעראַטור

א. ז. וו., א. ז. וו. און אזוי ווי דיעזע געגענשטענדע, דאָס הייסט, אידי־שע געשיכטע און אידישע ליטעראטור ווערען אין די אלגעמיינע פאלקס־שולען ניט געלערנט, און אזוי ווי ארבייטער האָבען ניט די מעגליכקייט צו נעהמען ספּעציעלע לעהרער פאר זייערע קינדער, אז זי' זאלען דאס לערנען אויסער דער שול, וואלט עס זעהר רעכט געווען, אז די זונטאָגס־שוהלען זאלען קומען אין דעם פּרט צו הילף. אום צו פעֿרשטאַרקען מיין ארגומענט וואָלט איך נאָך זאגען, אז אזוי ווי איך וואָלט ווע֗לען, אז די יונגע ארבייטער־קינדער, ווען זיי וועלען אויס־וואקסען, זאלען זיין ניט סתם סאָציאליסטען נאָר אידישע סאָציאליס־טען, דאָס הייסט, אזעלכע סאציאליסטען, וואס פרעדיגען דעם סאָציא־ליזם ניט סתם אין דער לופט אריין, נאָר זוכען צו פערבינדען איהם מיט'ן לעבען און איהם צופּאסען צו די לעבענס־פערהעלטניסע פון יע־נעם קרייז, וואו ער ווערט געפּרעדיגט, אין אונזער פאל אין דעם קרייז פון אידען, איז פאר מיר א וויכטיגע פראגע, אז דער אידישער סאָציא־ליסט זאל זיין בעקאנט מיט דער אידישער געשיכטע און מיט דער אידישער ליטעראטור, ווייל דאס וועט איהם זעהר פיעל העלפען אין זיין סאציאליסטישע טהעטיגקייט.

נאָר דאָס וואלטען געווען אלץ ארגומענטען, ווען איך וואָלט פאר זיך ניט געהאט קיין אמעריקאנער אידישע ראדיקאלען, וואס האָבען אן אלטען איינגעפאהרענעם וועג און אן אויסגעדאָווענטען סדור, וואו אלעס איז קלאָהר און דייטליך און וואס עס איז א ביסעל אן א זייט פון ברייטען גאָסטינעץ, וואס עס שטעהט ניט בפירוש אין סדור, איז ניט סאציאליסטיש. דעריבער וועל איך געברויכען אן אנדער ארגומענט, וואס מען קען אפשר געפינען אין סדור.

עס איז א בעקאנטע זאך, אז די גאנצע אידישע ערציהונג פון דער אידישער יוגענד אין אמעריקא געפינט זיך אין די הענד פון די אָרטהאָ־דאָקסען און קאָנסערוואטיווע. זיי האָבען דעם מאָנאָפּאָל אויף אידישע ערציהונג. און אין וואס דיעזע ערציהונג בעשטעהט איז אויך אלעמען בעקאנט. די גאנצע אידישקייט איז קאָנצענטרירט אין דער רעליגיאָן. די אלע תלמוד־תורות, חדרים, „היברו סקולס“ זיינען ניט מעהר ווי רעליגיעזע ערציהונגס־אנשטאלטען. און ווער ליפערט דעם מאטעריאל

פאר דיעזע רעליגיאנס־הייזער? מיט וועמענס קינדער ווערען זיי אָנ־געפילט? די רייכע שיקען ניט אהין זייערע קינדער, ארימע פעדלער, ארבייטער, זיי זיינען דאס די „קאסטאָמער" פון אידישקייט אין די תלמוד־תורות און חדרים.

און ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס דער ראדיקאליזם איז אזוי ווייט פערשפרייט צווישען די אידישע ארבייטער־מאסען, איז דאָך נאָך פאראן א גרויסע צאָהל, און אונגעהויער גרויסע צאָהל, וואס ווילען, אז זייערע קינדער זאָלען קענען א ביסעל אידיש. די צאָהל איז גרויס אפילו ביי די יעניגע ארבייטער, וואס זיינען אויסגעשפראָכען ראדיקאל און סאָציאליסטיש געזאָנען. און טאקע א סך פון זיי שיקען זייערע קינדער אין די תלמוד־תורות און די חדרים. ווען איך האָב זיך פעראינטערע־סירט מיט דיעזער פראגע, האָב איך אָנגעפאנגען צו קלייבען א סטאַ־טיסטיק אין די ארבייטער רינג ברענטשעס, כדי צו דערגעהן ווי גרויס עס איז די צאָהל פון ארבייטער רינג מיטגליעדער, וואס שיקען זייערע קינדער אין די תלמוד־תורות און חדרים. דאָס מאטעריאל, וואס איך האָב געזאמעלט איז פארלויפיג נאָך צו־קליין, אז איך זאָל איהם קענען אויסנוצען, אבער פון דאס ביסעל, וואס איך האָב געזאמעלט, זעה איך שוין, אז די צאָהל איז ניט קיין גאנץ קליינע. און די צאָהל, וועלכע וואָלטען וועלען, אז זייערע קינדער זאָלען קענען אידיש, אָבער עס ניט לערנען אין דער פאָרמע פון רעליגיאָן, איז אונטער די מיטגליעדער פון ארבייטער רינג א גאנץ גרויסע. איך קען עס בעהויפטען מיט זיכער־הייט פון די אנטוואָרטען, וועלכע איך האָב בעקומען.

די פראגע איז, אלזא, פאלגענדע: דארפען מיר און טאָרען מיר דערלאָזען, אז די גאנצע אידישע יוגענד זאָל זיך געפינען אונטער דעם איינפלוס פון דער אידישער ארטהאָדאָקסיע און קאנסערוואטיווע? ביי מיר איז די פראגע פיעל וויכטיגער ווי די ערציהונג פון אונזערע קינ־דער אין די פאָלקס־שולען און דעם איינפלוס פון קאפיטאליסטישען גייסט אויף זיי. ווארום נאָך אלע טענות וועגען דעם „גיפט", מיט וועלכען מען פער'סמ'ט דיא יוגענד אין דיא פאָלקס־שוהלען, מוז איך בעהויפטען, אז דאס געשריי איז שטארק איבערטריבען. איך האָב גאנץ אויפמערקזאם דורכגעקוקט דיא לעהרביכער, וואָס ווערען בע־

נוצט אין די אמעריקאנער פאָלקס־שולען און איך מוז זיך מודה זיין, אז קיין שרעקליכע „גיפט" האָב איך דאָרטען ניט געפונען. עס פערשטעהט זיך, אז זיי קענען אונז ניט בעפרידיגען, עס איז פאראן א סך אויסצוזעצען געגען זיי, אָבער ווען איך פערגלייך זיי מיט די לעהרביכער, וועלכע ווערען געברויכט אין די פאָלקס־שולען פון די מייסטע לענדער אין אייראָפּא, דאַן קען מען זאגען, אז די אמעריקאנער שול־ביכער זיינען אין א הויכער מאָס טאָלעראנט. עס איז אמת, אז אויך די אמעריקאנער שול־ביכער זוכען איינצופלאנצען פאטריאָטיזם אין דער יוגענד, אָבער דער פאטריאָטיזם פון די אמעריקאנער שול־ביכער איז דאָך ניט גלייך צו דעם אייראָפּעאי־שען. דער אמעריקאנער פאטריאָטיזם איז ניט קיין שאָווויניסטי־שער, ניט קיין מאָרד־פאטריאָטיזם ווי דער אייראָפּעאישער, ער זוכט נור איינצופלאנצען אין די קינדער א ליעבע צום לאנד, צו אמעריקא. און וועגען דעם, אויב מען דאַרף ליעבען דאס לאנד וואו מען איז געבאָרען און וואו מען ווערט ערצויגען, אויב מען דאַרף דיעזעס געפיהל בעקעמפפען און אויסוואָרצלען פון אונזערע הערצער אָדער מען דאַרף איהם פערשטארקען, דאס איז א פראגע וועלכע לאָזט זיך דיסקוטירען, ווייל אין דעם סאָציאַ־ליסטישען שולחן ערוך איז וועגען דיעזער פראגע נאָך ניטאָ קיין ספעציעלער דין. און אויב מיר רעכענען זיך מיט די מיינונגען פון די אייראָפּעאישע סאָציאַליסטען, האָט מען דאָרטען גע'פסק־ענט, אז פאטערלאנדס־ליעבע, דאס וואָס מיר רופען אין אמערי־קא פאטריאָטיזם, איז א טוגענד, וועגען אן עבירה איז ניטאָ וואָס צו ריידען.

אַלענפאַלס לאָז איך די פראגע אָפען. איך וויל נור בעהויפּ־טען, אז די ערציהונג פון דער יוגענד אין די תלמוד־תורות און די חדרים און דער איינפלוס פון דער אָרטאָדאָקסיע אויף זיי איז ביי מיר א ניט וויניגער וויכטיגע פראגע ווי די ערציהונג אין פאָלקס־שול און דער איינפלוס פון קאפּיטאַליסטישען גייסט אויף די יונגע קינדער.

מען וועט מיר ענטפערען: געגען די תלמוד תורות און די

חהרים האָבען מיר א מיטעל. מיר דארפען ערקלערען די עלטערען, אז זיי זאָלען זייערע קינדער אהין ניט שיקען, וואָרים קיינער צווינגט דאָך זיי ניט, אז זיי זאָלען אָבגעבען זייערע קינדער אין די הענד פון די כל ישראל'ניקעס מיט זייערע כלי קודש. פון דעם ענט־פער האָב איך פריהער געוואוסט. דאָ האנדעלט זיך אבער וועגען יע־נע עלטערען, וואָס ווילען דאָך, אז זייערע קינדער זאָלען קענען א ביסעל אידיש און איך בעהויפּטע אז די צאָהל פון אזעלכע על־טערן איז ניט קליין אפילו צווישען ראדיקאל־געזאָנענע און זייער צאָהל וועט נאָך וואקסען, ווייל דער אַלטער ראדיקאַליזם לעבט דורך א גרויסע רעוויזיאָן און די מיינונגען וועגען נאַציאָנאַליטעט און נאַ־ציאָנאַלע ערציהונג האָבען זיך אין די לעצטע פּאָר יאָהר שטארק געענדערט. וואָס זאָל מען מיט דיזע עלטערען טהאָן? זאָלען מיר זיך האַלטען פעסט פאר אונזער מיינונג, אז מיר, ראדיקאלען, האָ־בען מיט אידישקייט גאָרנישט צו טהאָן און איבערלאָזען דעם מאָ־נאָפּאָל אין די הענד פון די „באלעבאטים“, אָדער מיר זאָלען מאַ־כען, רופט עס פון מיינעטוועגען א קאָמפּראָמיס, און איבערנעהמען די אידישקייט אין אונזערע הענד. אנשטאט דאוונען און רעליגיאָן וועלען מיר לערנען די קינדער די מאָדערנע אידישקייט, אידישע געשיכטע און אידישע ליטעראטור.

פון סאָציאַליסטישען שטאנדפונקט איז אידישע געשיכטע און אידישע ליטעראטור געוויס כשר, אַלענפאַלס ניט טריפה, לאָמיר זאָגען, אום אַלעמען צו בעפרידיגען, פארעווע... צוליעב כשר'קייט אַלזאָ קענען מיר עס טהאָן, בפרט נאָך דער ארבייטער רינג, וואָס איז נור סאָציאַליסטיש געזאָנען אָבער ניט קיין סאָציאַליסטישע פּארטיי. און אויב קיין חשש וועגען טרפות איז ניטאָ, קענען מיר דאָ פיעל געווינען. מיר וועלען בעפרייען די קינדער פון די „באלעבאטי־שע“ אפּוטרופּסות און פון זייער איינפלוס.

נאָך א וואָרט פאר די גאַנץ שטרענגע ראדיקאַלען. פאר וואָס זאָל זיין אידיש לערנען ערגער ווי סעמעטרי? אַלס ראדיקאלען האָ־בען מיר דאָך די גאַנצע סעמעטרי־פראגע געקענט פערענטפערען מיט א קרעמאטאָריום און צו די יעניגע, וואָס ווילען דוקא בעער־

דיגט ווערען נאָך'ן טויט און זיין אַ שפּייז פאַר די ווערעם און ניט לאָזען זיך פערברענען אויף אַן אנשטענדיגען אופן, האָבען מיר דאָך געקענט זאָגען: ניט אונזער דאגה, ווען איהר זייט נאָך ניט פריי פון אַזעלכע פאָראורטהיילע און ווילט דוקא אַ שטיקעל פּלאַץ אויפן בית עולם, טאָ געהט אייך צו די „באַלעבאַטים". מיר זאָגען אָבער דאָך ניט אַזוי. אין געגענטהייל, די סעמעטרי פראגע בעשעפטיגט יעדען ברענטש בעזונדער און דעם אָרדען אין גאנצען גענומען און אויך מיט רעכט. איז דען דאָס ווע־לען לערנען קינדער אידיש רעאַקציאָנע־רער, פאָראורטהיילהאפטער, ווי ווע־לען בעערדיגט ווערען אויף אַ בית עולם?

איך שלאָג פאָרלויפיג ניט פאָר קיין פּלענער, וואָס דער ארביי־טער רינג האָט צו טהאָן אין דער פראַגע פון אידישע ערציהונג. איך וויל נור בעהויפטען, אַז דער ארבייטער רינג איז די איינציגע אָר־גאַניזאַציאָן, וואָס קען עטוואס טהאָן אויף דעם געביעט און עס איז זיין פּליכט צו טהאָן. מיר דארפען די קינדער פון די ארבייטער בע־פרייען פון די תלמוד תורות און חדרים, דאָס דארף זיין אַ פראַגע מיט וועלכע מען מוז זיך בעשעפטיגען. זאָל נור דיזע פראַגע פאָ־פּולער ווערען, וועלען מיר שוין געפינען וועגען ווי זי צו לעזען. עס וואָלט געווען אונפּראַקטיש פאָרצושלאָגען פּלענער, ווען דער גאַנצער געגענשטאַנד איז נאָך לחלוטין ניי. מיין אויפגאַבע איז פאָרלויפיג נור געווען די פראַגע אויפצוהייבען. און אויב מיינע ווערטער ווע־לען געפינען אַן אָבקלאַנג, וועל איך האָבען שפּעטער נאָך עטוואס וועגען דעם צו זאָגען.

* * *

עס איז פאַראַן נאָך אַ גאַנצע רייהע קולטורעלע אויפגאַבען, וואָס דער ארבייטער רינג דארף נעהמען און וועט אויך מיט דער צייט געוויס נעהמען אויף זיך אויסצופיהרען. עס איז אָבער נאָך צו פריה וועגען דעם צו ריידען. עס איז קיין קונסט ניט צו מאַכען פּלענער, די הויפּט קונסט ליגט אין דעם צו געפינען אַ מיטעל ווי די פּלענער אויסצופיהרען. דער ארבייטער רינג וואַקסט אַזוי שנעל, אַז ער איז זיך אליין איבערוואַקסען. מיט דעם פערגלייך פון זיין

וואקסען אין זיין גרויסקייט און זיין מעכטיגקייט, וואקסען אויך זיי־נע אויפגאבען, אבער די ערפילונג פון די אויפגאבען קענען ניט פאָרקומען אזוי שנעל, ווי די שנעליגקייט פון זיין וואקסען. אלס איינעם פון די וויכטיגסטע מיטעל אָנצופיהרען מיט ערפאָלג די קולטור־ארבייט צווישען דער אידישער ארבייטערשאפט בכלל און צווישען די מיטגליעדער פון ארבייטער רינג בפרט, איז אן אייגענע פרעסע.

דער ארבייטער רינג נויטיגט זיך אין א פעריאָדישע צייט־שריפט שוין צוליעב די אינטערעסען פון אָרדען גופא. אין אזא גרויסע ארבייטער־ארגאניזאציאָן, ווי דער ארבייטער רינג מיט זיין פיעלזייטיגען כאראקטער איז א פעריאָדישע צייטשריפט שוין נויטיג צוליעב דעם מאטעריאל וועלכער דארף בעארבייט ווערען אין אלע פראגען, וועלכע בעריהרען דעם אָרדען און צוליעב אגיטא־ציאָנס און פראָפאגאנדא צוועקען. עס איז איינפאך פון ביזנעס שטאנדפונקט, ריידענדיג אויף אמעריקאנער לשון, נויטיג אן איי־גענע צייטשריפט. נאָר ניט וועגען דעם געשעפטליכען טהייל פון אָרדען איז דאָ מיין אויפגאבע צו ריידען. ווען איך געפין פאר וויכטיג אן אייגענע פעריאָדישע צייטשריפט האָב איך דאָ אין אויג דעם קולטורעלען צוועק, וואָס זי קען ערפיללען.

עס עקזיסטירט אן ארביימער־פראגע, די פראגע איז אזא ברייטע און אזא פיעל זייטיגע, אז זי פערנעהמט אין דער סאָציאלער וויסענשאפט איינע פון די וויכטיגסטע פלעצער, אויב ניט דעם וויכ־טיגסטען טאקע, קראנקען - פערזיכערונג, אינוואלידען - קאסען, אר־בייטסלאָזיגקייט פערזיכערונג, פענסיאָנען פאר אלטע, שטיצע פאר אלמנות און יתומים, ארבייט שוץ און א גאנצע רייהע אנדערע פונק־טען, וועלכע שטעהען אין אן ענגער פערבינדונג מיט דעם ארבייטער לעבען, האָבען בעשאפען אזא גרויסע רייכע ליטעראטור, וואָס נור ספעציאליסטען קענען זיין מיט איהר גאנצען אומפאנג מעהר אָדער ווייניגער בעקאנט, נאָר אין די אייראָפּעאישע און אין א טהייל אנ־דערע לענדער, וואו עס עקזיסטירט אן ארבייטער־געזעצגעבונג, זיי־נען דיא אלע אויסגערעכנטע פונקטען, וואָס שטעלען צוזאמען די

אַרבייטער־פראַגע, מעהר אָדער ווייניגער אויך פּאָפּולער ביי די מאַ־
סען. אין אַמעריקאַ אָבער, וואו מיר האָבען אפילו קיין אנפאַנג נאָך
ניט פון אַרבייטער־געזעצגעבונג איז די אַרבייטער־פּראַגע אַ פערר־
שלאָסענער בוך מיט זיעבען זיגלען ניט נור פאַר די מאַסען נאָר
אויך פאַר אַ גרויסען טהייל פון דער אינטעליגענץ. אויב עס וואָלט
ניט געווען אַ פליכט פון די עקזיסטירענדע אידישע סאָציאַליסטישע
צייטשריפטען אין אַמעריקאַ זיך מעהר אָבצוגעבען מיט דיזען גע־
ביט, איז אַ גאַנץ בעזונדערע פראַגע, דער פאַקט איז אָבער, אַז זי
גיט זיך דערמיט זעהר ווייניג אָב און עס איז נויטיג אַ ספּעציעלע
צייטשריפט אויף אידיש, וואָס זאָל זיך אָבגעבען מיט דיזען צווייג
פון דער סאָציאַלער וויסענשאַפט, וואָס מיר רופען אַרבייטער־
פראַגע און אַם בעסטען, אַם לייכטעסטען און אויף דעם ערפאָלג־
רייכסטען וועג קען דאָס אויספיהרען דער אַרבייטער רינג.

נאָך וואָס. דער געביט „איד און אַרבייטער" איז איבערהויפּט
נאָך ניט קיין בעאַרבייטעס פעלד, דער איד אַלס אַרבייטער איז נאָך
אַ גאַנץ נייע ערשיינונג, עס איז אין גאַנצען אַ פּאָר צעהנדליג יאָהר,
ווי ער האָט זיך בעוויזען אויף דער אידישער גאַס, איך מיין אַלס
אַזעלכער, וואָס שטעלט צוזאַמען אַ געזעלשאַפטליכע גרופּע. דער
אידישער אַרבייטער איז פאַר אונז נאָך אַ „טערראַ אינקאָגניטאַ",
אַן אונבעקאַנטעס „עפּעס", מיר האָבען איהם נאָך ניט אָנגע־
פאַנגען אַפילו שטודירען און עס איז שוין דאָך פאַראַן אַזאַ רייכער
מאַטעריאַל וועלכער קען געזאַמעלט ווערען און בעאַרבייט ווערען,
הויפּטזעכליך פון דעם לעבען פון דעם אידישען אַרבייטער אין אַמע־
ריקאַ. מיר האָבען נאָך אַפילו קיין אָנפאַנג פון אַ אידישע אַר־
בייטער סטאַטיסטיק מיט אַלע אַנדערע אַטריבוטען, וואָס געהערען
צו איהר. פאַר דעם אַרבייטער רינג אַלס אָרדען וואָלט שוין אַזאַ
סטאַטיסטיק געווען בעזאָנדערס וויכטיג פאַר זיין טהעטיגקייט, און
ניט קוקענדיג אַפילו אויף איהר גרויסע ווערטה אין אַלגעמיין פאַר
יעדען איינציגען וואָס אינטערעסירט זיך מיט דער אַרבייטער־בע־
וועגונג און פאַר יעדען אַרבייטער גופא.

און אָבגעזעהען פון דיזער ספּעציעלער אויפגאַבע האָט אַן איי־

גענע פעריאָדישע צייטשריפט פאר דעם ארבייטער רינג די הויפט־וויכטיגקייט אין דעם, וואָס זי וועט העלפען די ברענטשעס טהאָן זייער אויפקלעהרונגס ארבייט פאר אנדערע און זעלבסט־בילדונגס ארבייט פאר זיך. אין דיא ברענטשעס ווערען אויפגעהויבען אָהן א צאָהל וויכטיגע און אינטערעסאנטע פראגען, וואָס ווען זיי וואָלטען געהאט א פלאַץ דיסקוטירט צו ווערען און בעארבייט צו ווערען, וואָלטען זיי שוין אליין אָבגעטהאָן א גוטע העלפט פון דער ארבייט, פון בילדונג און אויפקלעהרונג. ווען דיזע אלע פראגען וואָס בעאונרוהיגען און אינטערעסירען די מיטגליעדער פון ארבייטער רינג וואָלטען געהאט די מעגליכקייט זיך פריי פונאנדערצעוויקלען און זיך אויסצוברייטען, וואָלט דאָס גופא געווען דאָס וויכטיגסטע אין אונזער גאַנצער אויפקלעהרונגס־ארבייט. דאָס וואָלט אריינגעבראכט א שטראָם פון לעבען אין די ברענטשעס, אַן אינטערעסע צו געזעלשאפטליכע און וויסענשאפטליכע פראגען, א בילדונגס־טהעטיגקייט, וועלכע וואָלט געבראכט איבערראשענדע ערפאָלגען.

אַן אייגענע פעריאָדישע צייטשריפט איז נויטיג פון יעדען שטאנדפונקט און וואָס פריהער מיר וועלען אזעלכע האָבען אלץ גרעסער וועט זיין אונזער געווינס. און איך בין זיכער, אז מיר וועלען זי האָבען, ווייל דאָס לעבען פאָדערט עס פון אונז.

טעריטאָון, נ. י. אפּריל, 1910.

ל. ראָזענצווייג.

ערינערונגען.

ם איז געווען אין חודש מאי 1903 ווען איך בין געוואָרען נאַציאָנאַל סעקרעטער פון ארבייטער רינג.

ווען איך האָב איבערגענומען די פערוואַלטונג, האָט זיך דער ארבייטער רינג געפונען אין א „רום בעד־רום און קיטשען" פון נומער 265 הענרי סטריט.

מיר שעהמען זיך ניט, מיר דערצעהלען עס היינט אין פריידען.

דער פאָדער־צימער, („פראָנט־רום" בלע"ז), וועלכער איז געווען א ביסעל קלענער פון א כשר'ען שווייצער־קעז, איז געווען דער „אָפיס".

דער „קיטשען", א קליין ביסעלע קלענער פון „פארלאָר", איז געווען דער פערזאמלונגס־פלאץ פאר דער עקזעקוטיווע.

און דער שלאָף־צימער?

דעם „בעד־רום" צו בעשרייבען נעהם איך זיך ניט אונטער. דאס איז געווען א מין קדשי־קדשים, אָהן פענסטער און אָהן לופט (אויס גערעכטיגקייט צום „קיטשען" מוז איך בעמערקען, אז ער האָט אויך קיין פענסטער ניט געהאט, נור דער „פארלאָר" האָט געהאט איין פענסטער) און עס איז גלאט געווען א שרעק אהין אריינצוגעהן. איך וויים נאָך עד היום ניט, וואס דארט איז געווען.

דאס איז געווען מיט זעקס יאהר צוריק דער אפיס פון ארבייטער רינג. דער זעלבער ארבייטער רינג, וועלכער האָט היינט נויטיג א גאנצע הויז פאר זיינע אפיסעס.



Accounting Dep't.

Mailing Dep't. Sick Benefit Dep't.

איך וועל קיין מאָל ניט פערגעסען די אבענדען, ווען די עקזעקוטיוו קאָמיטע פלעגט האלטען איהרע זיצונגען אין „קיטשען“.

דיעזער „בעראטהונגס־זאַל“ איז געווען אזוי גרויס, אז ווען מען האָט אוועקגעשטעלט אין מיטען צימער א קליין טישעל, האָבען צוויי פון דער קאָמיטע, וועלכע איז אינגאנצען בעשטאַנען פון זיעבען מענ־שען, געמוזט זיצען אויפ'ן אויוועז, צוויי אויפ'ן „וואש־טאָב“ און איי־נער פון די דריי, וועלכע האָבען געהאט דעם גרויסען מזל צו זיצען אויף שטוהלען, איז אויסגעקומען אזוי צו זיצען, אז יעדעס מאָל, ווען מען האָט געוואלט עפענען די טהיר פון „קיטשען“, דעם איינציגען אריינ־גאנג אין אפיס פון ארבייטער רינג, האָט ער געמוזט אויפשפּרינגען, כדי צו מאכען פלאַץ פאר דער טהיר צום עפענען. אבער טאקע ניט מעהר ווי די טהיר צו עפענען, ווייל דער „גאסט“ האָט געמוזט בלייבען אין האָלל און זאגען פון דארט וואס ער פערלאנגט.

ווי געזאגט, מיר דערצעהלען עס אין פריידען.

* * *

ווען איך האָב איבערגענומען דעם ארבייטער רינג, איז ער בע־שטאַנען פון 25 ברענטשעס און ארום דרייצעהן הונדערט מעמבערס. דער לעצטער ברענטש איז געווען אין ראטשעסטער, און געטראָגען דעם נומער 27. ברענטש 14 פראווידענץ און 18 גלאָווערסוויל זיינען זיך צופאלען.

ווען איך האָב דעם ארבייטער רינג פערלאזען, אין נאָוועמבער 1904, איז ער בעשטאַנען פון 90 ברענטשעס און ארום 5.000 מעמבערס.

היינט צעהלט דער ארבייטער רינג מעהר ווי 400 ברענטשעס, און מעהר ווי 38.000 מעמבערס.

היינט וואקסט דער ארבייטער רינג אליין, פריהער אבער איז נויטיג געווען ארבייט, שווערע ארבייט. פריהער האָט מען געמוזט ניט נור ברייינגען דעם אָרדען אין בעוועגונג, נור אין בעוועגונג אין א געווי־סער ריכטונג.

וואס גרעסער דער ארבייטער רינג ווערט, אלץ לייכטער איז די ארבייט איהם צו בעוועגען. און דאס מיינט, אז וואס קלענער דער אר־

בייטער רינג איז געווען, אלץ שווערער איז געווען איהם אין בעוועגונג צו ברייגגען. די שווערסטע ארבייט, אלזא, איז אויסגעקומען פאר דעם ערשטען סעקרעטער פון אָרדען, פריינד ב. פייגענבוים.

איהם קומט ניט נאָר דער קרעדיט פון האָבען געטהון די שווערסטע ארבייט פאר'ן ארבייטער רינג, נור איהם קומט אויך דער קרעדיט פאר דעם סאציאליסטישען און אלגעמיין פארטגעשריטענעם כאראקטער פון ארבייטער רינג.

אמת, ברענטש 1, די מאמע פון גרויסען אָרדען, איז בעשטאנען פון כמעט לויטער אינטעליגענטע, סאציאליסטיש־געזאנענע ארבייטער, דאָך, אויף די נייע ברענטשעס האט דיעזער ערשטער ברענטש זעהר וועניג איינפלוס געהאט. אלע נייע ברענטשעס, פיעלייכט מיט א קליי־נער אויסנאהמע, זיינען געשטאנען אונטער דעם איינפלוס פון פריינד ב. פייגענבוים.

די 25 ברענטשעס, וועלכע איך האָב געפונען אין ארבייטער רינג, זיינען בעשטאנען כמעט פון געקליבענע מענשען, מענשען דורכגעדרונ־גען מיט'ן סאציאליסטישען גייסט. און דיעזע ערנסטע ברענטשעס זיינען ביז א געוויסען גראד ביז היינט נאָך דער סאציאליסטישער רוקען־ביין פון ארבייטער רינג.

* * *

א נארישקייט געדענקט זיך!

כדי דער אָרדען זאל גרויס ווערען, איז נויטיג געווען איהם בע־קאנט צו מאכען צווישען די יעניגע, פון וועלכע ער האט געקענט ער־ווארטען שטיצע, צווישען ארבייטער.

אלזא, מען מוז שרייבען אין דער סאציאליסטישער פרעסע. דער ערשטער ארטיקעל איז געווען א גוט־געמיינטע נארישקייט, נור ער איז געבאָרען געווארען אָהן מזל אדער אָהן שכל, אדער אפשר גאָר אָהן ביידע. און אנשטאט געדרוקט צו ווערען, איז ער צודריקט געווארען. ער האט די ליכטיגע וועלט ניט געזעהען.

דאָ האט איהר א קליינעם מוסטער פון דער גרויסער „חכמה" אין מיין ערשטען ארטיקעל פאר'ן ארבייטער רינג:

„איך האָב די קאָנסטיטוציאָן פון ארבייטער רינג קיינמאל ניט גע־

לעזען, און איך בעאבזיכטיג איהר אין דער צוקונפט אויך ניט צו לעזען. מיין געוויסען איז מיין קאנסטיטוציאן פאר'ן ארבייטער רינג".

דער ארטיקעל האט מיט גרויס כבוד ארייגמארשירט אין רעדאק־ציאָנס־קאָרב פון „פאָרווערטס".

איך בין צו יענער צייט געווען שטארק ברוגז אויף דער „פאר־ווערטס"־רעדאקציאָן, אבער היינט, ווען איך דערמאָהן זיך אן יענעם ארטיקעל, בין איך איהר הערצליך דאנקבאר.

איך האב פון דאמאָלסט אן געלערענט, אז א מיינונג דארף ניט נור זיין עהרליך, נור זי מוז אויך זיין מיט שכל.

וואו שכל פעהלט, האט עהרליכקייט קיין גרויסען ווערטה.

* * *

פון די ארטיקלען, וועלכע איך פלעג אלע וואך שרייבען אין „פאר־ווערטס" און „פרייע ארבייטער שטימע" פלעג איך האבען אויסצו־שטעהן גרויסע צרות. מען פלעגט מיר אויפמערקזאם מאכען, דאס ניט אלעס וואס איך שרייב פאר'ן ארבייטער רינג איז ריכטיג.

ווען איך האב אינסטאלירט א נייעם ברענטש, פלעג איך אליין זיין שטארק בעגייסטערט און דאדורך פלעגט אין מיין בעריכט אויס־קומען, אז דער ברענטש ענטהאלט אין זיך די סאמע סמעטענע פון דער מענשהייט. אזוי, צום ביישפיעל, פלעגען ביי מיר אויסקומען אלע מעמבערס ווי געקליעבען, לויטער עהרליכע סאציאליסטען, איבערצייג־טע אטהעאיסטען, אמת'ע אידעאליסטען. אמאל האב איך זאגאר אינ־סטאלירט א ברענטש פון לויטער הירש לעקערטס.

דער אמת אָבער איז געווען דיעזער:

פאר מיר האָבען עקזיסטירט צוויי ארבייטער רינג'ען, איינער א ווירקליכער, א צווייטער א אידעאלער.

דער ווירקליכער, דאס איז דער ארבייטער רינג פון היינט, דער אידעאלער, דאס איז דער ארבייטער רינג פון מאָרגען.

מיין הייסעסטער וואונש איז געווען צו זעהען דעם ארבייטער רינג ניט נור גרויס, נור אזוי שעהן ווי דער סאציאליסטישער אידעאל אליין, און איך בין געווען זיכער, אז די מעמבערס וועלען שטרעבען צו ווערען דאס, וואס איך האב געשריעבען, אז זיי זיינען שוין. לאָמיר זיך ניט

נארען, פיעלע פון אונז שטערבליכע זיינען גוט, ווייל אנדערע מענשען האבען איבער אונז א גוטע מיינונג.

* * *

דעם חלוק צווישען ארבייטער רינג און אלע איבריגע אידישע ארדענס האט אמאל פריינד פייגענבוים אויסגעדריקט זאגענדיג, אז דער ארבייטער רינג בעשטעהט פון צוויי טהיילען: „א גוף מיט א נשמה".

מענשען זיינען פאראנען פון דריי סארטען. איין סארט מענשען לעבט, ווייל אין איהם געפינט זיך לעבען. א צווייטער סארט מענשען לעבט, ווייל אין איהם געפינט זיך א חוץ לעבען א נשמה, און דער דריטער סארט לעבט, ווייל אין איהם געפינט זיך א חוץ לעבען און נשמה, נאך א נשמה יתורה.

עס ווערט ערווארטעט, אז צום ארבייטער רינג שטעהען צו נור אזעלכע, וואס האבען א נשמה יתירה. די נשמה וועלכע ווייל ניט און קען ניט בעגייסטערט ווערען פון קראנקען־און טוידטען בענעפיט אליין, נור וועלכע זוכט עפעס אין די העכערע ספערען פון לעבען און גלויבט עס צו געפינען אין ארבייטער רינג.

און דערפאר קען מען פאראויסזאגען די צוקונפט פון ארבייטער רינג.

די גאנצע מאדערנע שטרעמונג אין יעדען צווייגעלע פון מענשלי־בער טהעטיגקייט שטרעבט צו דער ערוואכונג פון דער נשמה יתירה אין מענשען, און מיט דעם וואוקס פון די צאהל אידען וועמענס נשמה־יתירה וואכט אויף, מוז אויך וואקסען דער ארבייטער רינג.

דער מערקווירדיגסטער נשמה־יתירה וועקער איז די וויסענשאפט. די סאציאליסטישע וויסענשאפט ספעציעל און דער ארבייטער רינג מוז אזוי געפיהרט ווערען, אז ער זאל האבען א רעכט צו ערווארטען אין זיינע רייהען יעדען אידען מיט אן אויפגעוועקטע נשמה יתירה.

* * *

פאלגענדער פאקט וועט פיעלייכט אינטערעסירען דעם צוקונפטי־גען היסטאריקער פון ארבייטער רינג. א פאקט, וועלכער צייגט, אז אין ארבייטער רינג, ווי אין יעדע פראגרעסיווע בעוועגונג, איז פארגעגאנ־

נען און געהט ביז א געוויסען גראד נאָך היינט פאר א קאמפף צווישען שאָטען און ליכט.

עס איז געווען ערב יום־כפור ניינצעהן הונדערט מיט עטליכע יאהר, נאָך דעם וואס דער מעכטיגער גאָט איז מיט מזל געווארען א טאטע, און אויך אין צווייטען יאהר וואס איך בין געווען סעקרעטער אין ארבייטער רינג.

אין יענעם ערב יום־כפור איז ערשיענען א שטארק אטהעאיסטי־שער ארטיקעל אין דער „פרייע ארבייטער שטימע" אונטער מיין נאָמען.

דער ארטיקעל איז געווען געווידמעט צו די מעמבערם פון ארביי־טער רינג, וועלכע זיינען נעגאנגען אין שוהל דאווענען אין די מורא'דיגע טעג.

וואס פאר א געוואלדיגען שטורם דער ארטיקעל האָט אויפגע־ברויזט קען מען יעהען פון דעם פאקט, אז דער „פארווערטס" האָט געעפענט א דעבאטע איבער דעם צוועקמעסיגקייט פון ארטיקעל.

פיעלע בריעף, די מייסטע פון זיי זעהר אינטעליגענטע, זיינען געדרוקט געווארען, און אויב איך האָב קיין טעות ניט, איז די מעהר־צאָהל געווען איינפערשטאנען מיט מיר. נור ניט דאָס בין איך אויסען.

וואס איך וויל דא דערצעהלען, איז די אורזאכע וואס האָט ארויס־גערופען דיעזען ארטיקעל.

דער אפיס פון ארבייטער רינג איז שוין דאמאָלסט געווען אין 24 ראָטגערס סטריט. ווען אין א שעהנעם טאָג, אן ערב ראש־השנה, ברייננט מיר א מעמבער אריין אין אפיס א שוהל־טיקעט, געדרוקט אויף רויטען פאפיער, און וואו עס ווערט מיט גרויסע בוכשטאבען דערצעהלט, אז א וועלט־בעריהמטער חזן וועט מתפלל זיין און דער גאנצער טיקעט קאָסט בלויז דריי דאלאר.

אונטער אנדערע אומשטענדען וואלט מיר בעדארפט גרויס הנאה טהאָן, ווייל נאָך אלעמען קריעגען דאָך אזוי פיעל אפערייטאָרס, אזוי פיעל ארימע בעלי־מלאכות א געלעגענהייט פאר בלויז דריי דאלאר צו בעטען גאָט, וועלכעס איזווירקליך א גרויסע מציאה, איבערהויפט אז מען געדענקט נאָך, אז סליחות געהען אויך אריין פאר די זעלביגע דריי דאלאר, דאָך בין איך אָן דעם „בארגיין" ניט בעגייסטערט געווארען

ניט נור בין איך ניט בעגייסטערט געווארען, נור פארקעהרט, איך בין אן אויפגעקאָכטער געווארען, ווען איך האָב דערזעהען דעם רויטען שוהל־טיקעט, ווייל דער גאנצער עסק איז אראנזשירט געווארען פון א ברענטש פון ארבייטער רינג. דאָס הייסט פראסט, א ברענטש פון ארבייטער, מיין אייגענער א ברענטש, האָט געדונגען א האָלל, געדונגען א חזן, געדונגען א ספר־תורה און אלע איבריגע קלייניגקייטען, און פארקויפט בילעטען צו 3 דאלאר א שטיק. דאך דיעזער פאקט אליין האָט מיך ניט פיעל אויפגערעגט, מיר האָט אפילו ניט פערדראסען דער פאקט, דאָס דיעזער גאָטס־פירכטיגער ברענטש האָט מיך ניט געדונגען צו זיין זייער בעל־מוסף. ניין, דאס אלעס האָב איך איבערגעטראָגען קיהל. אן אויפגעקאָכטער בין איך געווארען ווען איך האָב געזוכט אויפ'ן רויטען שוהל־טיקעט דעם יוניאן־לייבעל און ניט געפונען.

פרום, האָב איך זיך געטראכט, מעגען עטליכע מעמבערס זיין, אָבער סקעבס ?

און ווען איך האָב ערפאהרען, אז ניט נור זיינען די בילעטען געווען סקעב ארבייט, נור אז די ביינק, ווייסע ניט געהובעלטע ביינק, זיינען געווען געמאכט פון סקעב קארפענטערס, יע, מען האָט מיר איבערגעגעבען, אז דער חזן איז געווען א שניידער ביי טרייד און סקעב ביי פראפעסיאן, אפילו דער בעל־תקיעה איז געווען א שוחט א סקעב און אז פיעלע פון די דאוונער האָבען זיך איינגעוויקעלט אין טליתים, אויף וועלכע עס איז נאָך געווען די בלוט פון די סטרייקענדע ביאַלים־טאָקער טליתים־וועבער, פערגאָסען פון רוסישע פאליציי און אייגענע סקעבס, דאן ערשט.... יע, דאן איז ענטשטאַנען דער אויבענדערמאָהנטער ארטיקעל.

צו אייביגער עהרע פון ארבייטער רינג, איז דער ברענטש באַלד פערשוואונדען געווארען.

* * *

קיין קאָמישעס האָט אויך ניט געפעהלט. הערט פאר א ציקאווע:

ביים קאָנווענשאָן פון ארבייטער רינג פון דעם יאהר, אין וועלכען איך בין געווען סעקרעטער, זיינען אריינגעקומען א מאסע קלאָגען געגען מיר, פון וועלכע איך האָב געהאט גרויס תענוג. אזוי האָט איין קלאָגע,

צום ביישפּיעל, די ערשטע און די שווערסטע, פּערוואַנדעלט אַלע מיינע געגנער אין איבערגעגעבענע פריינד, וועלכע האָבען טיכטיג געאַרבייט פאַר מיין וויעדערערוועהלונג. דאָס איז געווען אַ קלאַגע פון ברענטש 15, האַרטפאָרד. די קלאַגע האָט געלויטעט, אַז איך האָב שרעקליך בעליידיגט דעם ברענטש. ווען דער דע־לעגאַט, עלקין, איינער פון מיינע אינטימסטע פריינד, איז פּאַרטיג געוואָרען מיט זיינע בעווייזע, איז פריינד גאָלדין, וועלכער איז געווען מיינער אַן אויסגעשפּראָכענער געגנער, צוגעקומען צו מיר און דריי־קענדיג מיין האַנד אמת ברידערליך, האָט ער מיר געזאָגט, אַז פון יעצט און ווייטער זאָל איך איהם ניט בעטראַכטען פאַר אַ געגנער, נור פאַר אַ פריינד, פאַר וועמענס וויעדערערוועהלונג ער וועט אַרבייטען.

און ער האָט געאַרבייט.

איין קלאַגע איז אָבער ווערטה דערמאָהנט צו ווערען.

מען האָט אַריינגעבראַכט אַ קלאַגע, אַז דער סעקרעטער און מאַנכע פון דער עקזעקוטיווע ספּענדען דעם אַרבייטער רינג'ס געלד ניט פּרע־גענדיג קיינעם, גלאַט אַ הפקר־וועלט.

דאַ האָט איהר די געשיכטע פון פאַרברעכען. אַ פריינד האָט זיך געמאָלדען אין נויטה, האָט די עקזעקוטיווע בעשלאָסען, איך זאָל שריי־בען צו די ברענטשעס, אַז ערך זיעבעציג פון זיי, און פערלאַנגען שטיצע. באַלד האָט אָנגעהויבען אַריינצופליסען געלד פון אַלע זייטען. איך מוז דאַ בעמערקען, בדרך אגב, אַז דיעזע שעהנע מעלה פון שטיצען אַ נויט־ליידענדען פריינד, און שטיצען מיט פולער האַנד, האָט דער אָרדען אי־בערגענומען פון ברענטש 1, וועמענס שטיצע האָט פיעלע פון איהרע מעמבערס ברידערליך געהאָלפען צו ווערען זעלבסטשטענדיגע מענשען.

אזוי שנעל ווי עטליכע דאָלאַר זיינען אַריינגעקומען, האָב איך זיי גלייך איבערגעגעבען אונזער אונגליקליכען פריינד.

ווען די לעצטע 10 דאָלאַר זיינען אַריינגעקומען, האָב איך געלאָזט רופען דעם ליידענדען פריינד, און עס איהם איבערגעגעבען. און צו מיין גרעסטען פערגניגען האָט דער פריינד, וועלכער איז געווען רעקאָ־מענדירט פון געגנאָסע פייגענבוים, מיר ערקלעהרט, אַז ער האָט קיין

שטיצע מעהר ניט נויטיג, ער ארבייט און פערדיענט, און ער ברויכט די 10 דאלאר ניט מעהר.

מיך האט דאס דאפעלט געפרעהט, ערשטענס, דארף א פריינד מעהר קיין שטיצע ניט, צווייטענס, די עהרליכקייט פון א מעמבער פון ארבייטער רינג, ניט צו וועלען נעהמען קיין געלד, וויסענדיג, אז דיעזע געלד איז ער ניט פערפפליכטעט אבצוגעבען.

אלזא, ביי מיר, הייסט עס, זיינען געבליעבען 10 דאלאר, וועלכע בעלאנגען ניט צום ארבייטער רינג.

ס'האט ניט לאנג געדויערט, קומט א מעמבער פון ברענטש 8, וועלכען איך האב געקענט פאר א פראסטען, אבער עהרליך, פלייסיגען ארבייטער, און דערצעהלט מיר, אז איהם איז זעהר שלעכט, ניין, ניט שלעכט, נאר ביטער, ווייל אויב ער וועט מארגען ניט בעצאהלען דעם רענט, וועט ער ליעגען אין גאס מיט זיינע ארימע בעבעכעס, און קיין צייט צו ווארטען אויפ'ן מיטינג פון דער עקזעקוטיווע איז ניטא.

דער טרעזשורער פון ארבייטער רינג איז דאמאלסט געווען פריינד דעניסאן, וועלכער וואהנט היינט אין יענעם שטעדטיל, וואו פרעזידענט טעפט וואהנט, און וועלכער איז דאמאלסט געווען א סיגאר־מאכער. ביידע האבען מיר אונאפיציעל בעשלאסען, אוועקצוגעבען די אויבענ־דערמאהנטע 10 דאלאר דעם נויטהליידענדען פריינד.

אלזא, די קלאגע איז געווען גוט בעגרינדעט, ווייל דיעזע 10 דא־לאר האבען מיר ווירקליך פארספענדעט אהן דער צושטימונג פון דער גאנצער עקזעקוטיווע.

און ווער איז געווען דער קלעגער?

דער נויטהליידענדער פריינד אליין.

* * *

צום שלום וויל איך זאגען, אז דאס וואס דער ארבייטער רינג האט דורכגעלעבט פון זיין געבורט אן ביז היינטיגען טאג, וועט צו־נויפשטעלען א שעהן בלעטעל אידישע געשיכטע. און, וועהרענד, ס'איז אמת, אז צווישען דער אידישער יוגענד האט זיך נאך ניט ארויסגעצייגט א באקעל אדער א מאמסען, איז אבער זיכער, אז דער אינטערעס אין ארבייטער רינג וואקסט, און פריהער אדער שפעטער וועט זיך יאווען



Membership Dep't. Cemetery Dep't.



General Bookkeeping Dep't.

א היסטאָריקער, וועלכער וועט וועלען שרייבען די געשיכטע, איבער דעם וואוקס און ענטוויקלונג פון דעם מאָדערנעם אידען אין דער נייער וועלט, און אָהן דעם ארבייטער רינג'ס געשיכטע וועט אזא היסטאָריע ניט זיין פאלשטענדיג.

און דערפאר וואלט איך ראטהען דעם צוקונפטיגען היסטאָריקער פון דער געשיכטע פון מאָדערנעם יודענטהום, זיך אונטערצוהיילען מיט זאמלען פאקטען פון דער ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון ארבייטער רינג. די פאקטען קען ער יעצט נאָך קריעגען פון דער ערשטער האנד.

אין ברענטש 1, די מאמע פון ארדען, געפינען זיך נאָך עטליכע פריינד, וועלכע זיינען געשטאנען ביים וויעגעלע פון ארבייטער רינג, יע, ער קען דאָרט נאָך געפינען אזעלכע, וועלכע האָבען ניט נור גע־הערט, נור געפיהלט די געבורטס-וועהען, ווען דיעזער גראָטענער קינד האָט צום ערשטען מאָל ערבליקט דאס ליכט פון דער זונן.

ליליפוט.

דער ארבייטער רינג,

זיין וואוקס, זיין אויפטהו און זיינע ווייטערע אויפגאבען.

.1

ער 4טער אפריל 1892 ווער פערנעהמען איינעם פון די בכבוד'דיגסטע פלעצער אין דער געשיכטע פון דער אידישער ארבייטער בעוועגונג אין אמעריקא. אין דעם טאג האט זיך געגרינדעט דער ערשטער פעראיין פון דער גרויסער אידישער ארבייטער־ארגאניזאציאן, וועלכע האט מיט 9 יאהר שפעטער אנגענומען דעם נאמען „ארבייטער רינג“.

די גרינדער פון יענעם פעראיין האט זיך גאר ניט גע'חלום'ט, האט זיך גאר ניט געקענט חלומ'ען, אז זייער פעראיין וועט זיין, אין קנאפע צוויי צעהנדליג יאהר ארום, א צווייג פון דער גרעסטער אידישער ארבייטער־ארגאניזאציאן אין דער וועלט, איין צווייג פון א גרויסען, ריעזיגען, איינפלוסרייכען און לעבענס־פעהיגען ארדען, מיט איבער 400 ברענטשעס, מיט נאהענט 38 טויזענד מיטגליעדער, מיט אן אייגענעם סאניטאריום, מיט נאך און נאך א סך נוצליכע איינריכטונגען. ווען מען וואלט זיי דאס דאמאלסט געזאגט, וואלטען זיי עס געהאלטען פאר א נארישען קאמפלימענט, אדער פאר א „קיבעץ“. און דאך האבען



ערעפנונגס-פעסט. ארבייטער רינג סאנאטאריום, ליבערטי, נויארק.

עס די צייט און די אומשטענדען פערטיג געבראכט! און דאך האט זיך דיעזער ניט־גע'חלומ'טער חלום פערווירקליכט!

וואו ליעגען די אורזאכען פון דיעזען ריעזיגען וואוקס זיינעם? דורך וואס פאר אן אויפטהו זיינעם האט ער זיך ערוואָרבען די סימ־פאטהיע פון דער גאנצער פארטגעשריטענער ארבייטערשאפט אהן אונ־טערשיעד פון פארטיי, קלייזעל און שאטירונג? וועלכע פון זיינע הויפט־יסודות זיינען עס, וואס האבען געקרוינט זיין ארבייט מיט אזא ריעזיגען ערפאלג?

אום צו געפינען אן ענטפער אויף דיעזע, ווי אויך אויף נאך א גאנצע רייהע אנדערע פראגען, מוז מען ווארפען א בליק אויף דער סביבה אין וועלכען דעם ארבייטער רינג קומט אוים צו ווירקען; אויף דאס געזעלשאפטליכע לעבען אין וועלכע איהם קומט אוים זיין ארבייט צו פיהרען, אויף די אנדערע בעוועגונגען, מיט וועלכע איהם קומט אוים זיך אויף זיין וועג צוזאמענצוטרעפען, ווי אויך אויף די עלעמענ־טען, פון וועלכע ער שעפט זיינע רעקרוטען.

מיר נעהמען זיך ניט אונטער צו ענטפערען אויף די אלע אויפ־געווארפענע פראגען, ווי אויך, צו געבען א גרינדליכע אויספארשונג פון דער סביבה און די אלע אומשטענדען וואס האבען געמאכט דעם אר־בייטער רינג אזוי גרוים און אזוי פאפולער. וואס מיר ווילען איז — אנצייכענען נאך אונזער מיינונג די אורזאכען, וואס האבען געטריבען דעם ארבייטער רינג צו פערנעהמען אזא „אויבען־אן" אין דער אידישער פראגרעסיווער ארבייטער־בעוועגונג.

צום אלערערשטען, וואס איז אזוינס דער ארבייטער רינג? דער קירצעסטער ענטפער אויף דעם וואלט געדארפט זיין: א געגענזייטיגע אונטערשטיצונגס־געזעלשאפט אין פאל פון קראנקהייט און א פערזי־כערונגס־געזעלשאפט נאכ'ן טויט. מיר זאגען דיעזער ענטפער איז דער קירצעסטער, אבער ער ערקלעהרט ניט אלעס, ווארום אזעלכע געזעל־שאפטען, אדער, ווי דא רופט מען עס ארדערס, זיינען געווען דא, אין אמעריקא, פריהער פאר איהם, און עקזיסטירען נאך עד היום. היינט וואו ליעגט פארט די אורזאכע פון זיין ערפאלג? אום צו קריעגען אן ענטפער אויף דיעזער פראגע דארפען מיר עפענען די לעצטע בלעטעל

פון זיין קאָנסטיטוציאָן ד. ה. דורכלייענען זיין פרינציפּען־ערקלעהרונג און זיין פאָרדערונג, וואס ער שטעלט ביים אריינטרעטען אין איהם. און דא וועלען מיר געפינען דעם גרויסען אונטערשיעד פון איהם און אלע איבעריגע אידישע ארדענס פון אמעריקא. אין דער צייט, ווען אלע אנדערע אָרדענס פרעגען ביי זייערע נייע קאנדידאטען פאר מעמבערס קיינע שום „אני מאמינ'ס", פרעגט, אָדער, דארף וויינינגסטענס יע־דער ברענטש פרעגען, ביי זיינע נייע קאָנדידאטען: „ברודעריל, ווער ביזט דו?" און, אָבוואהל, די עקזאמענייישאָן איז ניט קיין שטארק שווערע, אין די פערפּליכטונגען, וואס דער נייער קאנדידאט דארף אויף זיך נעהמען זיינען ניט קיין אויסגעשפּראָכען סאָציאַליסטישע, זיינען זיי דאך אויף אזוי פיעל שטארק, אז זיי לאזען צו איהם ניט צו קיינע קאָנסערוואטיווע, קיינע אנטי־פּראָגרעסיווע עלעמענטען. און אין דעם, און נאָר אין דעם, ליעגט איינער פון זיינע שווערע „פּאָינטס" געגען אלע אנדערע ארדענס; צוליעב דעם האָט ער זיך ערוואָרבען די סימפּאטהיע און די אונטערשטיצונג (ווען ער האָט זיך געגויטיגט) פון אלע פארטגעשריטענע אידישע ארגאַניזאציאָנען און פּארטייען.

2.

ריידען וועגען דעם, ווער עס זיינען די עלעמענטען, וועלכע דארפען און מוזען בעלאנגען צו גענענזייטיגע אונטערשטיצונגס־פעראיינען אין אמעריקא, און הויפּטזעכליך צווישען דער אידישער בעפעלקערונג אין אמעריא איז אן איבעריגע זאך. וואָרום, ווער איז אין דיעזער גאָלדענער מדינה פערזיכערט מיט זיין עקזיסטענץ? ווער קען דאָ, און ניט נור דאָ, זאָנדערען אין דער גאנצער קאפּיטאַליסטישער וועלט, געפינען הילפע אין אן עת צרה, ווען ער זאל זיך פריהער דערמיט ניט בע־זאָרגען? אָבער מעהר פאר אלעמען נויטיגט זיך אין אזא איינריכטונג דער ארבייטער־קלאַס, און איבעראל וואו עס איז נאָר מעגליך, זיינען געגרינדעט אדער גרינדען זיך אזוינע געזעלשאפטען, פון בארבארישען רוסלאנד ביז דאָס ציוויליזירטעסטע לאנד אויף דער וועלט. דא אין אמעריקא איז דער געפיהל פון געגענזייטיגע הילפע אדער זעלבסט־הילפע, ווי איך וואָלט עס בעסער אנגערופען, מעהר פערברייט ווי

אומעטום, ווייל דאָ איז יעדער איינער מעהר אָנגעוויעזען אויף זיך ועלבסט, ווייל דער קאמפף אום דער עקזיסטענץ איז דאָ שארפער ווי אומעטום, ווייל דער קאפיטאליזם און זיינע אינסטיטוציאָנען זיינען דאָ אָפענער, בולט'ער, און דארום ענג־הערציגער, ווי אומעטום. און דעריבער דארף עס ניט וואונדערען, וואָס יעדער איינער זוכט צו בעלאנגען צו א פעראיין, וואו ער זאל ניט־בעטלענדיג קריעגען שטיצע אין דער צייט, ווען ער וועט זיך אין דעם נויטיגען, און דערום דארף עס ניט וואונדערען וואָס טויזענדער און צעהנדליגע טויזענדער ארבייטער בעלאנגען צו פערשיעדענע אָרדענס, אונטערשטיצונג־חברות א. ז. וו. די יעניגע, ביי וועמען דאָס קלאסען־בעוואוסטזיין און דער קלאסען־געגענזאץ זיינען נאָך ניט דערגאנגען צו דער נויטיגער שטופע קימערט ניט וואו ער בעלאנגט, אבי נור ער בעלאנגט, וואו ניט איז.

אבער פאר די לעצטע 5—6 יאהר איז פארגעקומען א גרויסע אומוועלצונג, א גרויסע רעוואָלוציאן אויך אין דיעזער הינזיכט. דער ארבייטער הויבט זיך אָן ארומזעהען, וואו ער דאף בעלאנגען, פון וועמען ער דארף נעהמען שטיצע, וועמען ער דארף שטיצען א. ז. וו. און אין דיעזער אומענדערונג זיינען די הויפט־שולדיגע, אדער בעסער אין דיעזער אומוועלצונג האָבען דעם גרעסטען פערדיענסט די **גרינגע גענאָסען** (אויב איהר ווילט, שטעלט עס אריין אין גענזעפיסלעך).

דער נייער שטראָם פון עמיגראציאן פון רוסלאנד האָט פאר די לעצטע 5—6 יאהר אריבערגעבראכט אהער גאָר אן אנדער עלעמענט, ווי פריהער. אנשטאָט קליינשטעטעלדיגע געפאלענע בעלי־הבתים, אָדער בעלי־הבית'ישע קינדער האָט געננומען עמיגרירען אהער א קלאסען־בעוואוסטע ארבייטער־מאסע און אן ארבייטער־אינטעליגענץ, וועמען די פערפלוכטע רוסישע אומשטענדען האָבען דאָרטען דעם באָדען צו הייס געמאכט, וועלכע האָבען געמוזט אנטלויפען פון דער היים ניט צוליעב דעם, וואָס זיי האָבען דארטען קיין לעבען ניט געקענט מאכען, נאָר וועלכע מען האָט דארט קיין לעבען ניט געלאזען מאכען. יעדעס שיף האָט געבראכט נייע מחנות בעוואוסטזיניגע מענשען, וועלכע האָבען ניט גענויטיגט זיך אין קיינע אגיטאציאנען, אום צו צושטעהן צו דער ארבייטער בעוועגונג. זאָנדערען וועלכע זיינען שוין אין דער היים

בעשטאַנען זייער וועלטעל, וועלכע האָבען שוין פערזוכט, וואָס היים און קאַלט איז. דיעזע עלעמענטען האָבען געבראַכט אַ נייעם לעבען מיט זיך. אַ נייער גייסט האָט אָנגעהויבען צו הערשען אפילו אין די רייהען פון די פריהער־אריבערגעקומענע, וועלכע האָבען זיך שוין צו די אומשטענדען צוגעפּאַסט און פריעדליך געדרעמעלט.

דיעזער נייער גייסט האָט זיך ניט צופריעדענגעשטעלט מיט איינפאַכע מאַטעריעלע בעפריעדיגונג. אַ חוץ די מאָגען־פראַגע האָט ביי זיי אויך עקזיסטירט אַ גייסטיגע פראַגע. און דיעזע עלעמענטען האָבען עס גענומען אָנפילען די שעפער, די פעקטאָריעס, פאַבריקען א. ז. וו., און לעבענדיג אין אַ לאַנד, וואו מען קאַן אפילו צו „קבורת ישראל" ניט קומען, ניט האָבענדיג פריהער דערפאַר בעצאַהלט, שוין ניט רעדענדיג וועגען קראַנקהייט אַנפאַל א. ז. וו. האָבען זיי אָנגעהויבען טראַכטען וועגען געגענזייטיגע אונטערשטיצונג. אַ טהייל פון זיי זיינען גלייך אַוועק צו דעם איינציגען פּראָגרעסיווען אָרדען, צו זייער אָרגאַניזאַציאָן, צום ארבייטער רינג, און דערמיט פערשטאַרקט זיינע רייהען, אַן אַנדער טהייל האָט זיך פעראייניגט אין אונאַבהענגיגע געזעלשאַפטען און פעראיינען, און אַ דריטע טהייל, וועלכע האָט זיך געהאַלטען דאָ „נאָר פאַר געסט אויף אַ ווײַלע" האָט זיך אויך פעראייניגט, אבער ניט אויף מאַטעריעלע שטיצע פאַר זיך, נאָר אויף שטיצען די ברידער אין דער היים.

און אַזוי האָבען מיר געזעהען, האָבען זיך אָנגעהויבען גרינדען סאָסייעטיס און סאָסייעטעלעך, ווי שוועמלעך נאָך אַ רעגען. נאָר לאַנג האָט אַזאַ צושטאַנד ניט געקאָנט אָנהאַלטען, סיי די אונאַבהענגיגע פעראיינען, סיי ד י „געסט אויף אַ ווײַלע" האָבען גיך געמוזט קומען צו דער איבערצייגונג, אַז אין לאַנד פון טראָסטס און גרויס־קאַפּיטאַל קענען קיין אונאַבהענגיגע אונטערנעהמונגען זעהר שוואַך פּראָוועריטס קומען, און ווען דער קאָך איז אריבער, ווען די „שטורם און דראַנג־פעריאָדע" האָט אָבגעטראָטען דעם וועג די קאַלטע איבערלעבונגס־קראַפט, זיינען זיי געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז עס איז צייט זיך אָנצושליסען אַן אַ שטאַרקערע קערפּערשאַפט, אויב זיי ווילען ניט אינגאַנצען פערשווינדען פון דער אבערפלעכע.

די „לשם שמים“־פעראיינען האָבען דאס אָנגעהויבען איינצוזעהען שפּעטער מיט איינינע צייט, ווען די רוסישע רעוואָלוציאָן האָט ארויפגעלעגט איהר שווארצע לאַפּעס אויף אלץ, וואס איז רעוואָלוציאָנער אדער נאָר פּראָגרעסיוו, ווען זי האָט אלעס לעבענדע אויף א מעהר אדער ווייניגער לאַנגע צייט אונטערדריקט. ווען זיי האָבען דאָס געגרמען איינזעהען און זיך אריינלעבען אין דעם, האָבען זיי אָנגעהויבען צו פערשטעהן, אז זיי זיינען דא ניט קיין געסט „אויף א ווײַלע נאָר“, זאָנדערען מעהר אדער ווייניגער שטענדיגע.

און איינזעהענדיג דאָס, האָבען זיי גענומען טראַכטען וועגען א „תכלית“, וועגען א פערזיכערונג פון זייער עקזיסטענץ. און דער עיר מקלט פאר זיי ווי אויך פאר דער ערשטער קאטעגאָריע האָט ווייטער קיין אנדערער ניט געקאָנט זיין, ווי דער ארבייטער רינג, ווארום א וואו האָט א פּראָגרעסיווער אונטערשטיצונגס־אדער אזוי א לאַנדסלייט־פעראיין געקאָנט אריינגעהן און זיך געפינען היימיש, אויב ניט אין ארבייטער־רינג?

.3

נאָר עס איז דאָ נאָך אן אורזאכע פון דעם ריעזיגען וואוקס פון ארבייטער רינג, אויב ניט אזא וויכטיגע ווי די פריהער־אָנגעצייכענטע, איז זי דאָך וויכטיג גענוג, אום אָנגעמערקט צו ווערען. דאס איז די שוואכע ענטוויקלונג, אָדער גראָב זיך אויסגעדריקט, די אָהנמעכטיגקייט פון דער ראדיקאלער ארבייטער־בעוועגונג דאָ, אין דער אידישער נהעטאָ פון אמעריקא. לאָמיר זיך ניט נארען, די פּארטייען (איך מיין די ארטיגע) זיינען זעהר שוואך, האָבען זעהר א קליינעם איינפלוס, און א חוץ דעם די צושפּאלטענקייט, די שטענדיגע קריעגעריי א. ז. וו. דאָס אַלעס האַלט אָפּ א סך ארענטליכע אויסגעשפּראָכענע סאָציאַליסטען פון אריינטרעטען אין זיי. און וועלענדיג, וואָס ניט איז טהאָן, און זובענדיג אן ארגאניזאציאן, וואס איז מעהר אדער ווייניגער פריי פון קלייזעל־פּאָליטיק, מוז זייער בליק פאלען אויפ׳ן ארבייטער רינג, און פיעלע זיינען אריינגעטראָטען טאַקע צוליעב דיעזער אורזאַכע אין איהם, און דאָס זיינען ניט פון די ערגסטע פון איהרע מיטגליעדער!..

דאָס זעלבע קען אויך געזאָגט ווערען וועגען דער היגער אידישער טרייד־יוניאָן בעוועגונג. אויב איינינע פון זיי בעפריעדיגען אויף ווי־פיעל ניט איז די שמאָל־מאַטעריעלע אינטערעסען פון זייערע מיטגליע־דער, קאָנען זיי דאָך ניט בעפריעדיגען זייערע מיטגליעדער אין גייסט־ליכער הינזיכט, און יענע זיינען געצוואונגען צו זוכען אן אנדער בע־וועגונג, וואו דאָס צו געפינען. אין דערינען געפינען מיר די ערקלעהרונג, וואס פיעלע יוניאָן־מיטגליעדער האָבען געגרינדעט פאר זיך ברענטשעס פון ארבייטער רינג, וואס פיעלע פאַרטיי־ארגאניזאציאָנען, אויב איך האָב קיין טעות ניט, אפילו דיסטריקטען, האָבען זיך אָנגעשלאָסען אן איהם און דערמיט פערשטאַרקט זיינע רייהען.

נאָר דאָס אלעס האָט ניט נאָר פערשטאַרקט דעם ארבייטער רינג, האָט ניט נאָר געגעבען איהם א מעגליכקייט בעסער אוועקצושטעלען זיין אינשורענס־ארבייט, זאָנדערען האָט אויך ארויפגעלייגט אויף איהם א סך פפליכטען, און יעצט לאָמיר זעהען, צו דער ארדען האָט דיעזע, זיינע פפליכטען, דיעזע פעראנטוואָרטליכקייט, וואָס די אומשטענדען, דאָס לעבען האָט איהם ארויפגעבריינגט, געוויסענהאפט ערפילט.

קודם כל, וואס האָט דער ארבייטער רינג אויפגעטהאָן פאר דער צייט פון זיין עקזיסטענץ, אדער בעסער פאר די לעצטע 4—5 יאהר, ווען ער האָט אזוי מעכטיג פענאנדערגעשפרייט זיינע פליגלען?

עס איז זעהר שווער צו געבען אן ענטפער אויף דיעזער פראגע. עס ווענדט זיך, ווי מען קוקט אויף דעם, מיט וואָס פאר אויגען מען קוקט, וואו מען ווארפט דעם בליק. ווען מען ווארפט דעם בליק אויף דער קאונטרי, אויף די קלייניקע שטעדט און שטעדטלעך פון נויאָרק ביז צום ווייטעסטען וועסט אדער סאוטה, וואו דער ארבייטער רינג האָט זיינע ברענטשעס, ווען מען בעטראכט די גרויסע קולטורעלע ארבייט, וואס ער האָט דארטען דורך זיינע ברענטשעס אויפגעטהאָן, די ביבליאָטהעקען, לייבררעים, דעבאטען, לעקטשורס א. ז. וו., ווען מען בעטראכט די קאָונטרי מיט איינעם וואָרט, מוז דער בליק בלייבען הענגען מיט געגוגטהוואונג, מיט צופריעדענהייט, דען די ביסעלע קול־טור, וואָס דאָרטען איז דאָ איז נאָר פון ארבייטער רינג און דורכ'ן ארבייטער רינג. אין דער קאונטרי איז דער ארבייטער רינג דער גרעס־

טער קולטורעלער פאַקטאָר. נאָר ניט א קולטורעלער אליין, זאָנדערען אויך א רעוואָלוציאָנערער, א סאָציאַליסטישער. אויך אויף דיעזעם געביעט האָט דער ארבייטער רינג אין דער קאונטרי א סך אויפגעטהאָן.

אנדערש איז עס אין דעם גרויסען קאָך־קעסעל — אין נויאָרק. דאָ האָט ער א סך, א סך מעהר געקאָנט אויפטהאָן, ווי ער האָט אויפ־געטהאָן. נאָר די פערפלוכטע אטמאָספערע, וועלכע דאָ הערשט, איז איהם א גרויסע שטערונג געווען, האָט א סך פון זיינע אויפגאבען ניט צוגעלאָזען אין ערגילונג צו בריינגען. אָבער אויך דאָ האָט ער אינפער־גלייך מיט דער פּארטיי־בעוועגונג און טרייד־יוניאָן בעוועגונג ניט וואָס ארונטערצופאלען. צעהלט צוזאמען די צאָהל לעקטשורס, וואס זיינע ברענטשעס האָבען ארגאַניזירט, נעהמט יעדוועדע אונטערנעהמונג, וואָס האָט נאָר א ראַדיקאַלען כאראקטער און זעהט, ווי ער האָט איהר גלייך אונטערשטיצט סיי מאָראַליש, סיי מאַטעריעל און איהר וועט איינזעהען, אז ער האָט אויך דאָ געגען קיינעם ניט ארונטערצופאלען.

נאָר מיר ווידערהאָלען, מיר וועלען זיך אין איינצעלהייטען ניט אריינלאָזען, אבער געדארפט האָט ער אויפטהאָן פיעל מעהרער, ווייל די שטעלונג וועלכע ער נעהמט אליין צוליעב דעם, ווייל קיין אנדערער האָט ניט גענוג פעהיגקייט עס איינצונעהמען, פאָדערט פון איהם פיעל, פיעל מעהרער.

.4

אונזער ארטיקעל האָט זיך שוין אזוי אויך לאנג פערצויגען, און דערום ווילען מיר זיך אויף די ווייטערע אויפגאבען פון ארבייטער רינג ניט פיעל אבשטעלען. וואס מיר ווילען איז נאָר נאָך אמאָל אָנמערקען, אז, ארויסגעהענדיג פון דעם שטאנד־פונקט, אז דער ארבייטער רינג איז א דאנק די אומשטענדען אוועקגעשטעלט געווארען אין מיטעל־פונקט, אָדער בעסער אויפ'ן אויבען־אָן פון דער היעגער אידישער ארבייטער־בעוועגונג, דארף ער זעהען זיין פאזיציאָן מיט ווירדע אויסצונוצען.

קודם כל דארף ער שאפען איין הויפט־פאקטאָר, אהן וועלכען קיין בעוועגונג קאן ניט עקזיסטירען — מיר מיינען א ג ע ז ע ל ש א פ ט־ל י כ ע מ י י נ ו נ ג. ער, און נאָר ער, איז אימשטאנדע דאָס צו

בעשאפען. מיט'ן עולם־גולם, אָדער, ווי מען רופט עס דאָ, מיט „משה'ן" שפּיעלט מען זיך שוין צו־פיעל. די מייסטע פון די „משה'ס", מיט וועמען מען רעכענט זיך ביי קיין זאך ניט, דאַך צו וועמען מען קומט אָן אויף יעדען שריט און טריט, זיינען זיינע מיטגליעדער, אדער וועלען פריהער אדער שפּעטער ווערען זיינע מעמבערס, און אויף איהם ליעגט די פּפליכט זיינע מעמבערס אדער צוקונפטיגע מעמבערס צו בעשיצען, צו ערציהען, צו ערהויבען אויף א ריכטיגע, אויף דער נויטיגער שטופע.

דער ארבייטער רינג, און נאָר ער קאָן און מוז שאפען א געזעל־שאפטליכע מיינונג, ווייל דאס איז די שטארקסטע, די איינפלוס־רייכסטע ארגאניזאציאן פון דער אידישער גהעטאָ.

דער ארבייטער רינג איז נאָך יונג, זיינע צווייגען זיינען נאָך ניט קאָנאנדערגעבליהט, זיין טהעטיגקייטס־פעלד איז נאָך ווייט ניט בע־ארבייט. טויזענדער און צעהנדליגע טויזענדער רעקרוטען ווארטען נאָך, אז מען זאל זיי צוציהען צו איהם, אז מען זאל זיי מאכען פאר רעקרוטען פון דער ארבייטער ארמעע. און וואס מעהר מיטגליעדער, אלץ גרעסערע אויפגאבען, אלץ גרעסערע פפליכטען. און קיינע אויפגאבען, קיינע פפליכטען האָבען קיין קיום ניט, בעפאר עס וועט ניט ווערען אָפּגע־שאפט די אונפעראנטווארטליכקייט, בעפאָר די לייידענדע גייסטער וועלען ניט וויסען, אז עס איז דא א מיינונג פון אן ארבייטער־געזעל־שאפט, פאר וועלכע מען דארף אכטונג האָבען, מיט וועלכער מען דארף זיך רעכענען.

און נאָך אן אויפגאבע האָט דער ארבייטער רינג. ער דארף זיין א פריעדענס־שטיפטער, א שלום־מאכער אין די פּראָלעטארישע רייהען. ער דארף העלפען, אדער בעסער ער דארף שאפען א סאציאליסטישע בעוועגונג, וואס זאל ערוועקען אכטונג אין די אויגען פון דער ארומיגער בעפעלקערונג. אזוי ווי איינציגע פון זיינע קאָנטרי־ברענטשעס האָבען געשאפען סאציאליסטישע ארגאניזאציאנען אין זייערע ווירקונגס־פּלעצער, דארף ער אלס גאנצער, שאפען אזא בעוועגונג איבעראל, וואו ס'איז נאָר מעגליך, און הויפטזעכליך זוכען מיט אלע מעגליכקייטען צו־שאפען עס דארטען, וואו עס איז אם וויכטיגסטען נויטיג.

און א דריטע אויפגאבע האָט ער דא — דאס איז אוועקשטעלען

די ערציהונגס, די אויפקלעהרונגס ארבייט אויף א ריכטיגען באָדען. איינציגע שריטע אין דיעזער הינזיכט זיינען געטהאָן געוואָרען, אָבער פיעל דארף געטהאָן ווערען, און מיר זיינען איבערצייגט, אזא ארגאָניזאַציאָן ווי דער ארבייטער רינג זאָל זיך צו דיעזער ארבייט נעהמען, וועט די ארבייט געקרוינט זיין מיט ערפאָלג.

אמת, אלע דיעזע אויפגאבען וואָלטען געדארפט געטהאָן ווערען פון אנדערע, אבער אזוי ווי די אנדערע זיינען ניטאָ, מוז דאס דער ארבייטער רינג אויף זיך נעהמען און יעדער, ועמען דער פּראָגרעס פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער בעוועגונג איז טהייער, וועט איהם אין דיעזער וויכטיגער ארבייט העלפען.

מיר האָבען ווייט ניט אנגעמערקט אלע אויפגאבען, וועלכע דער ארבייטער רינג האָט צו ערפילען, אבער עס וועט גענוג זיין, ווען מיר וועלען זאגען, אז דער ארבייטער רינג איז, ביי דעם יעצטיגען צושטאַנד פון דער היעגער בעוועגונג די איינציגע ארגאניזאציאָן, וואס האָט בכח וואָס ניט איז צו טהאָן, און מיר זיינען זיכער, אז זי וועט עס טהאָן, און דאן וועלען פיעלע, וועלכע קוקען סקעפּטיש און פּעסימיסטיש אויף דער ארבייטער בעוועגונג גאָר מיט אנדערע אויגען אָנהויבען אויף איהר צו קוקען. און נאָך מעהר עהרע און נאָך מעהר אכטונג וועט דערמיט געווינען דער איינציגער ארבייטער־ארדען דער ארבייטער רינג.

ש. עפשטיין.

געדאַנקען פון „אַ גרינעם“.

אַך אין אייראָפּא האָב איך פיעל געהערט פון „ארבייטער־רינג“, און אין געדאַנק האָט זיך מיר אויסגעמאָהלט א וואונדערבאַר־שעהנעס בילד: די אידישע ארבייטער, די דאָזיגע פּראָלעטאַרישע שטויב, זייענדיג אָבגעריסען פון דער היימאַטה, פון אייגענעם קאַמפּפס־פּלאַץ, בויען אויף אין „גאָלדענעם לאַנד“ א מערקווירדיגען בנין. עס ווערען פריהער גע־לייגט איינציגע ציגעל, ניט בעמערקבארע אפילו — עטליכע חברים בע־שליסען צו גרינדען צווישען זיך אַ קאַסע פון גענענזייטיגע הילף — און אויף'ן פונדאמענט פון די דאָזיגע איינציגע ציגעל וואקסט אויס א מעכ־טיגער טעמפּעל, וועמעס שפּיצען קוקען ארוים ווי א סימבאָל אויף די גאנצע וועלט, וואו עס געפינען זיך נור אידישע ארבייטער, און בעווייזען קלאָהר די אלע סקעפּטיקער פון רעכטס און פון לינקס, אז די פּראָלעטאַ־רישע שטויב איז קיין שטויב ניט, נור אמת'ע פּראָלעטאַרישע קראַפט און בעוואוסטזיין.

איך האָב פאר זיך גייסטליך געזעהן א פעסט פעראייניגטע ארמעע פון 35 טויזענד אידישע ארבייטער מיט א מוסטערהאַפטער פער־וואַלטונג און דיסציפּלין, אלע בעגייסטערט פון איין ציעל, דורכגעדרונ־גען מיט'ן ליכט פון סאָציאַליזמוס, און א יראת הכבוד האט זיך ערוועקט אין מיין הארץ פאר דעם אידישען עמיגראנט, וועלכער האט דאס אלץ געקענט בעשאפען מיט זיינע אייגענע כחות. זייענדיג אליין אָבגעריסען פון דער אייגענער היים, האָב איך קיין מאָל ניט געצווייפעלט אין דעם

General Executive Committee, Workmen's Circle 1906-1907.
A. SMITH.
B. LILIENBLOOM.
H. GOLDIN.
A. EPSTEIN.
M. LEVINSON.

זיעג פון דעם הייליגען קאמפף אויף לעבען און טויט, וועלכער ווערט
דאָרט אָנגעפיהרט, און אונטער דעם איינדרוק פון דעם דאָזיגען בילד
האָט זיך מיין גלויבען אין די מאַכט פון „אידישען ארבייטער, גבירישען
קרבן“ אלץ מעהר פערשטאַרקט, עס איז פערשוואונדען אפילו יעדער
שאָטען פון פערצווייפלונג, יעדער קלענסטער שטריך פון ענטוישונג.

ווען עס איז מיר צום ערשטען מאָל ארייגעפאלען א געדרוקטער
בעריכט פון „ארבייטער רינג“, האב איך, איבערלעזענדיג איהם, איבער
געלעבט דאס זעלבע געפיהל, ווי ווען עס איז מיר אויסגעקומען דאס ער
שטע מאָל צו בעגעגענען זיך פנים אל פנים מיט דער מאָדערנער ארביי
טער בעוועגונג פון מערב־איירָאפא. אויף די גאסען און אין דיא האַללען
פון וויען, אין דער פרעכטיגער געביידע פון דעם דאָרטיגען „ארבייטער־
היים“ האב איך אין דער צייט פון דיא וואהלען אין נידער־עסטרייכישען
לאַנד־טאַג דערזעהען יענע וואונדערבאַר־דיסציפלינירטע פראָלעטארי־
שע מאסען, וועגען וועלכע מיר האבען געטרוימט און טרוימען אין רוס־
לאנד, און מיר האָט זיך עפעס ניט געגלויבט, אז אזא עהנליכע ארמעע
זאָל קענען ארויסרוקען אויך דער אידישער פראָלעטאאריאט, אז אויך ער
זאָל קענען בעשאפען זיינע אייגענע פאָלשטענדיג מאָדערנע געביידעס,
אויסגעהאלטען און אָנגעפיהרט פון איהם אליין אויפ'ן בעסטען אופן אָהן
שום שטיצע פון אנדערע קלאסען, און עס איז געקומען אמעריקא, דאס
„פערפלוכטע“, פון אונז אלעמען „פערהאסטע“ לאנד און האָט בעוויזען,
אז דאס איז יא מעגליך, אז דער אידישער פראָלעטאריאט פערמאָגט ניט
ווענינער לעבענס־פעהיגקייט פון אנדערע נאַציאָנאלע פראָלעטאריאטען.
קען דען זיין א גרעסערער יום טוב פאר יעדען איבערגעגעבענעם אידישען
סאָציאליסט, קען דען געבען א מעהר הערליכעס בילד? און ווען דער
שיקזאל האָט אויך מיך פערווארפען אויף יענער זייט ים, אָבגעריסען פון
אלעם, מיט וואס איך האב יאהרען־לאנג געאטהעמט, האָב אך זיך גע־
טרייסט מיט דער האָפנונג, וואס איך וועל קענען מיט דיא אייגענע אוי־
גען זעהען יענעם טעמפעל, וועלכער האט מיך פון דער ווייטען אזוי
געלאָקט מיט זיין פראַכט און גרויס.

האב איך זיך אָבגענארט אין מיינע ערוואַרטונגען, האָט זיך דאס

בילד, וואס איך האב זיך אויסגעמאָהלט אין אייראפּא, ארויסגעוויעזען פאר אן אילוזיע?

אויף דאָס קען איך ענטפערן מיט א טהיילווייזען „ניין"! איך זאָג מיט א טהיילווייזען, ווייל דער טרוים איז אלע מאָל הערליך־שעהן, ווען ער איז א טרוים, ערשיינט אָבער אין דער ווירקליכקייט, מוז ער פערלי־רען זעהר פיעל פון זיין שעהנקייט, און עס איז נאָך גוט, אז ער פערלירט נאָר א טהייל און ניט די גאנצע שעהנקייט, ווארום גאנץ אָפט פּאסירט, אז דיא גרויזאמע ווירקליכקייט פערדונקעלט דעם טרוים אין גאנצען און עס בלייבט נאָר א גרויסער וועהטאָג אין הארצען, א שרעקליכע בענק־שאפט נאָך דעם, וואס דיא פאנטאזיע האט געשילדערט אין אזעלכע פּרעכטיגע פאַרבען.

אלענפאלס האָט דער ווירקליכער „ארבייטער רינג" ניט פערלאָ־רען פאר מיר זיין שעהנקייט, ער איז נאָר פאר מיר אויסגעוואקסען אין א קאָנקרעטער פאָרם, אין זיין ריכטיגען געשטאַלט, און אלס אזעלכער איז ער נאָך מיר טהייערער געווארען, ווי פריהער, ווייל איך האָב זיך ערקונ־דיגט, אז ער קען אין דער ווירקליכקייט ווערען א לעגענדאַרישע גע־ביידע, וועלכע וועט זיין דער שטאָלץ פון אונזער היעגער ארבייטער־בעוועגונג.

מיט א יאהר 10 צוריק, ווען די אידישע ארבייטער אונטער דער אָנפיהרונג פון „בונד" זיינען ארויסגעטראָטען, אלס א קלאס, אויף דער פּאָליטישער סצענע פון רוסלאנד, האָבען מיר שוין מעהר אדער ווייניגער פאָראויסגעזעהען, אז אויף דעם גורל פון „בונד" וועט אויספאלען צו שפּיעלען א גרויסע ראָלע אין דער ערוואכונג פון דיא אידישע ארבייטער אויך אין אנדערע לענדער, און מיר האבען אין אונזער פאָראויסזעהן קיין טעות ניט געהאט, פארקעהרט, מיר האָבען נאָך ניט דערשאצט דיא דאָזי־גע ראָלע, מיר האָבען געמיינט, אז זי וועט זיין א סך קלענער, אונבעדײ־טענדער, ווי דאס האט פאקטיש פּאסירט.

אין גאליציען, בוקאָווינא, רומעניען זיינען אונטער דער דירעק־טער ווירקונג פון „בונד" ענטשטאַנען אידישע סאָציאלדעמאָקראטישע פּארטייען, וועלכע זיינען געווארען די הויפּט־פאקטאָרען פון דעם דאָרטי־

גען אידישען לעבען. זיי האבען אריינגעבלאָזען א רוח חיים אין דיא עצמות היבשות, זיי אָנגעוויזען דעם וועג, אויף וועלכען זיי דארפען געהן, און אלץ מעהר און מעהר אָבגערייניגט די פערפעסטעטע לופט פון דעם פערשטיקטען געהעטאָ. אָבער דיא גרעסטע ווירקונג, וועלכע דער „בונד" האט געהאט, איז געוועזן אין אמעריקא. דאָ זיינען דירעקט די בונדישע גענאָסען געוועזן די פאקטישע פאָרקעמפפער און מיטקעמפפער פאר אלעם סאָציאליסטישע, וואס מיר האָבען געהאט און האבען אין אונזער היגער וועלטעל. זיי זיינען געוועזן די יעניגע, וועלכע האָבען מיט זיך געבראַכט אָפפערוויליגקייט, בעוואוסטזיין, פרינציפיעלע אויסגעהאלטענהייט, און האבען אלעמען בעוויעזען, ווי ווייט מען קען זיין אן איד און סאָציאליסט צוזאמען און ווי ווייט די דאָזיגע צוויי אייגענשאפטען שטימען צווישען זיך הארמאָניש.

אונטער זייער ווירקונג האט דיא אידישע אסימילאטאָרישע אינטעליגענץ פון דער „איסט סייד" זיך פעראינטערעסירט מיט'ן אידישען ארבייטער, אָנגעהויבען צו רעדען צו איהם אויף זיין מאמע־לשון, און צוזאמען מיט זיינע בעוואוסטזיניגע עלעמענטען בעשאפען, א גוטע צו שלעכטע, אָבער דאָך גרויסע אידישע סאָציאליסטישע פרעסע, וועלכע האָט זיך ניט וואס צו שעהמען לויט איהר וואוקס און בעדייטונג פון דער סאָצאליסטישער פרעסע פון אנדערע לענדער, און אין דיזער לאנגער און קאָמפליצירטער קייט פערנעהמט דעם שעהנסטען אָרט, אָהן צווייפעל, דער „ארבייטער רינג", וועלכער איז א פועל יוצא פון דער זעלבער אידישער ארבייטער־בעוועגונג פון רוסלאנד אונטער דער פאָהן פון „בונד."

אויב אין אנדערע לענדער האבען מיר שוין שטארקע סאָציאליסטישע פארטייען מיט צאָהלרייכע און שטארקע פערטרעטונגען אין דיא פערשיעדענע מלוכה־איינריכטונגען, קען מען דאָס אָבער ניט זאָגען וועגען אמעריקא. די סאָציאליסטישע בעוועגונג אין אונזער לאנד איז נאָך זעהר שוואך, זי געפינט זיך נאָך אין איהר וויקעלעך־צושטאנד. דער דאָלאר־גייסט און דער קיבעץ־גייסט הערשען אין איהר פאָלשטענדיג, און ביז וואנען דער אמעריקאנער ארבייטער־קלאס וועט זיך בעפרייען פון די

דאָזיגע בייזע גייסטער, זיך דורכדרינגען מיט סאָציאַליזם כּמעט אין וועלכער עס איז פאָרם, ווערט נאָך, פיעלליכט, אוועקגעהן ניט איין צעהנדליג יאהרען. דעריבער איז אין אזא סביבה פון אנטי־סאָציאַליסטי־שע טענדענצען, וואו די געלקייט און דעמאָראַליזאַציע האָבען געמאַכט א טיעפען נעסט אין אַלע ווינקעלאך פון ארבייטער־לעבען, א סאָציאַליס־טישע אָרגאַניזאַציע, הגם אין דער פאָרם פון א שטאַרקער קראַנקען־קאַ־סע, געוויס א ווינשענסווערטהע ערשיינונג, וועלכע אַלע פריינד פון אר־בייטער־קלאַס דאַרפען בעגריסען מיט'ן גאַנצען הארצען.

מען טענה'ט, אז ווייל די בעוועגונג איז אין אמעריקא דעמאָראַ־ליזירט, דעריעבער וואַקסט דער „ארבייטער רינג."

עס איז געוויס טרויעריג, וואס דער „ארבייטער רינג" וואַקסט אויפ'ן חשבון פון די יוניאָנס און סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, אָבער וואס זאָל מען טהאָן? דאס איז א פאַקט, מיט וועלכען מען מוז זיך רעכענען, און אויף וויפיעל מען רעכענט זיך מיט איהם, מוז מען זעהן אָנווענדען אַלע קרעפטען, אז ער זאָל ווערען א וויכטיגער פאַקטאָר אין דעם וואוקס פון דיא יוניאָנס און סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. דער „ארבייטער רינג" ווייזט אַלענפאַלס, אז דיא ארבייטער־בעוועגונג האָט דאָ יאָ א באָדען, אז זיין וואוקס ווערט ניט שטערען ביי דיא בעטרעפענדע אומשטענדען איהר ענטוויקלונג, נאָר פערקעהרט, פיעל מיטהעלפען איהר ווייטערדיגען גאַנג.

די געשיכטע האָט אונז שוין פיעל ביישפּיעלען בעוויזען, אז פון דיא שמאַלע קראַנקען־קאַסען און אַנדערע עהנליכע פעראיינען, וועלכע האָבען, דוכט זיך, גאָר ניט געהאט וואס צו טהאָן מיט דעם פּאָליטישען לעבען, זיינען אויסגעוואַקסען מעכטיגע פּראָלעטאַרישע אַרמעען, מיט וועלכע מיר שטאָלצירען איצט, און אויך דער אַרבייטער־רינג קען אין אמעריקא שפּיעלען אזא ראָלע. ער קען זעהר פיעל אויפטהאָן ניט נאָר פאַר דער ערוואַכונג פון דיא אידישע ארבייטער, נאָר אויך פון אַלגעמיי־נעם אמעריקאַנער ארבייטער קלאַס. ער קען דיענען פאַר א מוסטער פון פּראָלעטאַרישער סאָלידאַריטעט, און אין פערלויף פון דער צייט וועלען פון זיינע טיעפעניסען ארויסוואַקסען די אמת'ע סאָציאַליסטישע קערן,

וועלכע וועלען זיך נים בענוגענען ניט מיט קראנקען־בענעפיט אליין און זיך אויף פערנעהמען מיט אלזייטיגער סאציאליסטישער ארבייט אין אלע געביעטען פון ארבייטער־לעבען.

אז דער „ארבייטער רינג“ קען דאס ווערען, האט אם בעסטען בע־שטעטיגט זיין פערגאנגענהייט. גרינדענדיג זיך אלס קראנקען־קאסע, איז ער פאקטיש געווארען דער גאנצער טרעגער פון אונזער היגען קולטורעלען לעבען. די גאנצע אידישע סאציאליסטישע און טהיילווייז ניט אידישע פרעסע האלט זיך אויף אויף זיינע ברענטשעס, ווילענדיג אדער ניט ווי־לענדיג איז יעדע קולטורעלע איניציאטיווע אבהענגיג פון זיי, און אויף פיעל מען וויל מאטעריעל שטיצען וועלכע עס איז פראגרעסיווע בעווע־גונג אין לאנד און אין אויסלאנד, מוז מען ווייטער אנקומען צום „ארביי־טער־רינג.“

אמת, די קולטורעלע טהעטיגקייט פון „ארבייטער־רינג“ איז זעהר אבגעלאזען, האט ניט קיין סיסטעם, טראגט א צו פעליגען כאראק־טער, ווייל מען ווענדעט אויף איהר ווייניג אויפמערקזאמקייט, אבער דאס שפריך־ווארט זאגט, אז אויף פעהלערן לערענט מען זיך, און אין דער צוקונפט וועט ער געווים זעהען אויך אבגעבען א גרויסען טהייל פון זיין אויפמערקזאמקיים דער קולטורעלער ארבייט.

אויב אין דעם ערשטען פעריאד פון זיין עקזיסטענץ איז איהם געלונגען צו בעשאפען א היים פאר זיינע קראנקע מיטגליעדער אין דעם געשטאלט פון זיין סאניטאריום, וועט ער אין צווייטען פעריאד זעהן אויפצובויען א היים פאר זיינע געזונדע מיטגליעדער אין דעם געשטאלט פון א „פאלקס־הויז“, ווי אין בעלגיען, אדער אין אנדערע לענדער, אין וועלכען די ארבייטער וועלען האבען זייערע ביבליאטהעק, זייער פאלקס־אוניווערזיטעט או זייער פאלקס־טהעאטער.

איך צווייפעל ניט, אז דער „ארבייטער רינג“ ווערט וואס וויי־טער אלץ א מעהר בעדייטענדער פאקטאר אין אלע ווינקעלאך פון אונזער לעבען, אז נאך דיא אלע געמאכטע פעהלערן וועט ער דאך ארויפגעהן אויף דעם ריכטיגען וועג פון אקטיווען קלאסען־קאמפף און פערשפרייטען סאציאליזם צווישען דיא ברייטע ארבייטער־מאסען, און דעריעבער איז פאר מיר דייטליך, אז די ענטוויקלונג פון דער אמעריקאנער אידישער אר־

בייטער־בעוועגונג וועט געהן ניט פאַרביי דעם ארבייטער־רינג, נאָר דורך איהם. די יעניגע, וועלכע זעהען איין אין ארבייטער־רינג נאָר א „חברה־קדישה“, זיינען אדער בלינד אדער שוין אזוי פערכאפט פון טייוולאָנישען קיבעץ, אז אויפער דעם עקזיסטירט פאר זיי גאָר ניט, דאס רעאלע לעבען וועט זיי אָבער זעהענדיג מאכען, און אויסהיילען פון דער ספּעציפישער איסט־סייד־קרענק.

יאָ, אין אייראָפּא איז דאס בילד, וואס איך האָב זיך אויסגעמאָלט וועגען „ארבייטער־רינג“, געווען צו שעהן, אָבער ער האט אויך אין אמעריקא ניט פערלאָרען זיין פּראכט, ווייל אין איהם קלאפּט דער דופק פון נייעם, גרויסען, ליכטיגען לעבען....

ב. פינגערהוט.

קאָ-אָפּעראַציאָן און דער אַרבייטער רינג.

„1) געגענזייטיגע אונטערשטיטצונג דער מיטגליעדער אין אללע נאטה אונד אונגליקס-פאללען”.

„2) פאָרטבילדונג דער מיטגליעדער, אונד”

„3) גרינדונג קאָ-אָפּעראַטיווער געשעפּטס-אונטערנעה-מונגען”.

פון דער קאָנסטיטושאָן פון „ארבייטער רינג”, אויסגעבעסערט אונד אנגענאמען דען 1טען יולי 1893.

עס איז געווען א צייט דאָ אין אמעריקא ווען קיינער האָט ניט געוואַגט צו דערמאָהנען דאָס וואָרט „קאָ-אָפּעראַציאָן”, און האָט עס אירגענד ווען „טרוימער” געוואַגט צו דערמאָהנען, איז מען איהם פון אלע זייטען בעפאַלען און איהם אָנגעצייגט אויף די מפּלות וועלכע עס האבען דורכגעלעבט די פילאדעלפיער, ניו-יארקער און אנדערע קאָ-אָפּע-ראַציאָנען. ס'האָבען ניט געהאָלפען קיין טענות, קיין אַרגומענטען, מען האָט זיך ניט געוואָלט דערצו צוהערען און מען האט אויסגעלאַכט יעדען איינעם, וועלכער האט געהאט דעם מוטה דאס צו פּראָפּאגאנדירען.

איצט, ווען דיא פּארטיי-פּרעססע דיסקוטירט דיא פראגע וועגען „קאָ-אָפּעראציאָן”, ווען אלע ראדיקאלע צייטונגען זיינען מעהר אדער ווייניגער בעשעפטיגט מיט דער פּראגע, איז עס שוין ניט קיין געפאהר צו רעדען אדער שרייבען וועגען דעם, מען ריזיקירט שוין ניט צו קריגען א

נאָמען פון א משוגענעם, פון א טרוימער; דער עולם הויבט שוין אן זיך צוצוהערען צו דיעזער פראגע, מען אינטערעסירט זיך זעהר שטארק מיט דיא פערשיעדענע סיסטעמען, אויף וועלכע „קאָ־אָפעראציאָן“ ווערט דורכגעפיהרט אין לעבען אין פערשיעדענע לענדער.

דאָס בעווייזט גאנץ פשוט, אז דיא צייט איז שוין רייף פאר דיעזער אידעע דאָ אין אונזער מדינה, וועלכע האט אייגענטליך גערארפט זיין די ערשטע אויפצונעהמען און דורכצופיהרען עס אין לעבען.

איידער מיר וועלען בעווייזען דיא גייסטיגע קרובה'שאפט פון „ארבייטער רינג“ מיט „קאָ־אָפעראציאָן“, וועלכער האט זיך, ווי מיר זע־העו עס פון דעם אויבען ציטירטען פונקט פון דער ערשטער קאָנסטיטור־ציאָן, געגרינדעט מיט'ן צוועק דורכצופיהרען פראקטיש די אידעע, ווע־לען מיר זיך בעקאָנען מיט דער בוכשטעבליכער בעדייטונג פון'ם וואָרט „קאָ־אָפעראציאָן.“

זעלטען ווען מען לעגט אריין אין איין ווארט אזוי פיעל בעדיי־טונגען און אויסטייטשונגען ווי אין דאָס וואָרט, „קאָ־אָפעראציאָן“ און דעריבער וועט ניט זיין איבריג צו געבען א קורצע ערקלעהרונג וועגען דער בעדייטונג פון דיעזען וואָרט.

דאָס וואָרט „קאָ־אָפעראציאָן“, בעשטעהט פון צוויי טהיילען: „קאָ“ און „אָפעראציאָן“; „אָפעראציאָן“ מיינט — ארבייטען, ווירקען, שאפען, „קאָ־אָפעראציאָן“ מיינט — מיט־ארבייטען, מיטווירקען, גע־מיינשאפטליך ארבייטען.

דאָס איז אָבער נור דיא בוכשטעבליכע בעדייטונג פון'ם וואָרט און אום עס צו מאכען קלעהרער, וועלען מיר ווייזען א ביישפיעל, ווען א צוזאמענ־ארבייטען, א מיטווירקונג הייסט ניט „קאָ־אָפעראציאָן“ אין דעם זינן וויא מען בעטראכטעט דיעזעס וואָרט אין בעלגיען, פינלאנד אדער דייטשלאנד.

ווען צב"ש, איינינע מענשען, וועמעס געשעפטליכע אינטערע־סען זיינען גלייך, נעהמען זיך צוזאמען אין א גרופע אום געמיינשאפט־ליך דורכצופיהרען דאס וואס יעדער איינער פון זיי טהוט געוועהנליך בעזונדער, צו מאכען דיעזעלבע ארבייט פאר זיך, אָנשטאָט עס צו מאכען פאר זייערע בעל־הבתים, און דורכפיהרענדיג דיעזען פלאן הויבען זיי

אליין אָן צו בעשעפטיגען אנדערע ארבייטער און דיעזע לוין־ארבייטער געמיינשאפטליך טאקי עקספּלואטירען, אזא פאָרמע פון צוזאמענ־ארבייטען הייסט ניט „קאָ־אָפּעראציאָן“ ווי מיר פערשטעהען עס. „קאָ־אָפּעראציאָן“ מיינט, צו מאכען ביז א געוויסען גראד גלייך די אינטערעסען פון קאפּיטאל און ארבייט, א געמיינשאפטליכע ארבייט, ביי וועלכער דאס אויסגעארבייטע ווערט גלייך פארטהיילט צווישען די, וועלכע האָבען עס געשאפען, אָבער ניט א געמיינשאפטליכע ארבייט, ביי וועלכער ס׳זיינען מעגליך עקספּלואטאציאָן אדער אונטערדריקונג פון׳ם שטארקערען אויף׳ן שוואכערען.

נאָכדעם ווי מיר ווייסען די בעדייטונג פון׳ם וואָרט „קאָ־אָפּעראציאָן“ וועט פאר אונז זיין אינטערעסאנט צו בעקאָנען זיך מיט אייניגע בעוואוסטע סיסטעמען, וועלכע ווערען פּראקטיצירט ביי דער פערווירקליכונג פון דער קאָ־אָפּעראטיווער אידעע.

דיא פערשיעדענע סיסטעמען פון קאָ־אָפּעראציאָן.
דיא ראטשדייל סיסטעמע.

די אָם מייסטען בעוואוסטע פון אלע קאָ־אָפּעראטיווע סיסטעמען איז די ראטשדייל סיסטעמע, וועלכע איז געשאפען געוואָרען פון עטליכע וועבערס אין ראטשדייל, נאָרט ענגלאנד, דען 25טען אפּריל, 1844. דאָס כאראקטעריסטישע פון דיעזער סיסטעם איז, די אָבשאפונג פון דעם פערמיטלער. די קאָ־אָפּעראטאָרס פון ראטשדייל קויפען דירעקט פון דעם פאבריקאנט, פערקויפען עס צו מארק־פּרייזען און פארטהיילען די פּראָפיטען צו די קונים אין דער פאָרמע פון דיווידענדען, לויט דער סוממע פון דאס געקויפטע.

א געוויסער טשארלעס האווארטה, האָט איינגעפיהרט דיעזע סיסטעמע פון פארטהיילען די דיווידענדס. ער פלעגט אימער ארגומענטירען, אז ווען מען פערקויפט אימיצען א 10 סענטיגען ארטיקעל צב״ש, לויט דעם מארקעט־פּרייז׳ וועט דיעזער קויפער זעהר אָפט פערדעכטיגען אז דער ארטיקעל איז ניט דער ריכטיגער, ניט קיין גוטער, ווייל ס׳וועט איהם זיין שווער צו גלויבען, אז אזא ארטיקעל פערקויפט מען צו דעם מארקעט פּרייז. און אָנשטאָט צו דענקען אז ער האט עס

געקויפט ביליגער מיט א פענני, אדער מיט צוויי סענט, וועט ער דענ־קען, אז מען האט איהם אבגענארט.

ווען אבער דערזעלבער קויפער וועט אין א געוויסע צייט שפע־טער צוריק קריגען דיעזע סענטיגע אדער צוויי סענטיגע אין דער פארמע פון א פינף דאלארדיגען דיווידענד נאך א האלב יאהר צייט קויפען, וועט ער פיהלען אזוי, ווי ער האט געפונען געלד, ער וועט דאן אויך פערשטעהען, אז מען האט איהם ניט גענארט און ניט געגעבען קיין ער־גערען ארטיקעל, ווען מען האט עס איהם פארקויפט פאר'ן מארקעט פרייז.

דיעזע סיסטעמע פון צאהלען דיווידענדס איז דיא שטארקייט פון דער ראטשדייל סיסטעמע, איהר שוואכקייט ליעגט אבער אין דעם צאהלען דיווידענדס צו ניט מעמבערס.

אונטער דער ראטשדייל סיסטעמע קריגען דיא מיטגליעדער דעם דיווידענד לויט דער סוממע געלד, וואס זיי האבען געגעבען צו לייזען אין פערלויף פון א געוויסער צייט.

אום אבער צו ווייזען דיא ניט־מיטגליעדער דיא וויכטיגקייט און בעקוועהמליכקייט פון קא־אפעראציאן און אום צו ווייזען זיי א ביישפיעל פון קא־אפעראציאן און אום צוצוציהען דיא ניט מעמבערס צו קויפען אין זייערע קראמען, צאהלען דיא ראטשדיילער קא־אפערא־טארס צו דיעזע ניט־מיטגליעדער אויך דיווידענדס, לויט דער סוממע פון זייער קויפען. זיי צאהלען זיי אבער ניט דיעזעלבע דיווידענדס, דעמ־זעלבען פראצענט ווי זיי צאהלען צו מעמבערס, ווייל ווען זיי זאלען צאהלען צו ניט מעמבערס דעמזעלבען דיווידענד, וואלט זיך דאך קיין מאל פאר קיינעם ניט געלוינט צו זיין זייערער א מעמבער. די ניט־מעמבערס קריגען דעריבער בלויז א העלפט פון דעם וואס עס קריגט א מעמבער און די אנדערע העלפט ווערט פערטהיילט צווישען די מעמ־בערס אלס א ספעציעלער דיווידענד.

אין דעם אלזא ליעגט טאקע די שוואכקייט פון דיזער סיסטעמע און אלס א רעזולטאט דערפון איז א העלפט פון די קויפערס פון די 5000 קראמען, וואס זיינען ארגאניזירט אונטער דיעזער סיסטעמע, ניט קיין מעמבערס פון דיא קא־אפעראטיווע קראמען, ווייל דיא מעמבערס

ווענדען אָן אלע זייערע קרעפטען צו האבען וואס וועניגער מעמבערס און וואָס מעהר ניט־מעמבערס, פון וועמען זיי זאָלען קענען פּראָפּיטירען דיא העלפט פון דיא דיווידענדס וואס ס'קומט זיי ארויס און ווערט פערטהיילט צווישען דיא מעמבערס.

דאס נאטירליך ווערט גערעכענט געגען דער דעמאָקראטיע פון דיעזע אונטערנעהמונגען; די אידעע פון פּראָפיטען איז ביי דיעזע קאָ־אָפּעראטאָרס שטארקער ווי דיא אידעע פון קאָ־אָפּעראציאָן אן און פיר זיך און דער רעזולטאט איז, אז דיעזע אונטערנעהמונגען זיינען מעהר ענהליך צו סטאָק־קאָמפּאניעס אלס צו קאָ־אָפּעראטיווע אונטערנעהמונגען, ווייל דיא מעמבערס עקספּלואטירען דיא ניט מעמבערס.

דורך דעם וואס דיעזע פאָרמע פון צאָהלען דיווידענדס טראָגט אין זיך א געגען־דעמאָקראטישע טענדענץ האָבען די בעלגיער פערבעסערט די ראטשדייל סיסטעם דאמיט, וואָס אין די בעלגישע קאָ־אָפּעראטיווע קראָמען פערקויפט מען וואארע נור צו מעמבערס און ניט צו ניט־מעמבערס; בדי צו קענען קויפען אין אזא קראָם, מוז ער האָבען א „שעהר“, וועלכע קאָסט וועניגער ווי די פון די ראטשדיילער קאָ־אָפּעריטאָרס און מען דארף אויך ניט איינצאָהלען די גאנצע סומע פאר דעם „שעהר“, נור איין פיערטעל פונ'ם פּרייז.

דיא בעלגישע סיסטעמען.

דאָס בעזאָנדער כאראָקטעריסטישע פון דער בעלגישער סיסטעמע איז דאָס, וואָס אלע קויפערס מוזען זיין מיטגליעדער און אלע מיטגליעדער האבען אן אבסאָלוט גלייכען חלק אין דעם אייגענטהום, פערוואלטונג און בענעפיטס פון דער קאָ־אָפּעראציאָן און עס איז ניטאָ קיין עקספּלואטאציאָן פון ניט מעמבערס דורך דיא שערהאָלדערס.

דיא היסטאָריע פון דער בעלגישער קאָ־אָפּעראטיווער בעוועגונג בעווייזט אז דיא בעלגישע קאָ־אָפּעראציאָנען זיינען ניט געוואקסען אזוי שנעל ווי אין ראטשדייל; אָבער דערפאר זיינען זיי געוואקסען מעהר בעשטענדיג, מעהר געזונד און פּראקטיש, ספּעציעל אין געזעלשאפטליכען הינזיכט. די בעלגישע קאָ־אָפּעראציאָנען לעגען פיעל

געוויכט אויף דיא געזעלשאפטליכע אינטערעסען פון זייערע מיטגליעדער און אויסער די קאָמערציעלע בענעפיטס האָבען זיי איינגעפיהרט קראַנקען־און טויטען־בענעפיטס, וועלכע שאַפען אַ שטאַרקען געזעל־שאַפטליכען בונד צווישען זייערע מיטגליעדער.

זיי אונטערשטיצען זעהר פיעל פריי ביבליאָטהעקען, און האבען אויך אויפגעבויט פיעלע גרויסע פערזאַמלונגס־האַללען פאַר'ן פאָלק.

פון דער גאנצער בעלגישער קאָ־אָפּעראַטיווער בעוועגונג, פון אַלע זייערע אונטערנעהמונגען בלאָזט אַן אנדער ווינד; ער טראָגט ניט נאָר אַ כאַראַקטער פון פינאַנציעלען ערפאָלג אַליין, ווי אין ענגלאַנד, נור אויך אַ כאַראַקטער פון ריינער קאָ־אָפּעראַטיווער פריינדשאַפט און געגענזייטיגקייט.

אום צו ווייזען דעם אונטערשיעד אין דיא טענדענצען צווי־שען דיא ענגלישע און בעלגישע קאָ־אָפּעראַציאָנען וועלען מיר געבען פאָלגענדען כאַראַקטעריסטישען פאַקט:

פאַר די לעצטע 6 מאָנאַטען האבען דיא בעלגישע קאָ־אָפּעראַ־ציאָנען געדאַרפט צאָהלען פאַר זייערע מעהל פון די בעקערייען מיט 21,500 דאָלאַר מעהר אַלס זיי האָבען געצאָהלט אין דיא פריגע 6 מאָנאַטען, ווייל מעהל איז געוואָרען טהייערער. אין אָנפאַנג פון דיזע 6 מאָנאַטען האָבען זיך צוזאַמענגענומען די פערשיעדענע בעקערס פון דער שטאָדט בריסעל, בעלגיען, צו בעשפּרעכען דיא פראַגע וועגען הע־בערען דעם פרייז פון ברויט. דאס פאָלקס־הויז פון בריסעל, ד. ה. די בעלגישע קאָ־אָפּעראַציאָן, איז געווען געגען אויפהויבען דיא פריי־זען פאַר ברויט. אַלס אַ רעזולטאַט, האבען די קאַפּיטאַליסטישע בע־קערס ניט געוואַגט צו העבערען דעם פרייז, ווייל די קאָ־אָפּעראַטיווע בעקעריי קאָנטראָלירט איין צעהנטעל פון דעם מאַרקעט און ווען דיא קאַפּיטאַליסטישע בעקער וואָלטען געהעכערט דעם פרייז פאַר ברויט, וואָלטען די קאָ־אָפּעראַטיווע בעקערייען באַלד געהאַט אונטער זייער קאָנ־טראָלע אַ גאַנצען דריטעל פון דעם מאַרקעט' אַנשטאָט אַ צעהנטעל.

דיעזע שטעלונג פון דער קאָ־אָפּעראַציאָן אין דער פראַגע פון הע־בערען דעם פרייז פאַר ברויט האָט איהר געקאָסט 21,500 דאָלאַר פאַר בלויז 6 מאָנאַטען, אָבער דאָס האָט איהר ניט געשאַרט, ווייל זי האָט

געשפּאָרט דער גאַנצער בעפעלקערונג פון בריסעל׳ 385 דאָלאר א טאָג, אָדער 70,269 דאָלאר פאר 6 מאָנאטען אויף ברויט אליין.

דיעזער ביישפּיעל ווייזט גלענצענד דעם אונטערשיעד צווישען דיא בעלגישע און ענגלישע קאָאָפּעראַציאָנען; די לעצטע האבען אימער גרויסע צרות דורך דעם וואס זיי האָבען ניט וואס צו טהאָן מיט זייער גרויסען קאפּיטאל, ווייל אין געזעלשאפטליכען זינן זיינען זיי האלב טויט, און אלעס וואס זיי קענען און טהוען מיט זייער קאפּיטאל איז, אריינלייגען עס אין אינוועסטמענטס פון פּריוואטע ענגלישע אייזענבאהנען אָדער אנדערע אינוועסטמענטס, וועלכע צאָהלען א גוטען פּראָצענט.

יעדער איינער, וועלכער האט זיך מעהר אדער וועניגער גוט צוגעקוקט צי דיא בעלגישע קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעהמונגען, וועט צוגעבען, אז ס׳איז א פאקט, דאס דיא ארבייטער זיינען פריהער צוגעצויגען געוואָרען צו דיעזע אונטערנעהמונגען דורך דעם וואָס מען האָט געקענט ציהען פון די קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעהמונגען, גרויסע עקאָנאָמישע בענעפיטס. ווען זיי זיינען שוין געווען בעטהייליגט אין דיעזע אונטערנעהמונגען און האבען אויסגעפונען, אז דיא קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעהמונגען פאָרדערען, אז אלעס זאָל געפיהרט ווערען אונטער טרייד־יוניאָניסטישע בעדינגונגען, צאָהלען טרייד־יוניאָן פּרייזען פאר ארבייט, און האבען דאן שוין אליין אויך זיך אָנגעשלאָסען אָן דיא טרייד־יוניאָנס פו זייער פאך.

אין בעלגיען, אזוי גוט וויא אין אלע אנדערע לענדער, האלטען זיך דיא קלאסען־בעוואוסטע ארבייטער מיט דיא סאָציאליסטען. דיא ארבייטער פון דיא קאָאָפּעראַציאָנען האָבען אויסגעפונען, אז דיא פערשיעדענע ליבעראלען וועלען זיי ניט געבען קיין שטיצע אין זייער קלאסען־קאמפף און דעריבער זיינען די איינציגע אויף וועמען זיי

קענען זיך פערלאָזען אין זייער קאמפף די מיטגליעדער פון דיא פער־שיעדענע קאָ־אָפעראציאָנען און דיא סאָציאליסטישע פארטייען; נאַטירליך זיינען זיי דעריבער געקומען צום שלוס, אז זיי דארפען זיך אויך אַנשליעסען אַן דער סאָציאליסטישער פארטיי.

און וויא מיר זעהען זיינען איצט די בעלגישע קאָ־אָפעראציאָנען דיא שטארקסטע שטיצערס און העלפערס ניט נור פון דער פארטיי, נור אויך פון דער פארטיי פרעססע און אלע אנדערע סאָציאליסטישע אונ־טערנעהמונגען.

די פינלענדישע און האָלענדישע סיסטעמען.

אויסגעפינענדיג, אז ס'איז פון א זעהר גרויסען נוצען אריינצו־קריגען אין דיעזע בעוועגונג א וואס מעהרערען און גרעסערען פובליקום, און אז דאס קען ערדייכט ווערען דורך דעם, וואס דאס ווערען א מיט־גליעד פון א קאָ־אָפעראטיווער אונטערנעהמונג וועט זיין אזוי לייכט ווי נור מעגליך, האָבען דיא מאָדערנסטע קאָ־אָפעראטאָרס איינגעפיהרט פאָלגענדע סיסטעמע :

אום צו ווערען א מיטגליעד, מוז דער קויפער, אזוי ווי נאָך דער בעלגישער סיסטעמע, קויפען א „שעהר“, ווערען פאַרגעשלאָגען פון צוויי מיטגליעדער און ווערען אָנגענומען פון דער באַארד פון דירעקטאָרען פון דער אונטערנעהמונג ביז אן אלגעמיינע פערזאמלונג פון אלע מיטגליעדער ראַדיפיצירט דיעזען מיטגליעד.

דער קויפער מעג אָבער האנדלען מיט דער קאָ־אָפעראציאָן, ד. ה. מען פערקויפט איהם וואארע אין דער קאָ־אָפעראטיווער סטאָר נאָך איידער ער ווערט א מיטגליעד פון דער סטאָר און אויף אזא אופן קען ער זיך איבערציינען אין די מעלות פון קאָ־אָפעראציאָן איידער ער ווערט אליין איין אנטהייל־נעהמער אין אזא אונטערנעהמונג.

אָבער עס איז ניט ווי אין ענגלאנד, וואו דער ניט־מיטגליעד קויפט וואַרע, געהט זיך גאַנץ רוהיג אוועק אהיים און נאָך 6 מאָנאטען

צייט קומט ער און קריגט זיך זיין דיווידענד, ניט האָבענדיג דאביי קיין שום גייסטיגען אינטערעס אָדער פעראַנטוואָרטליכקייט אין דער קאָ־אָפּעראַציאָן.

דער פינלענדער ניט מיטגליעד קויפט פון דער קאָ־אָפּעראַטיווער אונטערנעהמונג פאר מזומן; ער קריגט דאן א קאַרטע, אויף וועלכער ס'ווערט אויפגעשריעבען זיין נאָמען און אדרעס און יעדען מאָל ווען ער קויפט עטוואָס ווערט די סוממע אויפגעשריבען אויף דער קאַרטע. ווען ס'קומט די צייט פון ערקלעהרען און אויסצאָהלען דיווידענדען לאָזט מען וועגען דעם אלעמען וויסען, דארונטער אויך די ניט מעמ־בערס. ווען די לעצטע קומען נעהמט מען זייערע קארטען און דער דיווידענד וואס ס'קומט זיי ארוים לויט דער סומע פון זייער קויפען פאר דער פערגאנגענער צייט, ווערט זיי נור געצאָהלט 50 פראָצענט און די אנדערע 50 פראָצענט בלייבט איבער אלס א דעפאזיט אויף א שעהר. ווען פון דיעזע 50 פראָצענטיגע געלד ווערט אָנגעזאמעלט די פולע סומע וויפיעל ס'קאָסט א שעהר לאָזט מען עס וויסען דעם ניט־קויפער מיטגליעד און ער ווערט א פול בערעכטיגטער מיטגליעד.

אלס רעזולטאט פון דיעזער סיסטעמע איז דער פאקט וואָס אלע קויפער ניט מיטגליעדער, אויסער א 2 פראָצענט, ווערען מיטגליעדער פון דער קאָ־אָפּעראַטיווער אונטערנעהמונג.

ווי מיר זעהען, אלזאָ איז א גרויסע אונטערשיעד פון פערלאנגען פון אן ארבייטער ער זאָל באלד אויסלעגען א געוויסע סוממע פאר א שעהר אום צו ווערען א מיטגליעד פון דער קאָ־אָפּעראַציאָן, אָדער איהם געבען א לייכטע מעגליכקייט צו ווערען דער אייגענטהימער פון א שעהר אָהנע צו אינוועסטען אין דעם א סענט געלד.

* * *

ווען מער זיינען שוין בעקאַנט מיט דער בעדייטונג פון קאָ־אָפּעראַציאָן, מיט די וויכטיגסטע סיסטעמען אונטער וועלכע דאָס ארבייט און ענטוויקעלט זיך, וועלען מיר זיך צוקוקען צו דער שייכות, צו דער גייסטיגער פערוואנדשאפט צווישען „ארבייטער רינג“ און קאָ־אָפּעראַציאָן.

* * *

דער עמוד האש, וואס האט בעלויכטען דעם וועג פון די ערשטע גרינדער פון „ארבייטער רינג“ איז אויך צווישען אנדערעס געוועז, ווי מיר קענען עס זעהען פון דער ערשטער קאנסטיטוציאן, — קא־אפע־ראציאן.

אין דער ערשטער קאנסטיטוציאן, וועלכע איז אנגענומען געווארען דעם 1טען יולי 1893, זעהן מיר אין ארטיקעל 2, אז דער צוועק פון „ארבייטער רינג“ איז: ערשטענס, געגענזייטיגע אונטערשטיצונג פון די מיטגליעדער אין אלע נויטה־און אונגליקס־פעלע, 2טענס, בילדונג פאר די מיטגליעדער און דריטענס, גרינדונג פון קא־אפעראטיווע גע־שעפטס־אונטערנעהמונגען.

דיעזער פאקט אין דער ערשטער קאנסטיטוציאן איז א בעוויז, אז ווען דער „ארבייטער רינג“ האט זיך געגרינדעט איז קא־אפערא־ציאן געווען איינע פון די הופט־זיילען, אויף וועלכע ער איז געשטאנען אין זיין פרינציפיעלער בעגרינדונג און אויב מיר וועלען איצט ניט אריינגעהן און אונטערזוכען ווארום מען איז אין דער ווייטערער ענט־וויקלונג פון „ארבייטער רינג“ אוועק וייט־וויט פון דיעזען פרינציפ, אויף אזוי וויט, אז זאגאר איצט ווען קא־אפעראציאן איז שוין אויף אזוי פיעל פאפולאר אז די סאציאליסטישע פארטיי פרעסע פארנעהמט שוין פיעל פלאץ פאר דיסקוטירען די פראגע פון קא־אפעראציאן, אפילו איצט זאגען מיר האבען מיר אויך מורא ניט צו ווערען פאר־רעכענט, מילד גערעדט, פאר א נאאיווען, פאר'ן פארשלאגען, אז איינער פון די וויכטיגסטע פונקטען אויפ'ן טאגעס־ארדנונג פון „ארבייטער רינג“ זאל זיין קא־אפעראציאן.

דער „ארבייטער רינג“ איז איצט זעהר, זעהר גרויס, ספעציאל ווען מען נעהמט זיך דערמאהנען אן דעם, אז די מיטגליעדרשאפט פון אר. רינג בעשטעהט מעהרסטענטיילס פון אידען און אידישע ארבייטער, אן עלעמענט וועלכען ס'איז זעהר לייכט צו ארגאניזירען און צו דערווארעמען, אבער זעהר שווער אויפצוהאלטען און איינצו־האלטען אין דער ארגאניזאציאן, אויפצוהאלטען דעם פייער, וועלכער איז אזוי לייכט געווארען אנגעצינדען, ווען מען האלט עס אין זינען

איז וואונדערבאר ווען מען קוקט זיך צו צו דעם גרויסען און בעשטענ־דיגען וואוקס פון אר. רינג.

דער „ארבייטער רינג“ נאך אלעמען, זיך ניט שטארק בעריהר־מענדיג, איז איצט דאס איינציג געזונדטע און שטארקע, וואס עס איז געבליעבען אין דער ארבייטער בעוועגונג, דער ארבייטער רינג, ווען ער זאל זיך נאר וועלען געבען די מיהע קען ווערען דער טאן־געבער און אנפיהרער פון דער גאנצער בעוועגונג און אויב קא־אפעראציאן איז א גוטע זאך, און וואס אייגענטליך קיינער צווייפעלט ניט, דארף דאס זיין דער ארב. רינג וועלכער זאל נעהמען אויף זיך די אויפגאבע עס דורכצופיהרען אין לעבען.

אז קא־אפעראציאן איז גוט, שעהן, גערעכט און פראקטיש דאס האט קיינמאל קיינער ניט געלייקענט, דאס איינציגע וואס ס'האט געפעהלט און אין וואס מען האט ניט געגלויבט, איז א גוטע פערוואל־טונג, א שטארקע פיהרערשאפט, און, אמת, דאס אבוועזענהייט פון א גוטער פערוואלטונג איז אימער געווען די איינציגע אורזאכע פון א דורכפאל אין א קא־אפעראטיווער אונטערנעהמונג.

דער א. ר. דארף ניט קיין רעקאמענדאציאנען, קיין יחוס בריעף, מיר ווייסען ווער עס איז, מיר זעהן ווי גרויס, שטארק און רייך ער איז און ווייסען אויך, אז דער עלעמענט זעלבסט איז ניט קיין רייכער און דאריבער מעגען מיר און קענען זיך פערלאזען אויף די פרישע כחות פון א. ר. וועלכער קען אויספיהרען דאס וואס ער אונטערנעהמט זיך.

דאס וואס ס'האט אויסגעזעהן ווי א שעהנער חלום — און אנ־שטאלט פאר שווינדזיכטיגע מיטגליעדער — דאס איז פון א. ר. דורכ־געפיהרט געוואָרען; א רייכער, שעהן־געבוימטער און אויפגעהאלטענער סאניטאריום אויף די אייגענע מיטלען, אהנע זייטיגע הילפע, דאס קען יעדער איצט ממש אנטאפען מיט די הענד, און דאס גיט דעם א. ר. די זיכערקייט און פעסטקייט און אויך צוטרויען אין זיינע קרעפטען.

ס'איז דא אין אמעריקא א קא־אפעראטיווע געזעלשאפט וועלכע וואלט זעהר פיעל געקענט אויפטאן, ווען זי וואלט נור געהאט די פי־נאנציעלע מעגליכקייט אויסצופיהרען די גראנדיעזע פלענער איהרע,

די געזעלשאפט הייסט „דהי אמעריקאן האלסייל קאָ־אָפּעראטיוו" דער צוועק פון דיעזער געזעלשאפט איז אויפצובויען איבער'ן גאנצען לאנד א גרויסען און לאנגען צווייג פון קאָ־אָפּעראטיווע קראָמען מיט פערשיעדענע פּראָדוקטען און דיעזע געזעלשאפט האט א צענטראלע קערפּערשאפט, וועלכע דארף עס צושטעלען די אלע וואארען צו די פערשיעדענע קראָמען מיט'ן איינצעל פערקויף, אָבער אויף אגולנע פרייזען, דאָס מענעדזשמענט פון דיעזער געזעלשאפט, ווענדעט אָן אלע זיינע קרעפטען דאָס צו מאכען אן ערפאָלג, אָבער דער מאנגעל אין געלד הינדערט די גאנצע ענערגי זיינע און גיט ניט קיין מעגליכקייט דעם געשעפט צו ענטוויקלען.

דער „ארבייטער רינג" אָבער האָט א מעגליכקייט דורכצופיהרען דעם גרעסטען גראנדיעזסטען פּלאן פון א קאָ־אָפּעראטיווער אונ־טערנעהמונג. דער א. ר. וועלכער האָט בעוויעזען, אז ער בעזיצט דעם נויטיגען מאטעריאל פון מערקווירדיגער לעבענס־פעהיגקייט קען בעווייזען, אז די אידע פון „קאָ־אָפּעראציאָן", וועלכע ווערט פון פיעלע בעטראכט אלס אונפיהרדורכבארער, אז דיעזע אידעע, ווען אָנגע־נומען פון ארב. רינג, קען און מוז ווערען א פּראקטישע און א דורכפיהר־בארע, און נאָך פאר אייניגע אורזאכען איז די פפליכט, די נעהענסטע פליכט פון ארבייטער רינג זיך צו נעהמען פאר „קאָ־אָפּעראציאָן" און דאָס איז דאָס פאָלגענדע:

צו מיט רעכט, צו מיט אונרעכט, פיעלע הויבען שוין אָן קוקען קרום אויף'ן אר. רינג און זאָגען, אז אין זיין שטארקייט ליגט זיין שוואכ־קייט; אז וואָס מעהר מיטגליעדער, ברענטשעס און געלד דער אר. רינג ערווערבט זיך, אלס ווייטער און ווייטער געהט ער אוועק פון זיין אויפגאבע צו זיין דער לייטענדער גייסט פון דעם אידישען ארבייטער אין אמעריקא און ער פערגעסט אינגאנצען אויף די פּרינציפּען, וועלכע האָבען בעלויכטען זיין קינדהייט און האָבען איהם נעגעבען און גיבען איהם א בליהענדע געשטאלט אין זיין יוגענד, אום דיעזע פערדאכטען אויסצווואָרצלען, אום צו מאכען שטיל פּראָפעסיאָנעלע סקעפּטיקער, איז די הייליגע פליכט פון דעם אר. רינג זיך צו נעהמען פאר קאָ־אָפּעראציאָן, וועלכע פערלייכטערט דעם ארבייטערס געגענוואָרט.

מיר ווילען ענדיגען דעם ארטיקעל, וועלכער האָט זיך אביסעלע צו לאנג פערצויגען. מיר וועלען עס ענדיגען דערמיט וואָס מיר וועלען אָנצייגען אין אייניגע שטריכען די דירעקטע מאַטעריעלע נוצען וועלכע דער ארבייטער רינג קען ציהען פון קאָ־אָפּעראַציאָן.

מיר ווילען זאָגען, אז די פּראָפּיטען פון קאָ־אָפּעראַציאָן, ווען זי וועט ווערען אונטערשטיצט פון דער גאַנצער מיטגליעדערשאַפט פון אר. רינג, קען געהן אויף ערציהונגס־ארבייט צווישען די מיטגליעדער, פאַר דער בעשאַפונג פון א גרויסען פאָנד, וועלכער זאָל בענוצט ווערען אלס אַ לייה־פאָנד פאַר מיטגליעדער, וועלכע מוזען דורך נויט ווערען גע־שטראָכען פון אר. רינג, דיעזע פּראָפּיטען וואָלטען אויך געקענט פיעל העלפען דער סאָציאַליסטישער פּרעסע פון לאַנד און דאָס וואָלט אין דערזעלבער צייט פארשפּאָרט די פיעלע ברענטשעס צו שטיצען אָהן א מאָס און אָהן א סיסטעם יעדען און יעדעם וואָס ווענדעט זיך נאָר נאָך שטיצע.

מיר ווילען האָפען, אז די צעהנטע יעהרליכע יובילעאום־קאָנווענ־שאָן, וועלכע וועט שוין דאמיט אליין בלייבען א היסטאָרישע, וואָס זי איז די צעהנטע יעהרליכע קאָנווענשאָן פון אידישע ארבייטער, אז דיעזע קאָנווענשאָן וועט זיך אויך פאראינטערעסירען מיט דער פראַגע פון „קאָ־אָפּעראַציאָן“ און וועט ערוועהלען א ספּעציעלע קאָמי־טע, וועלכע זאָל דורכפיהרען די פּראַכטפאָלע און נאָבעלע אידעע פון “קאָ־אָפּעראַציאָן„ איז'ם „ארבייטער רינג“.

י. וו—ב.

פראַטערנאל סאָסייעטיס

(ברידערליכע געזעלשאפטען).

ד

י הונדערטע פראטערנאל אָרדערס אָדער ווי זיי ווערען גערופען אין ענגלאנד „פרענדלי סאָסייעטיס“ וואס עקזיסטירען היינט־צו־טאָג אין ענגלאנד און אמעריקא מיט זייערע טויזענדע לאָדזשען און ברענטשעס, מיט די מיליאָנען מיטגליעדער וואס בעלאנגען צו דיעזע אָרדערס און סאָ־סייעטיס, זייערע פרויען און קינדער וואס געפינען זייערע הילפע אין דיעזע סאָסייעטיס, אלס די איינצעלנע קוועלע צו קריגען ווען הילפע איז נויטיג, איז ניט קיין נייע זאך. אמת אין אמעריקא זיינען דיזע אָרדערס אין גאנצען אלט ארום 40 יאָהר, ד. ה. די אָרדערס מיט די טויטען און אנדערע בענעפיט פיטשורס, ניט רעכענענדיג די פערשיעדענע געהיימע אָרדערס, ווי די פריימויערער, וועלכע עקזיסטירען שוין אין אמעריקא פון זיבעצעהנטען יאָהר־הונ־דערט, און פיעלייכט פון פריהער.

עקזעקוטיוו־קאָמיטע 1909 — 1908.



א. עפשטיין. ה. לעווין. א. וואליצקי. ב. שפינראָ. ס. סאוועצקי. י. וויינבערג. י. ווינטרויב. ה. גאלדין. ה. זאק. י. קאהן.

אָבער דיזע געהיימע געזעלשאַפטען האָבען בלויז אַ געשיכטלי־כען צוזאַמענבונד מיט די איצט־עקזיסטירענדע אָרדערס וועמעס הויפּט־אויפגאַבען זיינען גאַנץ אַנדערע ווי די אויפגאַבען פון די פריימויערער און ענליכע געזעלשאַפטען.

איבער זיבען מיליאָן אַמעריקאַנער סיטיזען זיינען היינט צו טאָג מיטגליעדער פון פערשיעדענע אָרדערס.

דיעזע אָרדערס וואָס עקזיסטירען אין אַמעריקא זיינען ענליך אין פיעלע הינזיכטען צו די ענגלישע פרענדלי סאָסייעטיס, זיי בע־שטעהען אָבער ניט פון איין בעשטימטען געזעלשאַפטליכען קלאַס, פון דער אַרבייטער קלאַס, ווי די ענגלישע פרענדלי סאָסייעטיס. עס איז פאַראַן אַ גוטע אורזאַכע פאַר פּראָפעסיאָנעלע פּערזאָנען צו בעלאַנגען צו איינע אָדער מעהרערע גרויסע אָרדערס. פאַר די בעקאַנט־שאַפט, איינפלוס און געשעפטען וואָס מען קען דורך די מעמבערס קריגען.

די ענגלישע פרענדלי סאָסייעטיס אַזוי ווי די טרייד יוניאָנס האָבען אַ געמיינשאַפטליכען היסטאָרישען אורשפּרונג,ביידע שטאַ־מען פון די מיטעלאַלטערליכע גילדס,ביידע זיינען זיי געבאָרען גע־וואָרען מיט דער ענטשטעהונג פון דער מאָדערנער אינדוסטריע, ביי־דע אַרבייטען זייט ביי זייט, העלפען זיך געגענזייטיג איינער די צווייטע, זיי זיינען אַ צווילינג אין גייסט.

זייט דער אָנפאַנג פון נייצעהנטען יאָהר־הונדערט האָבען זיך די טרייד יוניאָנס און די פרעדלי סאָסייעטיס ענטוויקעלט אויף בע־זונדערע אָבער גלייכע ליניען, וועהרענד די טרייד יוניאָנס האָט די געזעלשאַפט, די געזעצגעבונג געשיינקט זעהר פיעל אויפמערקזאַמ־קייט זיינען אָבער די פרענדלי סאָסייעטיס אין גאַנצען געוואָרען איג־

נאָרירט, די געזעץ־געבונג האָט זיך מיט זיי ניט אינטערעסירט ביז מיט א קורצע צייט צוריק, ווען מען האָט איינגעזעהען אז די פרענדלי סאָסייעטים האָבען א אונגעהייער גרויסען איינפלוס אויף די געזעלשאפט.

די אורזאכע פון דיזער ערשיינונג ערקלעהרט זיך מיט דעם וואָס דער כאראקטער און אויפגאבען פון דיזע צוויי סאָרטען אינסטיטוציאָנען זיינען פערשיעדען.

די טרייד יוניאָנס זיינען פון אנפאנג אָן געווען קאמפפ'ס אָרגאניזאציאָנען און זיינען דאָס אויך ביז היינט צו טאָג, וועהרענד די אויפגאבען פון די פרעדלי סאָסייעטים זיינען אַלע מאָל געווען פרידליכע און זיינען קיין מאָל ניט געקומען אין צוזאמענשטויס מיט די טראַדיציאָנען, מיינונגען און אינטערעסען פון די אַנדערע געזעלשאפטליכע קלאַסען, אָדער מיט דעם געזעץ; זייער אויסערליכע אויפפיהרונג איז אימער געווען שטיל; אַלע פראַגען פון טויטען און קראַנקען סטאַטיסטיק, פון צאהלונגען, די פארם פו אָרגאַניזאַציאָן, סיסטעמען פון אינשורענס, פראַגען פון פערוואַלטונג און פערטהיילונג פון פאָנדס, האָבען בעגראָבען פיעלע סאָסייעטיס, זיי האָבען אָבער בלויז געלערנט זייערע נאָכפאָלגער אנצונעמען אנדערע מעטהאָדען, אנדערע סיסטעמען. דאָס זיינען אָבער אַלץ געווען אינערליכע אנגעלעגענהייטען אין האָבען גאָר ניט געהאט צו טהאָן מיט די הערשענדע אידעען און עקזיסטירענדע קלאַסען־אינטערעסען.

אויסער דעם זיינען די פרענדלי סאָסייעטים געווען ארומגעוויקעלט מיט א טומאַן פון געהיימניסע, זייערע פערזאמלונגען זיינען געהאַלטען געוואָרען אין געהיים, מיט צערעמאָניע, א זאך, וועלכע זיי האָבען איבערגענומען פון די פריימויערער.

אָבער יענע צייט איז שוין אוועק, זייער אָרגאַניזאַציאָנס פאָרם

און אויפגאבען האָבען שוין פעראינטערעסירט די געזעצגעבונג און די פרעס, ווי אויך וויסענשאפטליכע דיסקוסיאנען, זייערע פיה־רונגען זיינען איצט אזוי אָפען, אז עס איז זעלטען צו געפינען א צווייטע אינסטיטושאָן אין ענגלאנד וואו עס זאָל זיין אזוי לייכט צו בעקענען זיך מיט די מעטהאָדען און פיהרונגען, ווי עס איז לייכט אויסצוגעפינען די אויפגאבען, מעטהאָדען און פיהרונגען פון די פרענדלי סאָסייעטיס.

* * *

וואָס זיינען די אויפגאבען, מעטהאָדען און פיהרונגען פון די פרענדלי סאָסייעטיס אין ענגלאנד און די פראטערנאל אָרדערס אין אַמעריקא ?

מיר וועלען דאָ ניט בעשפרעכען דעם איינפלוס וואָס דיעזע סאָ־סייעטיס האָבען און קענען האָבען אויפ'ן געזעלשאפטליכען לעבען. מיר וועלען נור בעטראכטען די אָרדערס פון שטאנדפונקט פון די אינשורענס, פון די פערזיכערונג וואס זיי פערשפרעכען, אָדער בע־סער געזאגט פון שטאנדפונקט פון ארבייטער־אינשורענס. דיעזע פראגע וועלכע אינטערעסירט איצט די גאנצע ציוויליזירטע וועלט.

עס איז ניט נויטיג פאר אונז דאָ צו שילדערן דעם לעבען פון דעם ארבייטער אין דער איצטיגער געזעלשאפטליכער סיסטעם, מיט איהרע כראָנישע קריזיסען, א זאך וואָס עס איז גוט בעוואוסט, אז די וויידזשעס פון היינט, זיינען קוים גענוג פאר די נויטיגע לעבענס־בעדירפניסע פיר מאָרגען, און אז זעהר א קליינע צאָהל ארבייטער זיינען אימשטאנדע אבצושפאָרען פון די פערדיענסטען פאר שפעטער, פאר דעם „רעגענדיגען טאָג“, דאָס וויים יעדערער. צו העלפען אין צייט פון קראנקהייט, און נויטה, צו שטיצען די פאמי־

ליע אין פאַל דער פאַמיליען־שפּייזער, דער ברויט־געבער שטאַרבט, דאַס צו טהאָן איז די הויפּט־אויפגאַבע פון די אָרדערס, פון די סאָסייעטיס.

און דאַס ווערט ניט געטהאָן אין דער פאָרמע פון צדקה, פון טשאַריטי נור אַלס א פליכט פאַר וועלכע דער מיטגליעד האַט גע־צאָהלט צו דער סאָסייעטי צו וועלכע ער האַט בעלאַנגט.

דאַס ווערט אָנגערופען אינשורענס.

* * *

די פיהרונגען און דער כאַראַקטער וועלכע אונטערשיידעט די אָרדערס פון אַלע אַנדערע פאָרמען און סיסטעמען פון אינשורענס זיינען פאָלגענדע :

1) יעדער איינצעלנער מעמבער בעלאַנגט צו א לאָדזש אָדער בראַנטש, און יעדער בעזונדער בראַנטש אדער לאָדזש בעלאַנגט צו א סיסטעם פון עהנליכע בראַנטשעס אָדער לאדזשען מיט געמיינ־שאַפטליכע אינטערעסען און רעגעלען.

2) יעדער בראַנטש אָדער לאָדזש איז א זעלבסט שטענדיגע סאָסייעטי פאַר לאָקאַלע צוועקען, אבער די רעגלען אונטער וועלכע זיי ווערען געפיהרט, ווערען געמאַכט פון א געזעצמאַכענדע קערפּערשאַפט וועלכע איז צוזאַמענגעשטעלט פון דעליגירטע פערטרעטער, ערוועהלט פון די בראַנטשעס אדער לאדזשען, און דורכגעפיהרט פון א צענטראַלע פערוואַלטונג, ערוועהלט פון דיעזעלבע דעלעגאַטען.

3) הילפע ווערט געגעבען צו די קראַנקע און הילפלאָזע מיטגלי־דער אַלס א פפליכט וואָס ווערט פערשפּראָכען דורך א קאָנטראַקט.

פיעל פון די הילפע וואָס ווערט געגעבען פון די ברענטשעס צו די מיטגליעדער קען ניט ווערען בעטראַכט אַלס אַ פליכט דורך אַ קאָנטראַקט, נור פריייוויליג.

4) טויטען בענעפיט ווערט געצאָהלט צו די פאַמיליע פון אַ פערשטאָרבענעם מעמבער אָדער צו זיינע געזעצליכע יורשים, און אין דיזען לעצטען פונקט האָבען די פראַטערנאַל סאָסייעטיס ענט־דעקט זייער הויפּט געזעלשאַפטליכע פונקציאָן, און גראַדע וועגען דיזען הויפט געזעלשאַפטליכען פונקציאָן איז דער שטרייט פונקט, וועגען די שטאַרקייט און שוואַכקייט פון די אָרדערס, וועגען זייער־זיכערהייט און עקזיסטענץ, ווייל מיט דעם האָבען זיי זיך אַוועק־געשטעלט אַלס קאָנקורענטען געגען די אונשורענס קאָמפּאַניעס וועלכע פיהרען דעם אינשורענס געשעפט פאַר פּראָפּיט. דאָס האָט אויך געבראַכט דאַצו, אַז די געזעצגעבונג זאָל זיך אָנפאַנגען צו אינטערעסירען מיט דיא אָרדערס, מאַכען אויספאָרשונגען, פאַ־סען געזעצע, בעגרענצען די טהעטיגקייט, האָבען אַ קאָנטראָל איבער די פיהרונגען און פערוואַלטונג, קאָנטראָלירען און פּובליצירען די פינאַנציעלע צושטענדע. מיט איין וואָרט מען האָט זיי אייפגע־ערט צו איגנאָרירען.

דער הויפט שטרייט וואָס ווערט געפיהרט געגען די אָרדערס איז, אַז די צאָהלונגען וואָס די מיטגליעדער צאָהלען פאַר די אינ־שורענס, פאַר די טויטען בענעפיט זיינען ניט אויסגערעכענט לויט געוויסע וויסענשאַפטליכע אויסרעכענונגען. די צאָהלונגען זיינען זעהר קליין. אַזוי קליין, אַז זיי וועלען ניט קענען בעצאָהלען די פער־לוסטען וועלכע וועלען מוזען זיין, ווייל דער פערלוסט וואָס ווערט ער־וואַרטעט ביי לעבענס־פערזיכערונג איז אַ זיכערער.

אַ יונגער מענש קען שטאַרבען און אַ אַלטער מוז שטאַרבען.

און אזוי ווי די אָרדענס גרייטען ניט אָן געגוג פאָנדס פאַר די צוקונפט דורך דעם וואס די צאָהלונגען זיינען קליין, ניט באזירט אויף וויסענשאפטליכע אויסרעכענונגען, פאָלגליך וועט יעדער אָרדער פריהער אָדער שפעטער מוזען באנקראָטירען. דאָס ווערט אויפגעצייגט מיט ציפערען פון פיעלע אקטשוריעס, — ספעציאליסטען אין דיעזער פראגע און עס ווערט זעהר שטארק אויסגענוצט פון די אינשורענס קאָמפּאניעס אין זייער קאמפף געגען די קאָנקורענציע פון די אָרדערס.

דאגעגען ווערט אָנגעצייגט אויף די וויכטיגקייט און נויטווענדיגקייט פון די אָרדערס, פאַר ארבייטער, מיט קליינע איינגאהמען, וועלכע זיינען ניט אימשטאנדע צו צאָהלען די גרויסע פרעמיומס וואָס דארפען געצאָהלט ווערען צו אינשורענס קאָמפּאניעס. די אָרדערס האָבען זיך צוגעפאסט צו די פערלאנגען פון די ארבייטער מיט קליינע איינקינפטע, און טראָגט דעם וואָס זייערע צאָהלונגען זיינען ניט באזירט אויף וויסענשאפטליכע און מאטעמאטישע אויסרעכענונגען, האָבען אָבער דיעזע אָרדערס שוין אויסגעצאָהלט אונגעהויער גרויסע סומען אין קראנקען־און טויטען־בענעפיטס.

עס ווערט אָנגעצייגט, אז די אָרדערס פערקויפען וואארע, פערקויפען אינשורענס אונטער דעם פרייז וואס זיי אליין קאָסט, און דאָס וועט זיי מוזען פיהרען צו באנקראָט. געגען דעם ווערט ערקלעהרט, אז די אינשורענס אין די אָרדערס איז ניט קיין ספעקולאציאָן אינשורענס ווי עס איז דער פאַל מיט די אינשורענס פון די קאָמפּאניעס.

די גרויסע צאָהל מעמבערס פון די אָרדערס זיינען ארבייטער, וועלכע קומען אריין אלס מעמבערס צווישען די יאָהרען פון 20 ביז 40. און די יאָהרען ווען מענשען פאנגען אן זייער לעבען אלס ארבייטער, אין די יאָהרען ווען א מענש האָט קליינע הילפלאָזע קינדער.

האָט קליינע איינקינפטע, עס פאָדערט זיך צו לעבען זעהר שפּאָרזאם, און ווען דער פאמיליע שפּייזער שטאַרבט, לאָזט ער קיין זאַך ניט איבער אויסער דאָס פאַר וואָס ער האָט געצאָהלט צו דער סאָסייעטי, צום אָרדער, און גראדע אין דיעזער צייט ווען ער נויטיגט זיך אם מעהרסטען צו פערזיכערען די קליינע הילפלאָזע קינדער נאָך דעם טויט, קען ער אמוועניגסטען צאָהלען.

ווען עס שטאַרבט אן אלטער מאן און לאָזט איבער א פרוי, וועלכע איז פערזאָרגט פון פריהער, לאָזט איבער גרויסע ערוואַקסענע קינדער וועלכע קענען זיך שוין אליין פערזאָרגען, קענען אויסהאַלטען זייער אלטער מוטער. דיעזע קענען ניט ווערען אַנגערופען אבהייניגע, און די אינשורענס פאַר פערזאָרגען אין די עלטערע יאָהרען איז שוין ניט נייטיג, דארום איז דער פערלוסט ניט קיין בעשטימטער און זיכערער.

עס איז ניט מעהר ווי „טוירם אינשורענס“ אינשורענס פאַר א בעשטימטער צייט, פאַר דער צייט ווען די קינדער זיינען נאָך קליין און הילפלאָז, און נויטיגען זיך אין דעם פאָטער'ס פּראָטעקשיאָן פאַר זיין לעבען און נאָך זיין טוידט, קוים אָבער זיינען די קינדער אויסגעוואַקסען גרויס גענוג זיך אליין צו פערזאָרגען איז די פּראָטעקשאָן פון פאָטער מעהר ניט נויטיג.

עס איז ניט איצט אונזער אויפגאַבע און ניט דאָ דער פּלאַץ צו בעשפּרעכען וועלכע פון די שטרייטינדע צדדים איז מעהר גערעכט. מיר האָבען נור אנגעצייגט אז אזוי שנעל ווי די הויפּט פונקציאָן

פון די אָרדערס איז געוואָרען לעבענס פערזיכערונג און האָבען זיך געשטעלט אַלס קאָנקורענט צו די אינשוערנס קאָמפּאַניעס, האָט זיך באַלד אָנגעפאַנגען צו אינטערעסירען מיט זייער אַרבייט, די געזעצגעבונג, די פּרעסע, מען האָט אָנגעפאַנגען צו דעבאַטירען וועגען זיי. מעהר איגנאָרירען די אָרדערס האָט מען ניט געקענט.

דר. מ. דזש. בראדסקי.

קא־אפעראטיווע אינשורענס אין אמעריקא

אלע אינשורענס ארגאניזאציעס, צו זיי זיינען רעגעלע אינשורענס־קאמפאניעס, צו זיי זיינען געגענזייטיגע הילפס־אססאסיאיישאנס, אויב זיי האבען נור פאר זייער צוועק צו בעשיצען דעם לעבען אדער דעם געזונד פון מענשען, אדער אויב זיי גיבען ארויס אינשורענס פאליסים געגען פייער, גנבה, סיבות און זא ווייטער זיינען בעגרינדעט אויפ'ן פרינציפ פון קא־אפעראציאן. דאס הייסט, א צאהל מענשען נעהמען זיך צונויף און בעשליסען אז דער פערלוסט וואס איינער פון זיי וועט ליידען זאל פאנאנדער געטהיילט ווערען צווישען אללע מעמ־בערם פון דער ארגאניזאציאן. יעדער מעמבער שטייערט ביי אין אן „אלגעמיינעם פאנד“ און פון דיעזען פאנד צאהלט מען אויס די פערלוסטען וואס מעמבערם האבען, פון צייט צו צייט.

כאטש דער גרונד־פרינציפ פון אלע אינשורענס־קאמפאניעס איז דער זעלבער, דאך זיינען זיי ניט אלע גלייך אין אלע הינזיכטען. איבערהויפט שיידען זיי זיך אימער אין דער ארט און ווייזע ווי אזוי

זייער אלגעמיינער פאָנד ווערט קאָנטראָלירט. אין מאנכע קאָמפּאניעס זיינען די מעמבערס, די לייטע וואָס זיינען אינשורט, אליין די בעלי־הבתים איבער דיעזען פאָנד. זיי אליין בעשטימען וויפיעל זיי זאָלען צאָהלען א יאָהר וואָס פאר בענעפיטס די מעמבערס זאָלען האָבען פון דעם פאָנד, וויפעל עס זאָל געספּענדט ווערען אויף עקספּענסעס, און זאָ ווייטער. אין אנדערע קאָמפּאניעס, אבער, האָבען די מעמבערס איבער דעם פאָנד קיין דעה ניט, דער קאָנטראָל ליעגט אינגאנצען אין די הענד פון א גרופּע מענשען, וועלכע האלט די קאָמפּאני, אלס איהר אייגענטהום.

עס איז קלאָהר פאר יעדערען, אז וואָס קלענער די עקספּענסעס פון דער קאָמפּאניע זיינען, אלס מעהר געלד פערבלייבט אין דער קאסע פאר דעם בענעפיט פון די מעמבערס, וועלכע זיינען בערעכטיגט דער־צו. ווען די לייטע וואָס אינשורען זיך קאָנטראָלירען אליין די אינשו־רענס קאָמפּאני וועלען זיי נאטירליך שרייען, אז די עקספּענסעס זאָ־לען זיין קליינע. ווען אָבער דער פאל איז פארקעהרט, ווען זייטיגע מענשען, סטאקהאָלדערס, קאָנטראָלירען די קאָמפּאני טרייען זיי נאַ־טירליך אָנמאכען וואָס מעהר עקספּענסעס, ווייל די עקספּענס־געלד שטעלט זיך אָפּ אין זייערע פּאקעטס. די אינשורטע לייטע בעקומען ווייניג בענעפיט און דארפען צאָהלען הויכע אינשורענס רייטס.

אָרגאניזיישאָנס וועלכע ווערען קאָנטראָלירט פון די אינשורטע מעמבערס אליין רופען זיך „קאָ־אָפּעראטיווע אינשורענס אָרגאניזיי־שאָנס“; אָרגאניזיישאָנס וועלכע ווערען קאָנטראָלירט פון סטאק־האָלדערס אָדער קאפּיטאליסטען רופען זיך „אינשורענס קאָמפּאניעס“ (רעגולע אָדער אינדוסטריעלע)

אלזא, די הויפּט מעלות פון א „קאָ־אָפּעראטיווע אינשורענס אָרגאניזיישאָן“ זיינען פאָלגענדע:

1) זי איז אָרגאַניזירט פאַר דעם געגענזייטיגען בענעפיט פון די לייטע וואָס אינשורען זיך און ניט פאַר פּראָפיט.

2) זי ווערט געפיהרט דורך עלעקטעטע בעאַמטע. זי איז איינגע־טהיילט אין ברענטשעס אָדער אין לאָדזשען וועלכע רעגיערען זיך אַליין.

3) זי אַפּעלירט איבערהויפּט צו אַזוינע מענשען, וועמען דער אַלטעגליכער לעבען האָט געלערענט צו פאַרשטעהן די הויפּט ווערדע פון געגענזייטיגע הילפע און סאָלידאַריטעט. זי אַפּעלירט צו אַזוינע מענשען, וועלכע אַרבייטען פאַר זייער שטיקעל ברויט און זיינען קיינ־מאָל ניט זיכער מיט זייער פּרנסה.

דיעזע קאָ־אָפּעראַטיווע אָרגאַניזיישאַנס גיבען אויסער די טויטען־בענעפיט אויך קראַנקען־בענעפיט דורך דעם ברענטש אָדער דעם סענטראַל אָפיס. זיי האַלטען אויף סאַניטאַריומס און האָספּיטאַלס, זיי גיבען אויך מעדיצינישע הילפע, שטיצען אַרבייטסלאָזע און אָרימע מעמבערס, בעצאָהלען די לויה הוצאות, געבען ערד פאַר דעם טויטען, זאָרגען פאַר דער אַלמנה, בילדען די יתומים פון די מעמבערס. קורץ, זיי בענוגענען זיך ניט מיט די אינשורענס אַליין, זיי זיינען אויך פילאַנ־טראָפּיש, און זיי צוטהיילען צווישען זייערע מעמבערס די „ברידערליכע דיווידענדס", וועלכע טרעפען אָן א סך מעהר ווי די דיווידענדס פון וועלכע עס איז קאָמפּאַני.

4) די „קאָ־אָפּעראַטיווע אַססאָסיאיישאַנס" גיבען ארויס פּאָליסיס פאַר סומען צווישען 250$ ביז 5000$. די פּאָפּולערסטע פּאָליסיס זיינען פיר 500$, 1.000$ און 2.000$ און איצטער פאָדערען פיעלע פּאָליסיס פאַר 250$. דאָס בעוויזט, אז דיעזע אַססאָסיאיישאָנס הויבען אָן צו דערגרייכען די אָרימסטע קלאַסען פון דער בעפעלקערונג

און אז זיי וועלען מיט דער צייט ווערען די ספּעציעלע אינשורענס אָרגאַניזיישאַנס פאַר דער ארבייטער קלאַסע.

די קאָ־אָפּעראַטיווע אינשורענס אסאָסיאיישאַן מוז פארגרעסערען און וואקסען, ווייל זי ענטוויקעלט זיך דירעקט פון דעם איצטיגען אינדוסטריעלען סיסטעם וועלכער איז בעגרינדעט אויף דער קאָנקור־רענץ. וואָס מעהר דיזער סיסטעם האָט זיך ענטוויקעלט אַלץ מעהר האָט דיעזע אינשורענס אָרגאַניזיישאַן געוואקסען און זיך פערשפּרייט. מיט 40 יאָהר צוריק האָט איין איינפאַכע קליינע טרייד יוניאָן איהר צום ערשטען מאָל אנגעפאַנגען דערהמיט וואָס זי האָט בעשלאָסען צו געבען איהרע מעמבערס טויטען בענעפיט. יעצט זיינען דאָ 7 מיליאָן דערוואקסענע מענער און פרויען אין דיעזע אינשורענס אָרגאַני־זיישאַנס, אריינרעכענדיג די קינדער פון די אַלע דערוואקסענע מענשען, קען מען זאָגען, אז אין דיעזע אסאָסיאיישאַנס געפינען זיך צוואַנציג מיליאָן מענשען אָדער א פיערטעל פון דער גאַנצער בעפעלקערונג פון אמעריקא.

מעהר ווי א מיליאָן פרויען זיינען אָרגאַניזירט אין בעזונדערע אָרדענס, און פיעלע פיהרער פון דיעזע אָרגאַניזיישאַנס קלעהרען איצטער צו אָרגאַניזירען די קינדער אויף אן עהנליכען וועג.

5) קאָ־אָפּעראַטיווע אינשורענס איז ביליג ניט נור דערפאַר ווייל די עקספּענסעס זיינען 6 אָדער 7 מאָל קלענער ווי די עקספּענסעס פון די רעגולע קאָמפּאַניעס נור אויך דערפאַר ווייל די קאָ־אָפּעראַטיווע סאָסייעטיס זיינען פריי פון אירגענד וועלכע טעקסעס.

6) איצטער אז לעבענס מיטלען זיינען אזוי טהייער און פרייזען האַלטען אין שטייגען און שטייגען איז געווים אנגענעהם, אז מען קען קריגען אינשורענס פאר ביליג. דער ארבייטער דארף איצטער האָבען

יעדען סענט וואָס ער פאַרדיענט פאַר זיין הוצאה. אָבער אינשורענס איז פאַר איהם א נויטהווענדיגקייט. ער קען אָהן דעם ניט אויסקומען און דארום איז עס פאַר איהם אזוי גוט ווען ער דאַרף ניט צאָהלען קיין גרויסע פרייזעס פאַר אינשורענס.

7) די קאָ־אָפּעראַטיווע אַססאָסיאיישאָנס זיינען איינגעפיהרט געוואָרען אלס א פּראָטעסט געגען די הויכע פּרימיומס, די שלעכטע מענעדזשמענט און די גרעפּט פון די אינשורענס קאָמפּאניעס. זייט די קאָ־אָפּעראַטיווע סאָסייעטיס האָבען אָנגעפאנגען צו קאָנקורירען זיינען די אלגעמיינע אינשורענס קאָמפּאניעס געווען געצוואונגען צו פערקלענערען זייערע פרייזעס פאַר אינשורענס און צו געבען זייערע קאָסטימער בעסערע פּאָליסים. אויב דער פּרייז פון אינשורענס שטייגט ניט אזוי ווי דער פּרייז פון אנדערע זאכען, אויב די אינשורענס ביזנעס ווייסט ניט פון קיין טראַסט און פון קיין מאָנאָפּאָליעס, האָבען מיר עס צו פערדאנקען דיעזע קאָ־אָפּעראַטיווע אַססאָסיאיישאָנס.

די גרויסע אינשורענס קאָרפּאָריישאָנס פערשטעהען, אז זייערע געגנער, די קאָ־אָפּעראַטיווע אַססאָסיאיישאָנס, זיינען מעכטיגער פאַר זיי דערמיט, וואָס זיי זיינען גערעכטער און גיבען זייערע מעמבערס בעסערע בעדינגונגען, און דארום האָבען זיי מורא ארויסצעגעהן געגען זיי אין אן אָפּענעם קאַמפּף. אנשטאַט דעם, אָבער, זוכען זיי צו בלעק־מיילען דיעזע אַססאָסיאיישאָנס און צו שעדיגען זייערע געשעפטען. זיי בעקומען צו דיעזען צוועק די פערשיעדענע צדקה און שטאַדט אנשטאַלטען, די פּרעסע, די קירכע און די לעדזשיסלייטשור, אלעס אין דער וועלט טהוען זיי צו פערניכטען די קאָ־אָפּעראַטיווע אינשורענס אַססאָסיאיישאָנס.

אָבער זייער מיה איז אומזיסט די גוטעס וואָס די קאָ־אָפּעראַטיווע

אינשורענס אססאָסיאיישאָנס האָט שוין אויפגעטהון ביז איצטער האָט געוואונען פאר זיי דעם רעספּעקט און דעם צוטרוי פון די גרויסע מאסען וועלכע פּאטראָנייזען זיי און פון די עהרליכע קלאס מענשען און שטאאטס לייטע. טראָץ אלע דעמאגאָגישע טריקס דורך וועלכע דדי אינשורענס קאָמפּאניעס טרייען אָנצווענדען. די קאָאָפּעראטיווע אססאָסיאיישאָנס וועלען דאָך פערבלייבען שטארק און פעסט און וועלען מיט דער צייט ווערען דער גרעסטער שוץ פאר דער ארבייטער קלאסע אין דיעזען לאנד.

יעקב גאָרדין.

קען דאָס זיין? *).

(א פאַנטאַזיע).

איך בין געווען זעהר פערוואונדערט און מיין ערשטער געדאַנק איז געווען: קען דאָס זיין? איז דאָס די ווירקליכקייט? אָבער ווי אַזוי קען איך צווייפלען, אַז אַלעס וואָס איבערראַשט מיך אַזוי שטעהט פאַר מיינע אויגען? איך זעה עס, בעגרייף עס, עמפפינד עס, און אויסער דעם, אָט שטעהט געגען מיר א יונגע ליידי, וועלכע ערקלעהרט מיר די בעדייטונג פון יעדע זאַך,

*) מיר שליסען אונזער זאַמעל־בוך מיט דער פאַנטאַזיע, וואָס דער ניט־לאַנג פערשטאָרבענער דיכטער און דראַמאַטורג יעקב גאָרדין האָט געשריבען אין 1904 און עס איז געווען אָבגעדרוקט אין סאָוועניער, וועלכער איז ארויסגעגעבען געוואָרען לכבוד די 4טע יעהרליכע קאָנווענשאָן פון ארבייטער רינג.

דאָס וואָס עס איז געווען מיט 6 יאָהר צוריק ביי דעם דיכטער אַ פאַנטאַזיע, איז היינט באַלד אַ ווירקליכקייט. יעקב גאָרדין האָט פאַנטאַזירט פון אַן ארבייטער־רינג מיט 480 ברענטשעס און 40 טויזענד מעמבערס, מיט סאַנדיי־סקולס פאַר די קינדער, אַ סאַנאַטאָריום פאַר קאָנסאַמפּטיוו קראַנקע מיטגליעדער, מיט אייגענע לעקטשורערס, וועלכע האַלטען סיסטעמאַטישע לעקטשורס אין יעדע שטאָדט, מיט אייגענע צייטונגען, און היינט — בלויז 6 יאָהר שפּעטער — האָבען מיר שוין 440 ברענטשעס מיט 37 טויזענד מעמבערס, אַ סאַנאַטאָריום פאַר קאָנסאַמפּטיווע, סאַנדיי סקולס, אייגענע לעקטשורערס, און אַן אייגענע צייטונג וועט אויך באַלד פערווירקליכט ווערען.

די ווירקליכקייט האָט אַנגעיאָגט דעם דיכטער׳ס הערליכע פאַנטאַזיע. י. ווֹ.

ערצעהלט מיר די געשיכטע פון יעדע זאך, גיט מיר סטאטיסטישע איינצעלהייטען, פאקטען, ציפערען, נעמען.

קען דאס זיין?

ערלויבט מיר צו דערצעהלען אייך די געשיכטע פון אנהויב. מיט א קורצע צייט צוריק בין איך געזעסען אין קאפע רעסטאראן זעהר שפעט ביי נאכט. מיינער א בעקאנטער, וועלכער איז איינער פון די דירעקטארען פון דער „עדיוקיישאנאל עלייענס", אדער בעסער בע־קאנט אונטער'ן נאמען „היברו אינסטיטוט", האט מיך טראקטירט מיט א סיגאר און האט זיך צוגעזעצט צו מיין טישעל. אבוואהל דער דאזיגער דירעקטאר איז א דייטשער יהודי, איז ער דאך א גאנץ אנ־שטענדיגער מענש און זאגאר ניט קיין גראבער יונג (וואס איז ווירקליך זעהר א גרויסער חדוש). מיר האבען גערעדט, ווי געוועהנליך, וועגען דער אידישער געהעטא. זאגט צו מיר דער דייטשער יהודי: „די עדיו־קיישיאנעל עלייענס" קאסט אונז אלע יאהר כמעט הונדערט טויזענד דאלאר, מיר האבען פיעל טראבעל און זעהר ווענינ נחת. מיר דאכט זיך, זאגט ער, ווען אויף דער איסט סייד וואלט זיך געפונען א שטאר־קע, פערנטוואָרטליכע, סאלידע ארגאניזאציאן, וואלטען מיר זיי אב־געגעבען די בילדונג און הכל בכל, און זאלען זיי זיך פיהרען דעם אינסטיטוט ווי זיי פערשטעהען.

הם! האב איך מיר א טראכט געטהאן, די איינציגע אידישע שטארקע, פעראנטוואָרטליכע ארגאניזאציאן, וועלכע אין דער זעלבער צייט אינטערעסירט זיך מיט בילדונג, איז „דער ארבייטער רינג". וואס וואלט געווען, ווען כדומה למשל, הא?...

קען דאס זיין?

— יא, מיין הערר, זאגט די יונגע לידי, און א גוטער, ליעבליכער שמייכעלע שפיעלט אויף איהרע ליפען. דאס אלעס, זאגט זי, געהערט איצט צום „ארבייטער רינג". דא איז יעצט ניטא קיין דירעקטארען מיט אויטאמאבילס, ניטא קיין „זיידענע־זאקען"־גבאים, ניטא קיין „קיד גלאווס" פאטראנעסעס. אלעס געהערט אונז, ארבייטער, און אלעס ווערט פון אונז ארבייטער פערוואלטעט.

— דאָ, דאכט זיך, איז אמאָל געווען א „פּיפּעלס סינאַגאָגע“, פרעג איך.

— יא, איצט האָבען מיר אנשטאט דעם א פּיפּעלס יוניווערסיטי. אָט דאָ אין אודיטאָרום ווערען יעדע נאכט געגעבען לעקטשורס, רע־גולערע קורסען, אויסער דעם האָבען מיר פּאָפּולערע פּאָרטראגע פאר'ן פאָלק. קיינע מגידים, קיינע רבנים, קיינע חזנים און דרשנים מעהר.

— איך זעה דאָ אין דעם צימער שטעהט איין ארגעל. הייסט עס, איהר האָט דאָ מאנכעס מאָל יא א גאָטעס־דיענסט?

— ניין, מיין הערר; אונזער גאָטעס־דיענסט איז צו דיענען איי־נער דעם צווייטען. מיר האָבען פיר אונזערע קינדער א מין סאָנדיי־סקול, דאָ קומען זיי זיך צונויף הערען שעהנע מוזיק. זיי זינגען ליעדער וועגען גערעכטע פערהעלטניסע צווישען מענש און מענש.

— און וואָס איז דאָ אויבען אויפ'ן פלאָאר?

— דאָ האָבען מיר אונזערע לייבראַרי און רידינג רום. אויסער דעם האָבען מיר דאָ א קלאָס, וואו עס ווערען פאָרבערייטעט לעקטשו־רער. אמאָל פלעגען אונזערע ברענטשעס אין דער קאָונטרי זעהר ליידען, ווייל זיי האָבען ניט געהאט קיין לעקטשורערס. איצט, אונטער אונזער סופּערוויזשיאָן דאָ, זיינען אָרגאניזירט סיסטעמאטישע לעק־טשורס כמעט אין יעדע שטאָדט פון אמעריקא. און לעקטשורערס האָבען מיר אייגענע.

— איך געדענק, די עדיוקיישאָנאל עלייענס האָט דאָ כלומרשט געהאט מוזיקאַלע קלאסען... ווי האלט עס יעצט?

— מיין הערר, ניט כלומרשטע קלאסען, מיר האָבען ריכטיגע מוזיקאַלע קלאסען פון וויאָלין און פּיאנאָ. הונדערטער פון אונזערע קינדער לערנען דאָ אין איינינגע פון זיי ווערען געוויס זיין גרויסע אָרטיסטען. מיר האָבען אונזערע אייגענע צוויי אָרקעסטרען. מיר האָבען צעהן חאָרען פון יונגע זינגער און זינגערקעס... איך בעט אייך, אינ־ספּעקטירט די גאנצע בילדינג, וועט איהר זעהען אונזער גאנצען אינ־סטיטוט. אויבען האָבען מיר די רעדאקציאָן פון אונזער צייטונג און זשורנאל. די ביוראָ פון אונזער צענטראַלע אדמיניסטראציאָן. פערגעסט

ניט, מיר האָבען יעצט פיעלע קליינע אבטהיילונגען אין פערשיעדענע שטעדט, האָבען צוויי סאנאטאָריומס פאר קאָנסאָמפּטיווע קראנקע, און אויסער דעם אונזערע אלטע לייט פון דער „ארבייטער רינג" געהען ניט אויף דער עלטער בעטען א פּלאַץ אין דער זאָ פיעל קריטיזירטען „מאנטעפיאָרע האָום". מיר האָבען פיר אלטע אן אייגענע היים און א פּראכטפאָלע געזונדע געגענד. אויסער דעם, יעצט איז ביי אונז אויסגעארבייט א פּלאַן. מיר וועלען אליין בויען בעקוועמע, ביליגע און געזונדטע וואָהנונגען פיר די ארבייטער. זיי וועלען ניט האָבען קיין לענדלאָרדס, וועלכע רייסען פון זיי די הויט... זיי וועלען צאָהלען פיער פּראָצענט אויפ'ן קאפּיטאל און דאָס איז אלעס.

— הייסט עס, דער „ארבייטער רינג" האָט זיך צו־וואקסען?

— מיין פריינד, מיר וואקסען, ווייל דער „ארבייטער רינג" איז די איינציגע אמת־פּראָגרעסיווע און פּראקטיש־געבויטע ארבייטער־אָרגאניזאציאָן. מיר האָבען יעצט 480 ברענטשעס מיט א מעמבערשיפּ פון 40 טויזענד. מיר אליין אינשורען דאָס לעבען פון אונזערע מיט־גליעדער ווי אויך זייער פערמעגען. פון אונזערע מיטגליעדער מאכען די אינשורענס קאָמפּאניעס קיין סענט ניט און אויסער דעם...

— סעי, מיסטער!

איך האָב געמיינט, די ליידי רעדט דאָ צו מיר און איך האָב זיך געוואונדערט, וואָס איהר זיסע שטימע איז פּלוצלונג אזוי איבערגע־ביטען געוואָרען, און אויסער דעם האָט מיך אימיצער ניט איבעריג העפליך געשטורכעט אין די זייטען און געצופּט פאר'ן קאָלנער פון מיין אויבער־ראָק. איך עפען מיינע אויגען און זעה דעם קאָנדוקטאָר פון דער קאר... ער פרעגט מיך, וואו דארף איך אראָפּ?.. — נאסטראנד עוועניו, זאָג איך.

— נאסטראנד? וואהאי, מיר זיינען שוין מיט צעהן בלאָק ווייטער.

קריך, ברודער, ארויס פון דער קאר, זאגט ער, און הולך צוריק. א בייזער, א פערשלאפענער, בין איך געגאנגען אהיים, און ווען מיר איז ווידער געקומען דער געדאנק: קען דאס זיין? האב איך אליין אויף זיך א געשריי געטהאן מיט כעס: פאר וואס זאל דאס ניט קענען זיין? וואס איז דארט אזוינס?

אז עהרליכע מענשען מיט שכל און ענערגיע ווילען עס זאל זיין, וועט זיין!

בעגריסונג פון דער דזשענעראַל עקזע-קוטיוו קאָמיטע פון אַרבייטער רינג

צו אַלע מעמבערס פון אַרבייטער רינג.

פריינדע! דער ארבייטער רינג איז מיט 10 יאהר צוריק פון דיא ברענטשעס 3 — 2 — 1, וועלכע האָבען שוין דאן אונגעפעהר ביי 9 יאָהר צייט געמיינשאַפטליך אלס א פּראָגרעסיווע אונטערשטיצונגס־סאָסייעטי אונטער דעם נאָמען „ארבייטער רינג“ עקזיסטירט, אלס אָרדען אָרגאַניזירט געווארען. זיינע גרינדער האָבען זיכער געהאפט, געטרוימט, און מיט'ן גאנצען הארצען געוואונשען א גרויסע צוקונפט פאר דעם ארבייטער רינג. זיי האָבען זיך אָבער אויך געווים געשראָקען און געצווייפעלט אין זיין ערפאָלג. די גרינדער פון ארבייטער רינג זיינען זיכער געוועזן מענשען מיט ווארימע הערצער, מענשען מיט ענערגיע און בעגייסטערונג פאר גוטע אינסטיטושאָנס צום גונסטען פון דער ארבייטער קלאסע. אינסטיטושאָנס וועלכע זאלען טאקע אליין אויך פון ארבייטער און דורך ארבייטער געבויט און פערוואלטעט ווערען. סאסייעטיס אין וועלכע די נעהמער זאלען אויך אליין די געבער זיין. קיינער זאל זיך פאר קיינעם ניט דארפען בוקען, אום צו קאָנען געהאלפען ווערען. א סאָסייעטי, וואו יעדער מיטגליעד זאל עס

פאַר זיין הייליגע פפליכט האַלטען, צו העלפען און צו שטיצען זיין פריינד אין דער נויטה, א סאָסייעטי וואו דער געדאַנק פון טשאַריטי און פילאַנטראָפּיע זאָל גאַר ניט עקזיסטירען. אַלע זאָלען זיך ווי אמת'ע גוטע פריינד פיהלען, און איינע די אנדערע מיט ליעב און לעבען איבערגעגעבען זיין.

יעס! די גאַנץ ערשטע מיטגליעדער, וועלכע האָבען מיט פיעל מיהע און שווערע ארבייט דעם פונדאַמענט פון אונזער שעהנער געביידע בעשאַפען, האָבען זיכער וועגען פיעלעס געטרוימט. זיי האָבען זיך אָבער קיין מאָל פאַרשטעלען ניט געקענט, און זיכער ניט פאָראויסגעזעהען די רעזולטאַטען מיט וועלכע דער אָנפאַנג פון זייער ארבייט וועט ענדליך געקרוינט ווערען. אונזערע ערשטע מיטגליעדער פון ארבייטער רינג זיינען ניט געווען קיין מרגלים, מענ־שען וועלכע אינטערעגירען און זוכען צו שטערען אונטערנעהמונגען. ניין, זיי זיינען אמת'ע פיאָנערען געווען, מענשען וועלכע האָבען די ערשטע א וועג פאַר דעם ארבייטער רינג אויסגעטראָטען. זיי האָבען זיך פאַר קיין זאַך ניט אָבגעשטעלט, זיך פאַר קיין זאַך ניט געשראָקען, און אימער זייער גוטע ארבייט פאָרטגעזעצט. זיי האָבען זומפען מיט גוטע ערד אויסגעפיהלט, שפּיציגע שטיינער, שטע־כיגע דערנער פון וועג אוועקגענומען. זיי האָבען פערשיעדענעס גע־טהאָן, אַלעס מעגליכעס אָנגעווענדעט, אום זייער ציעל צו עררייכען. יעס! זיי האָבען געארבייט, געשאַפען, געאָפּפערט, ניט וויסענדיג וואָס פון זייער ארבייט וועט ווערען. און האָבען זיך, וואהרשיינליך, מיט גוטע האָפנונגען געטרייסט. זיי האָבען זיכער געוואוסט וואָס זיי ווילען, האָבען אָבער ניט געקענט פאָראויסזעהען דעם ריעזיגען ערפאָלג. זיי האָבען געזעהט, געפלאַנצט, און געפלאַנצט מיט טרעהרען, ניט ווי־סענדיג וואָס פאַר א פרוכטע עס וועט ברייננגען, און דערפאַר טאַקע

פיהלען מיר ליעבע און רעספעקט צו די, וועלכע האבען איהם געגרינ־
דעט, ווי אויך צו די, וועלכע האבען דיעזע גוטע ארביים זייערע ערנסט
און ארענטליך פארטגעזעצט.

דער גלענצענדער צושטאנד פון ארבייטער רינג, זיין גרויסער
וואוקס און פערמעגען, זיין שפיעלען איינע פון די ערשטע פידלען אין
דעם ארקעסטער פון דער ראדיקאלער בעוועגונג, זיין מעגליכקייט
צו קאנען צייגען דער וועלט, אז אויך איינפאכע אבער עהרליכע
ארבייטער פערשטעהען גוט ווי צו פערוואלטען די אינטערעסען פון דער
געזעלשאפט, ווי צו בויען אן אייגענעם סאנאטאריום כדי צו ראטעווען
די לעבענס פון זייערע פעראונגליקטע ברידער וועלכע פאלען אלס
קרבנות פון דער יעצטיגער קאפיטאליסטישער סיסטעם, גייסטיג צו
ענטוויקלען די אייגענע מיטגליעדער און צו פערשפרייטען ליכט און
אויפקלעהרונג צווישען דעם יונגען דור, דורך דער גרינדונג
פון זונטאגס־שולען. דאס אלעס איז דער רעזולטאט פון
ערנסטע און אויפריכטיגע ארבייט פון מענשען, וועלכע האבען קיין
מאל ניט געהאט קיינע פרעטענזיעס אויף עטוואס גרויסעס און פראָ־
מינענץ, נור פון איינפאכע טרייע איבערגעגעבענע מענשען צום ארביי־
טער רינג, דורך א גוטע סיסטעם פון פערוואלטונג, לויט דעם בעסטען
ארט פון דעמאקראטיע, איז דאס אלעס געשאפען געווארען.

און דער ארבייטער רינג איז פון גלייכען און ריכטיגען וועג ניט
ארונטער. ער איז אימער פארווערטס געגאנגען, טראָטץ די אלע
אטאקעס וועלכע זיינען געגען ארבייטער רינג געמאכט געווארען פון
מענשען וועלכע האבען זייערע שטענדיגע אויפגאבע צו ברעכען, צו
בריינגען א מיסטרויען אין די רייהען פון דער ארבייטער בעוועגונג.

מיר בעגריסען דעם ארבייטער רינג צו זיין צעהנטע יעהרליכע

קאנוועגשאן, און ווינשען, אז דער ארבייטער רינג זאל ווייטער געהן אין זעלבען וועג, ווי ער איז געגאנגען ביז איצט, אז די מיטגליעדער זאלען די ריינע אונבעפלעקטע פאהנע פון ארבייטער רינג הויך האלטען,

און צוזאמען אויסרופען:

עס לעבע דער ארבייטער רינג, דער גייסט פון ערוואכונג,
דער מוסטער פון סאלידאריטעט.

דזשענ. עקז. ארבייטער רינג.

בעגריסונג פון דער קאָנטראָל קאָמיטע

צו אלע מעמבערס פון ארבייטער רינג.

ביי דער געלעגענהייט פון דער צעהנטער יעהרליכער קאָנווענשאָן פון אונזער גרויסען און בעליעבטען אָרדען ווילען מיר אויסדריקען אונזער הערצליכע גראטולאציאָן צו אייך אלעמען מיט דעם גרויסען ערפאָלג וועלכען מיר האָבען געמאכט פאר דער קורצער צייט פון אונזער עקזיסטענץ. מיר האָבען ניט קיינעם צו פערדאנקען פאר אונזער ריעזיגען ערפאָלג ווי נור אונז אלעמען. מיר האָבען אלע צוזאמען, מיט אונזערע אייגענע קרעפטען אויפגעבויט דיעזע גרויסע שעהנע געביידע, און מיר וועלען אלע אויך אויף ווייטער אוועקגעבען אונזערע קרעפטען צו פאר־גרעסערען, פארשטארקערען און פארשעהנערען אונזער טהייערען „ארבייטער רינג“.

מיט דער טיעפסטער איבערצייגונג אין דעם ערפאָלג פון אלע אונזערע ווייטערע אונטערנעהמונגען פאר'ן וואהלזיין פון „ארבייטער רינג“, ווינשען מיר אייך אלעמען א גליקליכע געגענווארט און א גלענצענדע צוקונפט.

מיט הערצליכען און פריינדליכען גרוס

קאָנטראָל קאָמיטע „ארבייטער רינג“.

בעגריסונג פון דער 25טער קאָנווענשאָן-אראַנדזשמענט-קאָמיטע

צו אַלע מעמבערס פון אַרבייטער רינג.

פריינדע!

לכבוד די צעהנטע יאהרליכע קאָנווענשאָן האָבען די ניו־יאָרקער מעמבערס בעשלאָסען און אונז איבערגעגעבען אויף זייערע קאָסטען ארויסצוגעבען א זאמעל־בוך אלס סאָוועניר, א זאמעל־בוך אין וועלכען עס זאל זיך אבשפּיגלען דער לעבען און טהעטיגקייט, דאָס שאַפען און ווירקען פון ארבייטער רינג, א זאמעל־בוך, וואו עס זאָל ווערען אויסגעלייגט די וועג פון ארבייטער רינג פאר דער צוקונפט.

מיר האָבען דעם וואונש און דעם פערלאנג פון די ניו־יארקער מיטגליעדער פון ארבייטער רינג ערפיהלט, און גיבען אייך דיעזען בוך אין זייער נאָמען אלס אנדענקען פון דער צעהנטער יעהרליכער קאָנווענשאָן.

עס איז אונזער וואונש און מיר האָפען אויף דער וואונש פון יעדען איינצעלנעם מיטגליעד פון ארבייטער רינג, צו זעהען, אז דער ארבייטער רינג זאל ווייטער בליהען און וואקסען, ביז ער וועט ארומ־נעהמען אלע אידישע ארבייטער פון אמעריקא, און ניט נאָר פון אמעריקא נור פון דער גאנצער וועלט, און ניט נור די אידישע ארבייטער אליין, נור אלע וואס ארבייטען און שמאכטען אין הויז און פאבריק, און דער ארבייטער רינג זאל אזוי לאנג ווירקען אויף די הערצער און

מוחות פון די ארבייטער, אזוי לאנג ווי בענעפיט סאסייעטיס וועלען זיין א נויטווענדיגקייט.

פון טיעפען הארצען בעגריסען מיר די דעלעגאטען פון דער צעהנטער יעהרליכער קאָנווענשאָן און ווינשען זיי ערפאָלג אין זייער ארבייט.

קאָנווענשאָן אראנדזשמענטס קאָמיטע.

ה. גאָלדין,	בר. 1, טשערמאַן.
מ. האָלצוגער,	„ 72, סעקרעטער.
א. באלטערמאַן,	„ 38, טרעזשורער.
דזש. גאָלדסטיין,	„ 3.
דזש. גאָלד,	„ 8.
ס. ליפּקאָוויטץ,	„ 43.
מ. העסקעל,	„ 49.
ס. וועבער,	„ 50.
ע. סאקאלסקי,	„ 101.
מ. פרידמאַן,	„ 28.
ס. גוטהייל,	„ 54.
מ. מאליקין,	„ 64.
ל. זאַטץ,	„ 74.
מ. וואלבערג,	„ 82.
ס. ווילענסקי,	„ 83.
א. מילער,	„ 91.
י. מאגיד,	„ 96.
מ. קאַטץ,	„ 99.
א. אדלער,	„ 134.
ס. פיין,	„ 145.
דזש. באקסט,	„ 219.
ה. סעגאלאָוויטץ,	„ 247.
ב. סטיין,	„ 280.
מ. גאָלדינג,	„ 627.
פּ. טאלטשינסקי,	„ 11.

אינהאַלט פערצייכניס.

אַרטיקלען:

א. ליעסין, דער ארב. רינג, זיין וואוקס און זיינע אויפגאַבען פּיידזש 3
אַב. קאַהאַן, בעגריסונג. „ 15
מ. וולאַדעק, דער ארב. רינג אין קאַונטרי. „ 16
מ. ווינטשעווסקי, דער ארבייטער רינג, זיין וואוקס, זיינע געפאַהרען און זיינע שונאים. „ 24
י. אַדלער, אונזער בוים... (געדיכט). „ 30
ש. יאַנאָווסקי, צום 10־יעהריגען יובילעאום פון ארב. רינג „ 34
י. סאַלוצקי, קראַנקען־בענעפיט און קלאַסען־קאַמפּף. „ 39
מאָרים ראָזענפעלד, זעלבסט־הילף. „ 52
ב. פייגענבוים, ווי רעטעט מען די נשמה פון ארב. רינג? „ 57
דר. ק. פאַרנבערג, ארבייטער־פערזיכערונג אין אייראָפּא „ 67
א. ש. זאַקס, צום 10־יעהריגען יובילעאום פון ארב. רינג. „ 127
ס. ק. שנעעפאַל, אידיש, דער אידישער ארבייטער און די הויפּט־אויפגאַבע פון ארבייטער רינג. „ 129
דר. טש. ראַיעווסקי, בלעטלאַך פון דער געשיכטע פון סאַנאַטאָריען פאַר שווינדזיכטיגע. „ 136
י. וויינטרויב, דער ארבייטער רינג (אַ קורצער היסטאָרישער איבערבליק). „ 149
מ. לאַנדאָן, דער ראַדיקאַלער איד אין דער נייער היים. „ 163
צביון, דער ארבייטער רינג און זיינע קולטור־אויפגאַבען. „ 167
ל. ראָזענצווייג, ערינערונגען. „ 188
ליליפּוט, דער ארבייטער רינג. „ 198
ש. עפּשטיין, געדאַנקען פון אַ „גרינעם“. „ 208
ב. פיינגערהוד, קאָ־אָפּעראַציאָן און דער ארב. רינג. „ 215
י. וו—ב, פראַטערנאַל סאָסייעטים. „ 228

דר. מ. דזש. בראָדסקי, קאָ־אָפּעראַטיווע אינשורענס אין אמעריקא. — פּיידזש 237
יעקב גאָרדין, קען דאָס זיין? — „ 243
בעגריסונג פון דזשענ. עקזעקוטיוו קאָמיטע א. ר. — „ 248
בעגריסונג פון דער קאָנטראָל קאָמיטע א. ר. — „ 252
בעגריסונג פון דער 25ער קאָנווענשאָן אראנדזשמ. קאָמיטע — „ 253

בילדער:

1) פעראייניגונג.
2) קאַמפּף.
3) הילף.
(געצייכענט פון א. פּאָדערסאָן, מעמבער בר. 74 ארב. רינג.)
4) דזשענעראַל עקזעקוטיוו קאָמיטע א. ר. 1910—1909.
5) קאָנטראָל־קאָמיטע א. ר. 1910—1909.
6) עקזעקוטיוו־אָפּיס.
7) עקזעקוטיוו־קאָמיטע א. ר. 1907—1906.
8) עקזעקוטיוו־קאָמיטע א. ר. 1909—1908.
9) ערעפנונגס־פעסט פון סאַנאַטאָריום.
10) „ליענטו“, ליבערטי.
11) סאַנאַטאָריום־אדמיניסטריישאָן בילדינג.
12) דזשענעראַל אָפיס סטעף.
13) סעקרעטערס אָפיס און אינפאָרמיישאָן־רום.
14) מיילינג, קראנקען־בענעפיט און בוך־קיפּינג דעפּארטמענטס.
15) מעמבערשיפּ, סעמעטערי און אלגעמיינע בוך־קיפּינג דעפּארטמ.
16) רי פּאָרם פון ארב. רינג סאַנאַטאָריום בעת מען האָט זי געקויפט.

ליפּשיץ־מילער קאָ., 217 א. בראָדוויי.

65272